STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04992

BATUALA

Rene Maran

Permanent preservation of this book was made possible
by Edna Glikmann
in memory of
Regina & Harry Goldrath

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בּאַטוּאַלאַ

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

רענע מאַראַן

באַטואַלאַ

פון פראַנצויזיש: ק. בראַקער

אונטער דער רעדאַקציע פון מ. ראַקאָווסקי

1929 וואַרשע

Réné Maran
B a t o u a l a
B-ci Wójcikiewicz, Warszawa,
Pawia 10, tel. 265-82.

רענע מאראן

הקדמה

אַנרי דע רעניע און זשאַק בולאַנזשע, איר באַשיצער פון דעם בוך! ס׳וואָלט געווען אַן עוולה פון מיין זייט, נישט צו דערמאָנען באַלד ביים אָנהייב פונם פאָרוואָרט דאָס אַלעס, וואָס איך בין אייך שולדיק פאַר אייער גוטהאַרציקייט און פאַר אייערע עצות.

איר ווייסט דאָך וועגן מיין ברענענדיקן פאַרלאַנג, אַז דערדאָזיקער ראָמאַן זאָל האָבן דערפאָלג. אינדעראמתן איז ער נישט מער ווי אַ פועל־יוצא פון שטאַרקע בראָנפן. כ׳האָב אים אָבער פאַרפולקאָמט אין משך פון זעקס יאָר. גאַנצע זעקס יאָר האָב איך פאַרבראַכט, כדי אויסצודריקן דאָס, וואָס כ׳האָב דאָרטן געהערט, כדי צו באַשרייבן דאָס, וואָס כ׳האָב געזען.

אין משך פון דידאָזיקע זעקס יאָר האָב איך קיין איין מאָמענט נישט נאָכגעגעבן דעם נסיון—צו זאָגן אַ וואָרט. מיין אָביעקטיוו געוויסן איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אז איך האָב אפילו אויסגעשטראָכן די רעפלעקסיעס, וועלכע מ׳וואָלט געקענט פאַררעכענען אויף מיין חשבון. די נעגער פון דער עקוואַטאָרישער אַפריקע זענען, באמת, אומבאַרעכנטע. נישט פאַרמאָגנדיק קיין קריטישן שכל, האָבן זיי נישט געהאט און זיי וועלן קיינמאָל נישט האָבן קיין ברעקל אינטעליגענץ. אַזוי, לכל הפחות, מיינט מען. אָבער מ׳האָט, בלי ספק, אַ גרויסן טעות. ווייל, ווען אינטעליגענץ וואָלט אפילו יאָ געווען דער כאראקטעריסטישער

שטריך פונם נעגער, װאָלט אין דעם פּרט דער אײראָפּײער נאָר אַ קנאַפּן חלק געהאַט.

אַלזאָ, דער ראָמאַן איז אינגאַנצן אַן אָביעקטיװער. ער באַמיט זיך נישט אױפצוקלערן: ער קאָנסטאַטירט. ער פּאַלט נישט אַרײַן אין צאָרן: ער פאַרצײכנט נאָר פאַקטן. ס׳האָט אַנ־דערש נישט געקענט זײַן. אין די לבנה־נעכט, אױסגעצױגן אױף מײַן לאַנגער שטול, האָב איך זיך פון מײַן װעראַנדע צוגעהערט צו די שמועסן פון דידאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן. זײער שפּאַס האָט עדות געזאָגט אױף זײער פאַרצװײפלונג. זײ האָבן געליטן און געלאַכט פון די לײדן.

אַך! ה׳ ברועל, אין אַ װיסנשאַפטלעכער, שלעכט צוזאַ־מענגעשטעלטער אַרבעט, האָט איר געקענט פעסטשטעלן, אַז די באַפעלקערונג פון אובאַנגי־שאַרי האָט דערגרײכט ביז 1.350.000 פערזאָן. אָבער פאַרװאס האָט איר נישט דערצײלט בעסער, אַז אין אזא קלײן שטעטל, װי אואַם, האָט מען אין יאָר 1918 נישט געקענט אױפרעכענען מער פון 1.080 אײנװױנער, בעת מיט זיבן יאָר צוריק זענען דאָרט פאַררעגיסטירט געװאָרן גאַנצע 10.000 נפשות! איר האָט גערעדט װעגן דעם רײכטום פון דעמדאָזיקן אומענדלעכן לאַנד. פאַרװאָס האָט איר גאָרנישט דערמאָנט פונם הונגער, װאָס הערשט דאָרט.

אָבער איך פאַרשטײ. װאָס, אַ שטײגער, קען עס אַרן דעם מזל־סיריוס, אַז צען, צװאַנציק, אָדער אפילו הונדערט פון די אָרטיקע אײנװױנער האָבן, אין אַ טאָג פון אַן אומדערטרעגלעכן הונגער צװישן דעם טינוף פון די פערד, װאָס געהערן צו זײ־ערע פלומרשטע װױלטעטיקער, — די רויב־פויגל, — געזוכט נישט דערעסענע קערנדלעך פון קוקורוזע אָדער פון הירזש, כּדי עס אױפצועסן!

מאָנטעסקיע איז געװען גערעכט, בעת ער זאָגט מיט אַ קאַלטער איראָניע, אונטער װעלכע עס פילט זיך אַן אײנגע־האַלטענע אױפרעגונג: „זײ זענען אַזױ שװאַרץ פון קאָפּ ביז די פיס, און זײ האָבן אַזעלכע צעקװעטשטע נעז, אַז ס׳איז כּמעט אוממעגלעך זײ צו באַדױערן”.

נאָך אַלעמען, אויב זיי גייען אויס פֿון הונגער אין די טויזנטער ווי די פֿליגן, איז דאָס אפשר בעסער פֿאַרן לאַנד. ס'וועל פֿאַרשווינדן בלויז די, וועלכע קענען זיך נישט צופּאַסן צו דער ציוויליזאַציע.

ציוויליזאַציע, ציוויליזאַציע, דער שטאָלץ פֿון די אייראָפּייער, מיט זייער יאַטקע פֿון תּמימותדיקע מענטשן! ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע, דער אינדישער פּאָעט, האָט איינמאָל אין טאָקיאָ געזאָגט — ווער דו ביסט!

דו בויסט דיין קעניגרייך אויף טויטע קערפּער. וואָס דו זאָלסט נישט וועלן, וואָס דו זאָלסט נישט טון — באַנוצטסטו תּמיד דיין פֿאַלשקייט. דאָרט, ווו דו באַווייזט זיך — מוזן זיך טרערן גיסן און דער ווייטיק מוז יאָמערן. דו ביסט די קראַפֿט, וואָס דערשטיקט דאָס רעכט. דו ביסט נישט קיין פֿאַקעל, נאָר אַ שריפֿה. צו וואָס דו ריירסט זיך נאָר צו — פֿאַרצערסטו...

דער כּבֿוד פֿונם לאַנד, וואָס האט מיר אַלץ געגעבן! מיינע ברידער פֿון פֿראַנקרייך, שריפֿטשטעלער פֿון אַלע גרופּירונגען; — איר, וועלכע דיספּוטירט גאַנץ אָפֿט איבער גאָרנישט, איר, וועלכע רייסט זיך מיט אייגאַנדער אויס פֿאַרגעניגן וועגן און בעט זיך יעדעס מאָל איבער, ווען מען דאַרף קעמפֿן פֿאַר אַ גערעכטן און איידעלן אידעאַל, — אייך רוף איך צו הילף, ווייל איך גלויב אין אייער גרויסמוטיקייט!

מיין בוך האָט גאָרנישט צו טאָן מיט קיין פּאָלעמיק. צופֿעליק נאָר דערשיינט ער אין דער רעכטער צייט. דאָס פּראָבלעם פֿון די נעגער איז איצט אַקטועל. אָבער ווער האָט געוואָלט, אַז אזוי זאָל זיין? די אַמעריקאַנער. די אַקציע פֿון די זשורנאַלן פֿון יענער זייט רהיין. אויך „ראָמול קוקו" פֿון פּאָול רעבו, „די צורה פֿון אפֿריקע" פֿון פּיער באָנאַרדי, און „די איינזאַמקייט" פֿונם שלימזלדיקן קאָמבעט. האָט איר דען נישט „עוועל", קליין נייגעריק נפֿשל, אין דער צייט ווען איר זענט נאָך געווען אַ טעגלעכע אויסגאַבע, געמאַכט אין אָנהויב פֿון דעם יאָר אַן אַנקעטע, כּדי צו וויסן אויב אַ ווייסע פֿרוי קען חתונה האָבן מיט אַ נעגער?

פון דאַמאָלס אָן, האָט זשאַן פינאָט פּובּליקירט אינם „רעווי" אַרטיקלען וועגן באַנוצן נעגערישע זעלנער. פון דאַמאָלס אָן האָט דער דאָקטאָר היאָט פאַר זיי געווידמעט אַ שטודיום אין „מערקיר דע פראַנס". פון דאַמאָלס אָן האָבּן די „ליטעראַרישע שריפטן" אין די פאַריייניקטע שטאַטן, דערציילט וועגן זייערע ליידן. ענדלעך, אין שייכות מיט אַן אינטערפּעלאַציע אין פּאַרלאַמענט האָט דער קריגס-מיניסטער, ה' אַנדריי לעפּעוור, נישט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז געוויסע פראַנצויזישע באַאַמטע פירן זיך אויף אין די באַזיגטע געביטן פון עלזאַס לאָטרינגען, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען אין דער פראַנצויזישער קאָנגאָ.

אַזעלכע ווערטער, אַרויסגעזאָגטע אין אַזאַ הויך אָרט, האָבּן אַ גרויסע באַדייטונג. זיי באַווייזן גלייכצייטיק, אַז מ'ווייסט, וואָס ס'קומט פאָר אין דידאָזיקע וויטע לענדער, און אַז מ'האָט נאָך נישט בּיז איצט געפּרוווט אַ סוף צו מאַכן צו די מיסבּרויכן, פאַלשקייטן און אכזריותן, וואָס ווערן דאָרט אין אַן אומגעהויערער מאָס אָפּגעטאָן. אַלזאָ, די בּעסטע קאָלאָניסטן זענען נישט געווען קיין קאָלאָניסטן, פאַכלייט, נאָר אַ מין אייראָפּייאישע אַרמיי אין די „אָקאָפּעס". ה' דיאַגן אַליין באַשטעטיקט עס.

מיינע גייסטיקע בּרידער, פראַנצויזישע שריפטשטעלער, דאָס אַלץ איז אַ בּיטערער אמת. דערפאַר טאַקע ליגט פון הייַנט אָן אַ חוב אויף אייך צו דערקלערן, אַז איר ווילט בשום אופן נישט, אַז אייערע לאַנדסלייט, וועלכע געפינען זיך דאָרטן, זאָלן באַשמוצן די נאַציע, פון וועלכער איר זענט די זיילן.

זאָל זיך אייער שטימע לאָזן הערן! איר דאַרפט העלפן די, וואָס שטעלן פאָר די לאַגע אזוי ווי זי איז, און נישט אַזוי, ווי מ'וואָלט געוואָלט—עס זאָל זיין. און שפּעטער, אַז מ'וועט באַזייטיקן די קאָלאָניאַלע תּלינים, וועל איך אייך שילדערן אייניקע פון די טיפן, וועלכע כ'האָבּ שוין אָנגעצייכנט, נאָר וועלכע כ'באַהאַלט נאָך אויף אַ צייט אין מיינע העפטן. כ'וועל

אײך דאַמאָלס זאָגן, אַז אין אײניקע געביטן זענען די אומגליקלעכע נעגערס געווען געצוווּנגען צו פאַרקויפן זײערע ווײבער פאַר אַ פּרײז פון פינף און צוואַנציק ביז פינף און זיבעציק פראַנק אַ נפש. כ׳וועל אײך זאָגן... אָבער דאַמאָלס וועל איך שוין רעדן אין מײן נאָמען און נישט אײנעם נאָמען פון אַן אַנדערן; דאַמאָלס וועל איך אַרויסזאָגן מײנע געדאַנקען און נישט פרעמדע טראַכטענישן. פאָרלױפיק קען איך אָט וואָס זאָגן: די אײראָפּײער, אויף וועלכע איך צילעווע זיך, זענען אַזוי נידערטרעכטיק, אַז איך בין זיכער, אַז קײנער פון זײ וועט נישט האָבן קײן העזה צו פּרוּבירן אָפּלײקענען מײנע פאָרוואָרפן.

ווען מ׳וואָלט נאָר געוווּסט אויף וועלכער טאָג־טעגלעכער געמײנקײט דאָס ברײטע קאָלאָניאַלע לעבן איז געבויט, וואָלט מען דערפון ווײניקער גערעדט, מ׳וואָלט מער לגמרי דערפון נישט גערעדט. דאָס פאַרדאַרבט ביסלעכווײז דעם מענטשן. זעלטן געפינט מען צווישן די קאָלאָניאַלע באַאַמטע אַזעלכע, וואָס פירן זיך לויט זײער אײגענעם פאַרשטאַנד. זײ זענען נישט ביכולת קעגנצושטעלן זיך זײער סביבה. מ׳געוואוינט זיך אײן צו אַלקאָהאָל. פאַר דער מלחמה זענען געווען אַ סך אײראָפּײער, וועלכע זענען געווען פעיק אויסצולײדיקן פאַר זיך אַלײן מער ווי פופצן ליטער בראַנפנדיקס אין אַ משך פון דרײסיק טאָג. פון דאַמאָלס אָן קען איך, צום באַדויערן, אײנעם, וואָס האָט פשוט געשלאָגן דעם רעקאָרד: אין אײן חודש האָט ער געקענט אויסטרינקען אַכציק פלעשער וויסקי!

אַזאַ געמײנע אויפפירונג וכדומה, דערפירן די מענטשן, וואָס צײכענען זיך דערין אויס, צו דער נידעריקסטער מדרגה. אַזאַ נידערטרעכטיקײט שטאַמט אַרויס בלויז פון די פאַרשוינען, וואָס רעפּרעזענטירן פראַנקרײך; זײ זענען אויך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די לײדן, בײ היינטיקן טאָג, אין אײניקע געביטן אינעם לאַנד פון די שוואַרצע. ווײל כדי צו דערגרײכן אַ העכערן פּאָסטן, טאָרן זײ נישט האָבן „קײן שום געשיכטן”. פאַרפאָלגט דורך דעם געדאַנק, האָבן זײ אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זײט

זייער שטאָלץ, זיך געוואַקלט, אָפּגעלייגט פון טאָג צו טאָג, גע־שאָטן ליגנס און פאַרמאַסקירט די ליגנס. זיי האָבן זיך געמאַכט נישט זעענדיק. זיי האָבן גאָרנישט געוואָלט הערן. זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט צו רעדן. און, אַז צו זייער אינטעלעק־טועלער אָרעמקייט איז צוגעקומען זייער מאָראַלישע שפלות, האָבן זיי אָן שום געוויסנלײדן פאַרראַטן זייער לאַנד.

איך רוף אייך צו פאַריכטן דאָס אַלעס, וואָס די אַדמי־ניסטראַציע באַצייכנט נאָר מיטן מילדן וואָרט „טעותים". דער קאַמף וועט זיין אַ שווערער, איר וועט זיך דאַרפן קעגנשטעלן די נעגער־פאַרזאָרגער. דער קאַמף מיט זיי איז ערגער, ווי מיט ווינט־מילן. אייער אַרבעט אָבער וועט זיין אַ וויכטיקע. אַלזאָ, צו דער זאַך, תּיכּף, נישט אָפּגעלייגט. פראַנקרייך וויל דאָס!

דער ראָמאַן קומט פאָר אין אובאַנגאַ־שאַרי, איינע פון די פיר קאָלאָניעס, וועלכע געפינען זיך אין עקוואַטאָריאַלער אַפריקע, אונטער דער הויפּט־הערשאַפט פון די פראַנצויזן.

פון דרום זייט איז זי אָפּגעטיילט פון די איבריקע גע־ביטן דורך דעם טייך אובאַנגי, פון מזרח, דורך דער גרעניץ־ליניע פון די וואַסערן קאָנגאָ־נילוס; פון צפון־זייט און מערב־זייט—דורך די טייכן קאָנגאָ און שאַרי. דידאָזיקע קאָלאָניע איז, ווי אַלע איבריקע, איינגעטיילט אין געביטן און אומ־געגנטן.

יעדער געביט איז אַן אַדמיניסטראַטיווע גאַנצקייט; ס'אַנט־שפּרעכט אַ דעפּאַרטאַמענט. די אומגעגנטן זענען אונטער־פּרע־פעקטאָרן.

דער געביט פון קעמאָ איז איינער פון די וויכטיקסטע אין אובאַנגי שאַרי. אויב מען וואָלט געאַרבעט ביי דער באַ־רימטער אייזנבאַן, וועגן וועלכער מ'רעדט שטענדיק און מ'הייבט קיינמאָל נישט אָן, וואָלט דער פונקט פון פאָרט־סיביט, דאָס וויכטיקסטע אָרט אין דעם געביט, געוויס געוואָרן דאָרט די הויפּטשטאָט.

קעמאָ באַזיצט פֿיר געגנטן: פֿאָרט-דע-פּאָסעל, פֿאָרט-סיבוט, דעקאָאַ און גרימאַרי. די אָרטיקע תּושבֿים, און אַפֿילו די אייראָפּייער, באַצייכענען זיי מיט די נעמען: קעמאָ, קרעבעדגע, קאָמבעלע און באַמבאַ. דאָס הויפּט-אָרט אינם געגנט קעמאָ, פֿאָרט-סיבוט אָדער קרעבעדגע, געפֿינט זיך אַן ערך הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער פֿון באַנגי, די הויפּטשטאָט פֿון אובאַנגי-שאַרי, וווּ די צאָל אייראָפּייער האָט קיינמאָל נישט אַריבערגעשטיגן הונדערט פֿופֿציק פּערזאָן.

די אומגעגנט פֿון גרימאַרי, וועלכע מ'רופֿט אויך באַמבאַ אָדער קאַנאַדזשיאַ, לויט דעם טאָפּלטן נאָמען פֿון טייך, ביי וועלכן מ'האָט איינגעאָרדנט דעם אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן, — געפֿינט זיך אויף אַ מהלך פֿון הונדערט צוואַנציק קילאָמעטער צו מזרח — פֿון קרעבעדגע.

די געגנט איז שטאַרק רייך אין קאַאוטשוק און שטאַרק באַפֿעלקערט. איר גאַנצער שטח איז באַדעקט מיט כּלערליי פּלאַנטאַציעס. זי פֿאַרמאָגט אָן אַ שיעור הינער און ציגן.

זיבן יאָר זענען געווען גענוג צו מאַכן אַ תּל פֿון דעם אַלעמען. די שטעטלעך זענען געוואָרן שיטערער, די פּלאַנטאַציעס זענען נעלם געוואָרן; די הינער און ציגן זענען אויסגעשאָכטן געוואָרן. די אָרטיקע איינוואוינער, אָבגעשוואַכטע דורך כּסדרדיקע שווערע, נישט באַצאָלטע אַרבעטן, זענען נישט געווען ביכולת אין דער נויטיקער צייט צו זייען זייערע פֿעלדער. זיי האָבן געזען, ווי קראַנקייטן ווערן דאָרט איינגעפּלאַנצט, דער הונגער פֿאַרשפּרייט זיך אַלץ מער און זייער צאָל ווערט וויי‎ניקער.

און דאָך שטאַמען זיי פֿון אַ געזונטער, דרייסטער משפּחה, צו וועלכער די קרענק האָט נישט געהאַט קיין שליטה און די אַרבעט האָט נישט אָפּגעמאַטערט. נישט די רויבערישע אָנפֿאַלן פֿון אויסערלעכע פֿיינט, נישט די אינערלעכע רויבערייען האָבן איר נישט געקענט פֿאַרטיליקן. דער נאָמען אַליין פֿון זייער שטאַם האָט שוין עדות געזאָגט אויף זייער לעבנס-קראַפֿט. זענען זיי דען נישט געווען קיין „באַנדאָס“? באַדייט דען נישט

„באַנדאַס״: נעצן? ווייל מיט נעצן גייען זיי אויף יאַגד, אינם סעזאָן, ווען די פייערן פון די געדיכטע סטעפּעס פלאַקערן אויף אַלע האָריזאָנטן.

די ציוויליזאַציע איז דאָרט דורכגעגאַנגען. און די דאַקפּאַס, מ׳ביסעס, מאַרובאַסעס, לאַנגבאַסיסעס, סאַבאַנגאַסעס און נ׳גאַפּוסעס,—אַלע „באַנדאַס-שבטים״ זענען פּאַרטיליקט געוואָרן.

די געגנט פון גרימאַרי איז פּרוכטבאַר, רייך אין פויגל און דער באָדן איז הויקערדיק. ס׳איז דאָרט אַ שפע אויף ווילדע אָקסן, חזירים, ווי אויך אויף פּערל-הינער, טורקל-טויבן און פעלד-הינער.

טייכן באַוואַסערן זי פון דריי זייטן. די ביימער זענען שיטערער, דורכדרינגלעכער. מ׳דאַרף זיך דערויף נישט חידושן: די עקוואַטאָרישע פלאַנצונגען ענדיקן זיך ביי באַנגי. מ׳טרעפט דאָ נישט קיין פּרעכטיקע ביימער, סיידן נאָר אין די לאַנגע וועלדער-שטחים, וואָס ציען זיך לעבן סאַמע וואַסער.

די טייכן שלענגלען זיך צווישן די העכערע ערטער, וואָס די „באַנדאַס״ רופן אָן אויף זייער לשון: „קאַגאַס״.

דריי קאַגאַס, וואָס געפינען זיך צום נאָענטסטן ביי גרימאַרי זענען: קאַסעגאַמבאַ, גאָבאָ און ביגאָ.

דער ערשטער ציט זיך בערך צוויי-דריי קילאָמעטער צו דער דרום-מזרחדיקער זייט פונם פּאָסט און גרענעצט אָפּ אין דערדאָזיקער ריכטונג דעם טאָל פון באַמבאַ. גאָבאָ און ביגאָ געפינען זיך אינם לאַנד פון די נ׳גאַפּוס, אַן ערך צוואַנציק קילאָמעטער אויף צפון-מזרח...

אָט אַזוי קוקט אויס די געגנט, באַשריבן אין אַ פּאָר שורות, די געגנט, וווּ ס׳וויקלט זיך פאַנאַנדער דערדאָזיקער ראָמאַן פון אַן אָביעקטיווער באַאָבאַכטונג.

און איצט, פּונקט ווי ווערלען האָט געזאָגט צום סוף פון זיין „טערצאַ רימאַ״, אינם אָנפאַנג פון זיינע „סאַטורנישע פּאָעמען״:

„איצט גיי, מיין בוך, וווהין דער צופאַל וועט דיך פירן״.

ר. מ.

באָרדאָ

ב אַ ט ו אַ ל א

.I

דאָס פייער, וואָס מ׳צינדט אָן לויטן מנהג יעדן אָוונט, איז אין משך פון דער נאַכט פאַמעלעך אויסגעברענט געוואָרן, איבערלאָזנדיק אַ גרויסע קופּע פון הייסן אַש.

די קאַלטלעכדיקע וואַנט פון דער כאַטקע שוויצט. אַ בלאַסע ליכטיקייט זיפּט זיך אַריין דורך דער לאָך, וואָס דינט פאַר אַ טיר. אונטער דעם שטרוי הערט מען די שטילע, אָנגסופּיקע רייבעריי פון די בינען. געשיצט אין זייערע צעלעס פון ברוינער ערד, ווימלען זיי זיך אין די צווייגן פונם נידעריקן דעכל, וואָס גיט זיי אַ מקום-מקלט קעגן נאַסקייט און קעגן דער זון.

אינדרויסן קרייען די הענער. מיט זייער „קוקורעקו״ באַהעפט זיך דאָס מעקען פון די ציגן, וועלכע שפּרינגען אַרום זייערע נקבות, דאָס שרייען פון די פויגל; און ווייטער אַביסל, אין די הויכע קוסטעס, אויף די ברעגעס פון פּאַמבאָ און באַמבאַ, קומט צו אויך דאָס הייזעריקע געשריי פון די „באַקואיאַס״,—מאַלפּעס מיט אויסגעצויגענע פּאַסקעס, ווי ביי הינט.

ס׳קומט אָן דער טאָג.

הגם באַטואַלאַ, — באַטואַלאַ, דער שעף און דער „מאַקונדזשי״ פון אַזויפיל דערפלעך איז נאָך שטאַרק פאַרשלאָפן, דאָך שפּירט ער אויסגעצייכנט דידאָזיקע אַלע קולות.

ער גענעצט, גיט אַ ציטער און ציט זיך אויס, נישט וויסנדיק צי ער דאַרף צוריק איינשלאָפן אָדער אויפשטיין.

אויפשטיין! ב׳גאַקוראַ! פאַרוואָס עפּעס אויפשטיין? ער האָט דערפון נישט געוואָלט וויסן, ווייל בטבע איז ער געווען

אַ שונא פון גאָר פּשוטע אָדער גאָר קאָמפּליצירטע באַשלוסן.

אָט, אפילו אַרויסצורייסן זיך פון בעט, צי דאַרף מען זיך דען נישט שטאַרק אָנשטרענגען? אין פלוג קען זיך אויסווייזן, אַז אַזאַ מין באַשלוס איז אַן און פאַר זיך זייער אַ פּשוטער. אינדעראמתן אָבער איז ער זייער אַ שווערער, ווייל אויפכאַפּן זיך און אַרבעטן איז איינס און דאָסזעלבע, הויפּטזעכלעך ביי די ווייסע.

נישט די אַרבעט האָט אים אַזוי שטאַרק געשראָקן. קרעפּטיק, שטאַרק געבויט, אַן אויסגעצייכנטער פוסגייער — האָט ער צו זיך קיין צווייטן נישט געהאַט אין וואַרפן שפּיזן אָדער מעסער, אין לויף, אָדער אין קאַמף.

פון איין עק צום צווייטן פונם ברייטן באַנדאַ-לאַנד האָט מען גערימט זיין לעגענדאַרע קראַפט. זיינע ליבעס-פּאַסירונגען אָדער מלחמה-אונטערנעמונגען, זיין געשיקטקייט פון אַ דורכגעטריבענעם יעגער זענען איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, גלייך ווי ער וואָלט נסים באַוויזן. און ווען „איפּי", די לבנה, האָט זיך באַוויזן אויפן הימל, האָבן די מ'ביס, דאַקבאַס, דאַקואָס און לאַנבאַסיס באַזונגען אין זייערע ווייטע דערפלעך די מעשים פונם גרויסן מאָקונדזשי—באַטואַלאַ, בעת די נישט האַרמאָנישע קלאַנגען פון די באַלאַפּאָנעס און קונדעס האָבן זיך באַהעפט מיט דעם טאַם-טאַם פון די „לינגאַס".

די אַרבעט האָט אים אַלזאָ נישט געקענט שרעקן.

בלויז אין דער שפּראַך פון די ווייסע האָט דאָסדאָזיקע וואָרט באַקומען אַ מין אויסטערלישע באַדייטונג. ס'באַצייכנט: טירחה אָן אַ ממשותדיקן און אוממיטלבאַרן רעזולטאַט, צרות, עגמת-נפש, ליידן; דאָס הייסט פטרן דאָס געזונט, נאָכיאָגן זיך נאָך אויסגעטראַכטע צילן.

אַך, די ווייסע! די וואָלטן בעסער געטאָן ווען זיי גייען אַלע אַוועק צו זיך אַהיים. זיי וואָלטן בעסער געטאָן, ווען זיי באַגרענעצן זייערע פאַרלאַנגען אַרום זייערע שטוב-זאָרגן אָדער אַרום דער אַרבעט ביי זייער ערד, אָנשטאָט צו פאַרברייטערן זיי, צוליב די נאַרישע פאַר גראַשן.

דאָס לעבן איז קורץ. די אַרבעט איז פאַר די, וועלכע וועלן דאָס לעבן קיינמאָל נישט פאַרשטיין. אומטעטיקייט דערנידעריקט נישט דעם מענטשן. ווער ס'קוקט זיך גוט איין, ווייסט ווי אונטערצושיידן אומטעטיקייט פון פוילקייט.

וואָס שייך אים, באַטואַלאַן, כל־זמן ער האָט נישט געהאט קיין אַנדערע איבערצייגונגען, האָט ער געוואָלט גלויבן, אַז גאָרנישט טאָן — הייסט פשוט האָבן אַ נוצן פון דעם אַלעם, וואָס רינגלט אונדז אַרום. ווייל לעבן פון טאָג צו טאָג, נישט טראַכטן פונם נעכטן, נישט זאָרגן זיך פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, גאָרנישט פאָראויסזען — אָט דאָס הייסט פאָלקאָמקייט. און באמת: צו וואָס אויפשטיין? ס'איז בעסער צו זיצן איידער צו שטיין; ס'איז בעסער צו ליגן איידער צו זיצן.

דאָס שטרוי, אויף וועלכן ער איז געלעגן, האָט פאַרשפרייט אַ מחיהדיקן ריח פון אָפּגעשניטן גראָז. דאָס פעל פון אַ ווילדן, ערשט געהרגעטן ווילדן אָקס, איז נישט געווען ווייכער.

אַלזאָ, אפשר וואָלט ער געפּרווט צוריק איינשלאָפן, איידער צו חלומען אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן? אויף אַזאַ אופן וואָלט ער בעסער געקענט אָפּשאַצן דאָס זיסע פאָלקאָמקייט פון זיין „באָגבאָ״.

נאָר צוערשט דאַרף מען צעשאַרן דאָס פייער.

אַ פּאָר טרוקענע שפּענדלעך און אַ ביסל שטרוי וועט זיין גענוג. מיט אָנגעבלאָזענע באַקן וועט ער בלאָזן אויפן אַש, ווו ס'טליען נאָך פונקען. באַלד נאָכדעם וועט דאָס פייער אָנהייבן צו טראַסקען; אַ שטיקנדיקער, שאַרפער רויך וועט אויפגיין, דרייענדיק זיך אין קנוילן. שפּעטער וועלן מיט אַמאָל אַ זעץ טאָן די פלאַמען, אויסטיילנדיק אַן איינגענעמע וואַרעמקייט.

און מיט דעם רוקן צום פייער, וועט ער, אין דער אָנגעוואַרעמטער כאַטקע צוריק איינשלאָפן, אויסגעצויגן ווי אַ ווילדער חזיר. ער וועט זיך נאָך דאַרפן וואַרעמען ביי די קוילן, פונקט ווי אַ יאַשטשערקע אויף דער זון. ער וועט נאָר דאַרפן

נאָכמאַכן דער „יאַסי״ מיט וועלכער ער לעבט שוין אַזוי לאַנג.

איר ביישפּיל איז געווען אַן אויסגעצייכנטער. רויק, נאַקעט, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן אַ קלעצל, די הענט אויפן בויך, די פיס צעשפּרייט, האָט זי געמאַכט „גאָלאָגאָלאָ״, האָט געשנאָרכט אויף וואָס די וועלט שטייט, לעבן דעם פייער, וואָס איז אויך איינגעשלאָפן געוואָרן, ווי זי אַליין.

ווי זיס זי שלאָפט! פון צייט צו צייט רירט זי אָן אירע אַראָפּגעהאָנגענע און צעקנייטשטע ברוסטן, וועלכע זעען אויס ווי בלעטער פון אויסגעטריקנטן טאַבאַק, און קראַצט זיך, אַרויסלאָזנדיק לאַנגע זיפצן. אירע ליפּן שאָקלען זיך. זי מאַכט פאַרשידענע העוויות. באַלד באַרויקט זי זיך — און איר שנאָרכן ווערט רעגלמעסיק...

דער שומר פון די הינער, קאַטשקעס און ציגן, דאָס קליין געל אומעטיק הינטל איז געלעגן צוזאַמענגעקנוילט אויף אַ קופּע קאַאוטשוק-קערבלעך.

פון זיין קערפּער, אויסגעמאָגערט פון דחקות, האָט מען נאָר אַרויסגעזען די גלייכע, שפּיציקע און באַוועגלעכע אויערן. פון צייט צו צייט, אויפגערעגט פון אַ פלוי אָדער דורך אַ ביס פון אַ פליג, באַוועגט ער מיט זיי. עפּעטער האָט ער געוואָרטשעט און זיך נישט געריררט פונם אָרט, ווי יאַסי-גינדזשאַ, די אויסדערוויילטע יאַסי פון זיין באַלעבאָס באַטואַלאַ, דער מאַקונדזשי. אָדער גאָר פאַרפאָלגט דורך ציינישע חלומות, האָט ער איבערגעריסן די שטילקייט מיט אַ פאַרשטיקט בילן און אויפגעעפנט דעם פּיסק, כדי צו כאַפּן דעם פוסטן שטח...

באַטואַלאַ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף די עלנבויגנס. ס'איז באמת געווען אינגאַנצן אוממעגלעך איינצושלאָפן! אַלעס איז געווען קעגן זיין רו. דורכן איינגאַנג פון זיין כאַטקע זיפּט זיך אַריין דער ברוינלעכער נעפּל. ס'איז קאַלט. ער איז הונגעריק. און דער טאָג וואַקסט...

און באמת: ווו און וויאַזוי קען מען שלאָפן? דרויסן, אין די געדיכטע און נאַסע גראָזן, האָבן געקוואַקעט פלערליי

זשאַבעס. אַרום און אַרום, נישט קוקנדיק אויף דער קעלט, זשומען די „פּורוס" און די קאָמאַרן אָן אַ שיעור, ווייל דאָס אויסגעלאָשענע פייער האָט שוין נישט קיין רויך, כּדי זיי צו פאַרטרייבן. חוצדעם, וואָס קומט אַרויס, אַז די ציגן זענען שוין יאָ אַוועק ביים ערשטן קרייען פון די הענער! די הינער זענען דאָך געבליבן און מאַכן אָן אַ גאַנצן געפּילדער.

אויך די קאַטשקעס, אָט די רויקע קאַטשקעס, צונויפגעזאַמלט אַרום זייער עלטסטן, ציען איין זייערע העלדזער, כּדי זיי ווידער אויסצוציען און, אויסציענדיק זיי קוואַקען זיי אַלע פון גרויס חידוש.

מען האָט געקענט מיינען, אַז ס'איז געשען מיט די קאַטשקעס עפּעס אַזוינס, וואָס איז נאָך קיינמאָל מיט זיי נישט פאָרגעקומען. זיי האָבן געדרייט מיט די ווידלען, געגאָגעט, געזוכט אויף רעכטס און אויף לינקס און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי פרעגן זיך עפּעס איינע ביי דער צווייטער.

ווען זיי האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זיי האָבן געפונען דאָס, וואָס זיי זוכן — האָבן זיי ערנסט, ווירדיק און אומגעשיקט, זיך אָנגעהייבן אַרומצודרייען איינע נאָך דער צווייטער אַרום די קאַוטשוקענע קערב, איבערחזרנדיק דיזעלבע הצוויות.

ביי יעדן טריט פון זייער וואַקלענדיקן שפּאַציר, האָט די משא פון זייער האַלדז זיי געצויגן עטוואָס פאָרויס.

דערנאָך, האָבן זיי זיך אַ צייט געסודעט אין אַ ווינקעלע. פון צייט צו צייט האָבן זיי געוואָרפן אָנגעשראָקענע בליקן צו דער זייט פונם אַרויסגאַנג.

פּלוצלונג האָט איינע פון זיי אָנגענומען אַ באַשלוס. זי האָט געמאַכט פינף אָדער זעקס טריט אין דער ריכטונג, ווו ס'האָט שאַרעיעט אויף טאָג, און קלאַפּנדיק מיט די פליגל אויף דער ערד, כּדי צו פאַרשנעלערן דעם שווונג, האָט זי, אַן אָנגעשראָקענע, לסוף, זיך דורכגעגליטשט אין דער עפענונג און נעלם געוואָרן.

אַלע איבעריקע האָבן זי באַלד נאָכגעטאָן.

און אַט איצט האָט זיך אויפגעכאַפּט דזשומאַ, דאָס קליין געל טרויעריק הינטעלע.

אָבער נישט דערדאָזיקער געררויש האָט אים אויפגעוועקט. זינט אַזויפיל לבנות איז ער שוין געווען געוווינט דערצו.

נאָך אין די צייטן פון זיין מוטער, וואָס זיינע באַלע־באַטים האָבן פאַרצערט, פלעגט יעדן פרימאָרגן פאָרקומען אַזאַ גערודער.

מענטשן און חיות האָבן גאַנץ אָפט נאָר איין וווינונג אויף שלאָפן. ס'איז אַלזאָ שווער, ס'זאָל זיין אַנדערש.

ס'מאַכט נישט אויס! ביים אָנהייב האָט אים דאָס לעבן אויסגעוויזן געוווג שווער. ער האָט נאָך נישט געקענט זיין פאַך פון אַ הונט און פלעגט אַפּילו גאַנץ אָפט פאַרגעסן צו בילן אויף פאַרבייגייער.

ס'איז אים אויסגעקומען איבערצוטראָגן אָן אַ שיעור צרות און בזיונות, סיי פון באַטואַלאַן און סיי פון יאַסיגינדזשאַ. די פאַרביסענע שנאה פון די ציגן און די אייביקע פחדנותדיקייט פון די עופות, האָט אים שיער נישט משוגע געמאַכט.

איצט אָבער איז אין אים פאָרגעקומען אַ רעאַקציע. ער האָט באַקומען לשון. דער מינדסטער רוף האָט תיכף אַרויסגע־רופן זיין אומצופרידנקייט, אויב ס'איז אים נאָר נישט אויסגעקומען צו מאַכן פליטה. ווי נאָר ער האָט אָבער באַמערקט אַ ווייס אָדער אַ רויט היטל פון אַ „טורוגו", פלעגט ער תיכף אָפּציען אין די געדיכטע קוסטעס; די מורא פאַר קלעפּ האָט פאַר־שאַרפט זיין פאַרשטאַנד.

אויב ער האָט זיך איצט אויפגעכאַפּט, איז עס נישט דערפאַר, וואָס עמיצער האָט אים געשטערט. אויך נישט דער־פאַר, ווייל ער איז שוין מיד געוואָרן פון שלאָפן אַ סך.

קיינמאָל שלאָפט מען נישט גענוג. אין דעם הינזיכט איז ער פולקאָם מסכים מיט זיין באַלעבאָס, באַטואַלאַ.

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געדאַרפט אויפכאַפּן.

און באמת, אינם לעבן פון אַ מאָקונדזשי, פונקט ווי

אינם לעבן פון יעדן מענטשן, האָט אַ הונט פונקט אַזאַ חשיבות, ווי, למשל, דאָס הירזשען פון אַ „מ׳באַרטאַ“.

אַ הונט! מ׳הרגעט אים, מ׳עסט אים, אָדער מ׳קאַסטירט אים גאָר! אַמאָל שניידט מען אים אָפּ די אויערן. ווער מאַכט דערפון אַ וועזן? איר זענט דען נישט ווייניקער פון גאָר־נישט? מ׳האָט נאָר אַ שטיקל נוצן פון אים אין דער צייט, ווען די סטעפּעס הייבן אָן צו ברענען! ווייל דעמאָלט צייכנט ער זיך שטאַרק אויס אין נאָכיאָגן די איבערגעשראָקענע יאַגד־חיות. חוצדעם האָט מען פון אים גאָרנישט; דעריבער גייט ער קיינעם נישט אָן.

שוין אַ גאַנץ לאַנגע צייט, ווי פאַר דשומען, דעם קליין געלן הינטל, זענען אָפּן אַלע אויסוועגן פון מענטשלעכן פאַר־שטאַנד! נאָך מיט אַ צייט צוריק איז אים קלאָר געוואָרן, אַז אויב ער וועט זיך דערלויבן צו כאַפּן אַ לענגערן דרימל אינ־דערפרי, וועט אים געוויס קיינער קיין עסן נישט צוטראָגן!

טאַקי דערפאַר שטייט ער אויף. ווייסט ער דען נישט, אַז באַגינען איז זייער געשמאַק אויפצופרעסן דעם טינוף פון די ציגן! דעמאָלט האָט עס אַ טעם פון מילך. ס׳איז אַ מאכל־מלכים׳דיקער אָנבייסן פאַר אַ הונט, וואָס פאַרמאָגט נישט עפּעס אַנדערש צו לייגן אין מויל אַריין!

טינוף וועט ער זיכער געפינען! ס׳איז נאָך צו קיל אינ־דרויסן, די ווערים זאָלן שוין זיין ביי דער אַרבעט! אויב ער וועט האָבן הצלחה, קען נאָך אַמאָל פּאַסירן, ער זאָל געפינען בעת זיינע וואַנדערונגען אַן איי פון אַ טירקלטויב. דאָך דאַרף ער דערויף נישט רעכענען...

דזשומאַ שטעלט זיך אויף די פיס, לעקט דעם בויך און די לאַפּעס, טשאָכעט זיך אויס מיט אַלע כחות און כאַפּט אַ פּאָר פליי. נאָכדעם, דעם עק צווישן די פיס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער ערד, פאַרדאַגעט און נידערגעשלאָגן, שלעפּט ער זיך מיט וואַקלענדיקע טריט צו דער טיר.

אויסגעלערנט זיך — פאַרבאָרגן זיינע מינדעסטע געפילן, מאַכט ער תמיד דעם אָנשטעל פון איינעם, וואָס פאַלט פּשוט

פון די פיס צוליב אומענדלעכער אומעט. די קלענסטע פריי־לעכע מינע אויף זיין פנים, וואָלט אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט ביי באַטואַלאַן און ער וואָלט אים נאָכגעלויערט. דערצו טאָר מען נישט דערלאָזן, ווייל דעמאָלט וואָלט ער זיך שוין געקענט געזע־גענען מיט אַלע געשמאַקע ביסנס, וואָס ער פּאַקט צופעליק!...

באַטואַלאַ האָט געטראַכט. דזשומאַ, די הינער, די קאַטש־קעס זענען שוין אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געפילט, אַז ער דאַרף זיי נאָכטאָן. חוצדעם איז היינט דער יום־טוב פון מילה. און קיינער איז נאָך נישט פאַרבעטן. ס'איז נאָך געווען צייט צו פאַרריכטן דידאָזיקע נאַכלעסיקייט.

אויסגעריבן זיך די אויגן מיט דער דלאָניע און מיט די שפּיץ פינגער, האָט ער זיך אויפגעהייבן, קראַצנדיק זיך בשעת מעשה. ער האָט זיך געקראַצט אונטער די אָרעמס. ער האָט זיך געקראַצט די קנעכל, דעם קאָפּ, דעם הינטן און די הענט.

קראַצן זיך — איז אַ ווױלע איבונג. דאָס פאַרשטאַרקט די בלוט־צירקולאַציע. חוצדעם איז עס אַ תענוג.

ס'איז געווען געגוג צו כאַפּן אַ קוק אַרום זיך. אַלץ וואָס לעבט קראַצט זיך ביים אויפשטיין. אַזאַ ביישפּיל דאַרף מען נאָכטאָן, היות ער שטאַמט פון דער נאַטור. אויב מען קראַצט זיך נישט הייסט עס — אופהייבן זיך אויף דער לינ־קער זייט.

אָבער אויב צו קראַצן זיך איז גוט, איז גענעצן נאָך בעסער. דאָס איז אַן עצה, וויאַזוי אַרויסצוטרייבן דעם שלאָף דורכן מויל.

מען קען זיך לייכט אָפּגעבן אַ דין־וחשבון פון דערדאָזי־קער איבערנאַטירלעכער דערשיינונג. אין קאַלטע טעג, צי לאָזט דען יעדערער נישט אַרויס אַ מין רויך? צווישן אַנדערע זאַכן, באַשטעטיקט מען אויך דאָס, אַז דער שלאָף איז אַ מין סודותפולער פייער. ער, באַטואַלאַ, איז זיכער דערין. אַ מכשף האָט קיינ־מאָל נישט קיין טעות. און פון דער רגע אָן, וואָס זיין אַלטער טאַטע האָט אים איבערגעגעבן זיין מאַכט, איז ער געוואָרן אַ כשוף־מאַכער, אַ נ'גאַקוראַ.

אַלזאָ גוט! אויב דער שלאָף איז נישט קיין אינערלעכער פייער, פונוואַנען-זשע קומט אָט דער רויך? ווער האָט עס געזען אַ רויך אָן אַ פייער? ער האָט געוואַרט אויף אַרגומענטן פון זיין קעגנער, וועלכע האָבן בלי ספק געדאַרפט זיין זייער וויכטיק.

אַ קראַץ אַהין, אַ געגעץ אַהער — דאָס אַלץ איז אַ קלייניקייט. ער האָט זיך אָבער כסדר געקראַצט, געגענעצט און בשעת מעשה גאַנץ געשמאַק געגרעפּצט. דידאָזיקע אַלטע געוווינהייט איז צו אים איבערגעגאַנגען בירושה פון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן עס איבערגענומען פון זייערע עלטערן.

די אַלטע מנהגים זענען די בעסטע. מ'דאַרף זיי נישט פאַרנאַכלעסיקן. זיי שטיצן זיך אויף דערפאַרונג.

אַזוי האָט געטראַכט באַטואַלאַ. ער איז געווען דער שומר פון די אָפּגעלעבטע מנהגים; ער איז פאַרבליבן געטריי דער ירושה פון זיינע אבות.

ער האָט פיינט געהאַט שטאַרק זיך צו חקרענען. קעגן אַ מנהג העלפט קיין שכל נישט...

יאָ. ער וועט באַלד געבן צוויסן זיינע פריינט, ווו און ווען ס'וועט פאָרקומען דער יום-טוב פון דער מילה. דערווייל וועט ער צעשאַרן בלויז דאָס פייער, וואָס האָט געוואַרעמט זיין שלאָף. ביים אויפכאַפּן זיך וועט יאַסיגינדזשאַ נאָר דאַרפן צוגרייטן אירן. מ'לעבט נאָר פאַר זיך, נישט פאַר אַ צווייטן. מ'האָט אים, לכל-הפחות, אַזוי אויסגעלערנט.

דאָס אָפּגעטאָן, איז ער אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט זיך לאַנג נישט געזאַמט אינדרויסן. פונקט ווי אַלע טאָג, סיי אין אַ טרוקעניש, סיי אין אַ רעגן-וועטער, איז זיין גאַנצער מלבוש באַשטאַנען פון אַ געשלעכטס-פּאַס. דעריבער האָט אים די קעלט אַ נעם געטאָן.

דער נעפּל איז געווען געדיכט; אַזוי געדיכט, אַז ער האָט נישט געקענט זען די כאַטקעס, ווו ס'געפינען זיך זיינע איבעריקע אַכט פרויען מיט די קינדער, וואָס ער האָט געהאַט פון זיי.

בררר! איינגעקאָרטשעט, ציטערנדיק, די אויגן רויט, די הענט געקרייצט, איז ער געשטאַנען און ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

דאָס גוטע פייער האָט באַלד אָנגעוואַרעמט זיינע פאַרגליווערטע אברים. האַלטנדיק די הענט ביים פייער, האָט ער אָנגעהייבן צו ברומען אַ ניגון פון אַ באַקאַנט לידל. ביסלעכווייז האָט ער אויסגעזוכט אויך די ווערטער; ס׳האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן די „ווייסע קאָמענדאַנטן" און זייערע ווייבער.

דאָס וואָרט „יאַסי" האָט זיך אַזוי אָפט איבערגעחזרט אינם לידל, אַז באַטואַלאַ האָט אָנגעהייבן צו טראַכטן וועגן זיין ווייב יאַסיגינדזשאַ. דורך אַ צונויפֿמענבינדונג פון געדאַנקען האָט זיך אים פאַרגלוסט, פונקט ווי אַלע פרימאָרגן ביים אויפשטיין, דערפילן זיינע פונקציעס פון אַ זכר.

אַזויווי זי איז געווען צוגעוווינט צו זייער טאָגטעגלעכער פאַרבינדונג, איז גאָר נישט געווען נויטיק ער זאָל זי אויפוועקן. זי וועט זיך שוין אַליין אויפכאַפּן!...

דער ווינט טרייבט דעם נעפּל פון די האָריזאָנטן, ווו די זון גייט אויף, צו די האָריזאָנטן, ווו זי פאַרגייט. ער פאַרדעקט אַזוי מיט זיין געדיכטקייט די הויכקייט פון די „קאַגאַס", אַז מ׳קען זיי קוים באַמערקן פונדערווייטנס. און אין דעם נעפּל זינגען אַלע פייגל: פאַפוגעס, זינגדראָסלען, ווײַדל-עקן, פעפערפרעסער.

די טירקל-טויבן באַרירן די ערד בשעת זיי פליען. די הינער אַנטלויפן, די קעפּ אונטער די פליגל, ווי נאָר זיי דערזעען דורכן נעפּל, וואָס ווערט צעשמאָלצן — די רויב-פייגל, וועלכע דרייען זיך גאָר נידעריק.

אַ פריש ווינטל גיט אַ בלאָז, אַנטלויפט און קומט צוריק. דיביימער רוישן שטיל מיט זייערע טויזנטער נאַסע בלעטער. די שפּיצן פון די „וואַראַס" ציטערן. און די באַמבוסן קרעכצן, שאָקלענדיק מיט זייערע לאַנגע בויגעוודיקע שטאַמען.

אַ לעצטער ריס פונם ווינט צעטרייבט אינגאַנצן דעם

נעפּל. און ס׳באַוויזט זיך די זון, אַן אָפּגעוואַשענע, אַן אומבאַ־
רירטע, אַ שטראַלנדיקע.

דאָרט, פון דער רויטער זון איז כּסדר אויסגעוואַקסן אַ בלוטיקע ווונד, וועלכע האָט פאַרשפּרייט אַ שטילקייט, פאַר־כאַפּט איין שטח נאָכן צווייטן און דערגרייכט אין די פאַר־וואָרפנסטע ווינקלען.

אָבער גלייכגילטיק צום חסד פון דער זון, זיצט זיך באַ־טואַלאַ, דער מאָקונדזשי, נישט ווייט פון זיין כאַטקע, לעבן פייער, וואָס ער האָט נישט לאַנג אָנגעצונדן, און מיט אַ קאָפּ פריי פון יעדן געדאַנק, רויכערט ער פאַוואָליע, געלאַסן זיין אַלטע ליולקע, זיין גוטע אַלטע „גאַראַבאָ".

ס׳איז געוואָרן טאָג.

II

ער האָט געריכערט מיט קליינע, קורצע ציען, די אויגן בעת מעשה פאַרזשמורעט.

ער האָט אויסגעהויכט דעם רויך מיט זיין פולער ברוסט און געשפּיגן פון צייט צו צייט.

לאַנג, לאַנג האָט ער אַזוי געריכערט.

די זון, וואָס העכער זי האָט זיך אויפגעהייבן, אַלץ שטאַרקער האָט זי געוואַרעמט. הגם איר קעגנוואַרט איז אים געווען זייער אָנגענעם, אָבער צוגעוווינט צו איר טעגלעכן ברען, האָט ער זיך מיט איר נישט אינטערעסירט.

ער האָט געריכערט...

דער ים-ווינט באַוועגט די בלעטער פון די באָמבאַקסן, גנבעט זיך אַריין צווישן די צווייגן און גלעט די שוואַרצע גרינקייט פון זייערע יונגע שפּראָצן.

דער זאַפט פון די ביימער ברויזט, בלאָזט אָן די שטאַמען אין די צעפּלאַצטע ערטער און דורך דער צעשפּאָלטענער קאָרע פליסט זי מיט קראָפּלעס פון געלן גאָלד.

דער שטאַרקער ריח פון דער הייסער ערד, פון די געדיכטע גראָזן, פון די ביימער, די פאַרשטונקענע לופט פון די בלאָטעס און דער געשמאַקער ריח פון די ווילדע מינצן גיסן אַן דעם שטילן ווינט, וועלכער צעשפּרייט זיך אויף אַלע זייטן.

פאַרטרונקען אין דערדאָזיקער בליענדיקער באַגייסטערונג, זינגען די פייגלען הויך אויפן קול, נישט געקוקט דערויף, וואָס

אין דער הויכער בלויקייט שוועבן רויק שוואַרצע פלעקן פון רויב-פויגל, וועלכע לאָזן צייטנווייז אַרויס לייכטע קרעכצן.

הינטער פּאָמבאָ אָדער הינטער באַמבאַ זינגט עמיצער.

— „עהע... יאַבאַ... האָ!..“

מסתם אַרבעט מען ערגעץ, ווייל אַ געזאַנג באַווייזט ס׳רוב אויף מענטשלעכער אָנשטרענגונג.

דאָס איינטאָניק ליד האָט דורכגעשניטן די אַרומיקע שטילקייט. ווי באַלד דאָס געזאַנג האָט אויפגעהערט, האָט מען בלויז געהערט אַ טראַסקערײ פון די קוסטעס, אויסגעטריקנטע אויף דער זון; מען האָט בלויז געהערט די לייכטע גערוישן: די אַטריבוטן פון דער שטילקייט.

און נאָכדעם ווידער אַ געזאַנג, איצט מער אומבאַשטימט... הער, דאָרט...

יאַסיגינדזשאַ האָט צוגעגרייט דעם שטענדיקן „מאַניאָק-מאכל“. גלייכצייטיק האָט זי אין צוויי אַנדערע טעפּלעך אָפּגעקאָכט זיסע קאַרטאָפל און ווילדן סאַלאַט.

בעת איר זכר האָט אָנגעהייבן צו עסן, האָט זי גענומען די ליולקע, וואָס ער האָט אַוועקגעלייגט.

איצט האָט זי גערויכערט, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט אַ צעשטרייטן בליק אויף די רויפּעס, וואָס בראָטן זיך.

אָנגעלענט יעדע איינע אין איר כאַטקע, האָבן אירע אַכט חברטעס געמאַכט זייער טואַלעט.

זיי האָבן זיך אַבסאָלוט נישט צערעמאָניעט. דער מאַן און דאָס ווייב זענען באַשאַפן פאַר אייננאַנדער. אזויווי זיי ווייסן דעם אונטערשייד צווישן זיי ביידן, טאָ וואָס האָבן זיי זיך צו שעמען? ס׳איז אַ שטותעריי זיך צו שעמען מיטן קערפּער. חרפּה איז צביעות, וואָס די ווייסע האָבן עקספּאָרטירט. פאַרבאַהאַלטן דאַרף מען בלויז אַ שלעכט-אַנטוויקלטן, אָדער אַ קראַנקן אבר. פרויען אָדער מענער פאַרבאַהאַלטן דעמאָלט זייערע מעלות, ווען זיי זענען איבערגעצייגט, אַז זיי האָבן אַ קנאַפּן ווערט.

פאַרענדיקט דעם „מאַניאָק-מאכל“, האָט זיך באַטואַלאַ

בענומען צו די רויפּעס און נאָך די רויפּעס צו די זיסע קאַרטאָפל.

נאָך יעדע צוויי אָדער דריי ביסן האָט ער פאַרזופּט מיט עטלעכע טראָפּנס „קענע“, אַזאַ מין ביר, געמאַכט פון געווירענע הירזש.

אָנגעזעטיקט זיך, האָט ער מיט אַ געסט געגעבן צו וויסן יאַסיגינדזשען, אַז ער וויל נאָך רויכערן. און ווידער האָט ער לאַנג־לאַנג געצויגן פון זיין „גאַראַבאָ“, און נאָך יעדן קורצן ציִ האָט ער טיף אַרויסגעהויכט דעם רויך.

ענדלעך, צופרידן, וואָס דער טאָג האָט זיך אויפגעהויבט מיט אַזאַ גוטער התחלה, האָט ער אָנגעהייבן צו באַטראַכטן די פינגער פון דער לינקער פוס.

ער האָט דאָרט געזוכט פליי.

און באמת, ס'איז אַן אמתע צרה מיט די פליי: יעדער גוטער אָרעמער נעגער מוז זיי אַליין אויסזוכן. אויב נישט, קענען דידאָזיקע חיהלעך אים אָנלייגן מער אייער, וויפל ס'געפינען זיך פרויען אין אַ באַוווינט דערפל.

ביי די ווייסע איז נישט אַזוי. ציִ קומט כאָטש איין פלוי צו צו זייער הויט? זיי זענען אַזוי פילבאַר, אַז זיי דערשפירן באַלד דעם ערשטן ביס און באַרויקן זיך ערשט דעמאָלט, ווען אַ משרת שלעפּט דאָס חיהלע אַרויס.

אָבער צוואָס די אַלע טענות? מען ווייסט גאַנץ גוט, אַז די ווייסע זענען נישט אַזוי שטאַרק ווי די נעגערס.

לאָמיר נעמען אַ משל פון טויזנט אַנדערע. מיטן תירוץ, אַז מען דאַרף צאָלן שטייערן, הייסן זיי טראָגן די שווערסטע משאות די אַלע, וועלכע זענען געשלעכטס־פעיק.

אַזאַ מהלך דויערט דריי, פיר און פינף טעג. ס'גייט זיי ווייניק אָן די משא פון די „סאַנדוקס“, דער רעגן, די ברענענדיקע זון! נישט זיי ליידן דאָך דערפון! די אומגינסטיקע וועטערן לייגן דאָך אונדז פון די פיס! זיי זענען דאָך געשיצט! אַלזאָ, איצט פאַרשטייט איר שוין?...

אַך, די ווייסע, די ווייסע!

זיי זידלען זיך, בעת אַ קאָמאַר טוט זיי אַ ביס. די „פּודוס" רעגן זיי אויף. דאָס זשומען פון די פליגן מאַכט זיי נערוועז. זיי האָבן מורא פאַר סקאָרפּיאָנען, פאַר דידאָזיקע שוואַרצע, גיפטיקע „פּראַקאָנגאָס", וועלכע נעסטלען זיך אין די צעשאָטענע כאַטקעס, צווישן שטיינער און אַנדערע חורבות. זיי האָבן מורא פאַר פליגן. אַלץ באַאומרויקט זיי. אַ מענטש, וואָס האָט זיך פאַרדינט צו טראָגן דעם נאָמען, צי דאַרף ער דען זיך זאָרגן וועגן אַלץ וואָס באַוועגט זיך און לעבט אַרום אים? אַך, די ווייסע, די ווייסע!

זייערע פיס? אַ פעסט. צו וואָס דאַרף מען נאָך אַרויסציען אויף זיי אַנדערע פעלן: שוואַרצע, געלע אָדער ווייסע?

וואָלט כאָטש פון זייערע פיס אַליין געשטונקען! ניין! פונם גאַנצן קערפער זייערן זעצט אַן אַוויר, ווי פון אַ מת.

אין ערגסטן פאַל קען זיך נאָך לייגן אויפן רעיון, אַז עמיצער זאָל זיך אַרומוויקלען די פיס מיט צוזאַמענגענייטן לעדער!

נאָר פאַרשטעלן די אויגן מיט ווייסע, גרינע, בלויע און שוואַרצע גלעזלאַך! צודעקן זיך דעם קאָפּ מיט קליינע קיישעלעך! דאָס, נ׳גאַקוראַ, קען דער שכל פשוט נישט משיג זיין!

ער האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען פון גרויס פאַראַכטונג צו זיי; און, כדי עס אויסצודריקן, האָט ער אַ שפּיי געטאָן.

אַך, די ווייסע! זייער רשעות, זייער „קענען אַלץ" – דאָס מאַכט זיי שרעקלעך!

אייניקע, פון פראַנקרייך, האָבן מיט זיך געבראַכט עפּעס מאַשינעס, וועלכע רעדן ווי אמתע ווייסע. מ׳דאַרף נאָר אַ דריי טאָן פאַר אַ הילצערן הענטל. און קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַרווען!

אַנדערע – ער האָט עס מיט זיינע אויגן געזען – שלינגען אייזן מעסערס.

ס׳איז אַ זיכערע זאַך און ס׳פאַלט נישט אַרונטער אונטער קיין שום ספק! ווער אינם גאַנצן לאַנד, און אַפילו

אויסער די גרענעצן, קען נישט דעם מוראדיקן „מאָראָ־קאַמבאַ״, דעם קאָמענדאַנט, דעם שווערדן־שלינגער, וועלכער האָט איינגעשטילט די „באַנדאַ־שבטים״?

אַנדערע גאָר, מיט דער הילף פון גלעזלאַך, אייגעפאַסט אין רערלעך, קענען פון זייערע שטולן זען די ווייטסטע ערטער און וויסן וואָס סקומט דאָרט פאָר, פונקט ווי אַלץ וואָלט געווען פאַר זייערע אויגן.

פלאי־פלאים, כ׳לעבן!

און דערדאָזיקער „דאָקטאָרראָ״ — אַזוי הייסט ביי די ווייסע דער, וואָס פאַרנעמט זיך מיט כשוף־מאַכעריי — דערדאָזיקער דאָקטאָרראָ קען מאַכן, אַז איר זאָלט פישן בלוי. — יאָ, בלוי! — ס׳דאַרף זיך אים נאָר פאַרגלוסטן.

און דאָס איז דען נישט קיין גרעסערער חידוש?

זין אַ סך טעג אַרום, צי האָט ער דען אַליין נישט געזען, ווי אַזוי דער נייער קאָמענדאַנט, באַלד ביים אָנקומען, האט אַראָפגענומען די הויט פון זיין האַנט. אמת טאַקע, דידאזיקע הויט האט נישט געהאט די זעלבע צורה ווי אַלע אַנדערע, אבער דאך איז עס געווען אַ הויט!

און ער האָט זי אַראָפּגעצויגן אָן ווייטיק. מ׳זאָל זאָגן, אַז ער זאָל זיך אַ קרים טאָן! ווען אים וואָלט וויי געטאָן, וואָלט ער געשריגן! ער האָט נישט געשריגן, איז אַ סימן, אַז ס׳האָט אים נישט וויי געטאָן!

שמועסט מען דען נישט אויך, אַז אייניקע פון זיי זענען ביכולת אַרויסצושלעפן זייערע ציין, אָדער אַרויסנעמען איינס פון זייערע אויגן און עס אַוועקלייגן ערגעץ אויף אַ טיש, פאַר אַלעמען אין די אויגן!

אוי! אַזעלכע נסים וואָלטן די נעגערישע כשוף־מאַכערס נישט געקענט אויפטאָן.

און אַ שרעק, צונויפגעמישט מיט חידוש האָט ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט זיין שנאה!

די זון איז דורכגעלאָפן די העלפט פון איר וועג.

ווי שטענדיק האָבן די זינגדראָסלען אָנגעזאָגט וועגן דער

געשעעניש. דער געשריי פֿון די גרילן האָט נאָך נישט געשטערט די אַלגעמיינע רו. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ איז איינגעזונקען אין אַ טיפֿן שלאָף. בלויז די דריי שטענדיקע גרויסע בלאָזן פֿונם ווינט, וואָס לאָזן זיך הערן אַלע טאָג אין דערזעלבער צייט, האָבן אויך דאָסמאָל זיך דורכגעטראָגן אין דער לופֿט. קיין שום ווינטעלע האָט מיט זיין גלעט נישט אַרויסגערופֿן קיין כוואַליעס אינם הויכן גראָז, און די בלעטער פֿון די ביימער האָבן זיך נישט קיין ריר געטאָן. מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז אַפֿילו די ווייטע רויכן זענען אויך געבליבן אומבאַוועגלעך.

דערנאָך האבן די גרילן אָנגעהייבן צו זינגען.

ס'איז פּונקט געווען די צייט, ווען די נעגערס נעמען זיך צו דער אַרבעט.

באַטואַלאַ האָט זיך געלאָזט גיין צו דער הויכקייט, וואָס באַהערשט אַלע אַרומיקע טאָלן. ער האָט דאָרט געהאַט דריי „לינגאַס" פֿון פֿאַרשידענער גרויס.

ער איז צוגעגאַנגען צו דידאָזיקע אויסגעהוילטע קלעצער, אויפֿגעהייבן צוויי הילצערנע האַמערס, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף דער ערד, און מיט אַן אומבאַוועגלעכער מינע האָט ער מיט זיי אַ קלאַפּ געטאָן איבערן גרעסטן פֿון די „לינגאַס": אין דער שטילער לופֿט האָבן זיך דערהערט צוויי הילכיקע, קלינגענדיקע קלעפּ.

נאָכדעם איז ווידער געוואָרן שטיל. ער האָט געוואַרט אַ ביסל און געגעבן נאָך צוויי, קורצערע, קלעפּ. נאָך זיי האָט זיך אָנגעהייבן אַ „טאַם-טאַם"-טראַסקעריי, וואָס ווייטער אַלץ לעבעדיקער, אַלץ רעשדיקער, אַלץ העפּטיקער, און באַלד דערויף לאַנגזאַם און ברייט, ביז וואַנען די קלעפּ האָבן זיך פֿאַרענדיקט אויף מינדסטן קלאָץ, כּסדר אַלץ שוואַכער און שוואַכער, אָפּהילכנדיק שטאַרקער ביים לעצטן אַקאָרד.

און אָט דאָרטן ערגעץ, נאָך ווייטער ווי דאָרטן, גאַנץ ווייט, פֿון אַלע זייטן, פֿון לינקס, פֿון רעכטס, הינטער אים, פֿאַר אים, האָבן פּונקט אַזעלכע גערוישן, ענלעכע קלאַנגען,

דיזעלבע טאַם-טאַמען געהילכט, גערעוועט, אָפּגעענטפערט: איינע שוואַך, וואַקלענדיק, פֿאַרבארגן, אומבאַשטימט; די אַנדערע קלאָר, אָפּקלינגענדיק מיט טויזנטער עכאָס פֿון קאַגאַ צו קאַגאַ. דאָס אומבאַוועגלעכע איז אויפֿגעלעבט געוואָרן.

— דו האָסט אונדז גערופֿן — האָבן די אַלע קולות געפֿרעגט, — דו האָסט אונדז גערופֿן... מיר האָבן דיך געהערט... מיר הערן דיך... וואָס ווילסטו פֿון אונדז?.. זאָג...

צו צוויי מאָל האָבן די ווייטע שטחים איבערגעחזרט דיזעלבע אומבאַשטימטע אָבער דייטלעכע קלאַנגען.

אַז דער האָריזאָנט האָט איינגעשלונגען דעם לעצטן קלאַנג האָט באַטואַלאַ אָפּגעענטפֿערט.

צוערשט זענען דאָס געווען ווערטער אָן קראַפֿט. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי דערציילן וועגן דער איינטאָניקער, טאָגטעגלעכער פֿאַרגליווערטקייט, וועגן דער איינזאַמקייט, וואָס קיין זאַך מאַכט נישט טרויעריק און נישט פֿריילעך, וועגן דער הכנעה פֿאַרן גורל.

די האַמערס האָבן געטאַנצט איבער אַלע דריי קלעצלעך. ס'האָט זיך געשאַפֿן אַן אויסטערלישע מוזיק, וועלכע האָט געבאָגט ווי אַ הייסער טאָג, אויב ס'בלאָזט נישט דער „דאַנוואָראַ".

דאָס ליד איז געוואָרן שטאַרקער. נאָך אַ האַסטיקער הפסקה האָט עס זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקט. און וואָס ווייטער, אַלץ העכער, העכער.

טייכן שווייס האָבן זיך געגאָסן פֿון באַטואַלאַן. ער האָט כמעט געטאַנצט פֿון צופֿרידנקייט.

זיינע מפּבטשן, זייערע ווייבער, זייערע קינדער, זייערע פֿריינט, די פֿריינט פֿון זייערע פֿריינט, די אָנפֿירער, וועמענס בלוט ער האָט געטרונקען און וועלכע האָבן אויך זיין בלוט געטרונקען — אַלע, אַלע האָט ער גערופֿן. אַלע. ער האָט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן אין משך פֿון ניין טעג זיך דאָ צונויפֿקומען אויף דער גרויסער „יאַנגבאַ", וואָס ער האָט בדעה צו געבן לכבוד דער „גאַנזאַ".

דער קלינגעדיקער הו-האַ, וועלכן מען האָט פֿאָרויסגעזען

זינגט די רעגן-צייטן האָט ממש ניסים פאַרשפּראָכן. ס׳וועלן זיין
מאכלים, געטראַנקען, רעדעס און פאַרשידענע אַנדערע תענוגים.
מיט איין וואָרט: ס׳וועט זיין „יאַנגבאַ". נישט נאָר איין „יאַנג-
באַ", נאָר אַלע „יאַנגבאַס". נישט נאָר דער טאַנץ פון אַ העל-
פאַנט, דער טאַנץ פון שפּיזן און פון קריגסלייט — אָבער אויך,
הויפּטזעכלעך, דער טאַנץ פון ליבע, וועלכן די סאַבאַנגאַס
טאַנצן אויסגעצייכנט.

ס׳וועלן דאָרט זיין פאַרשידענע מינים מאכלים און יאַנג-
באַס; יאַנגבאַס און משקאות. אַך! מאַניאָק, זיסע קאַרטאָפל,
דאַזאָ, אַרבוזן, קוקורוזע! און ביר, האָניק, פיש, אייער פון
קראָקאָדילן! דאָס אַלעס וועט מען עסן, און נאָך אַ סך אַנדע-
רע זאַכן! דאָס אַלעס וועט מען טרינקען און נאָך אַ סך אַנ-
דערע זאַכן אויך! מ׳וועט עסן און מ׳וועט טרינקען אונטער
די קלאַנגען פון אָליפאַנטן און באַלאַפאָנען. מ׳דאַרף אומבאַ-
דינגט קומען! יאָ, יאָ, יאָ! ס׳איז דער יום-טוב פון די „גאַנ-
זאַס". נאָר איין מאָל אין צוועלף לבנהס קומט פאָר די פייער-
לעכקייט פון מילה. מ׳דאַרף קומען! אַך, ווי מען וועט זיך
דאָס האַלטן ביי די זייטן פון לאַכן, יאַבאַאָ!

די עכאָס האָבן אָפּגעקלונגען און פאַנאַנדערגעטראָגן די פריי̆ד
פון דעמדאָזיקן געשפּרעך, זיי האָבן צעצויגן זיינע שפּאַסן און
זיין געלעכטער.

אַז ער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט אַ שווער אָפּוואַר-
טעניש געדריקט די לופט; אָבער דאָס האָט לאַנג נישט גע-
דויערט, ווייל אַרום און אַרום אים, גאַנץ ווייט, זייער ווייט,
פונקט ווי נאָך זיין ערשטן רוף, האָט זיך ווידער אָנגעהויבן
אַן עכאָפּער פון טאַם-טאַמען, אויסגעקלאַפּט אויף אומבאַמערק-
לעכע ל׳נגאַס. און נישט געקוקט אויף די ווייטע שטחים, וואָס
די קלינגענדיקע כוואַליעס האָבן געדאַרפט דורכלויפן, האָט מען
דאָך געקענט פילן ביי יעדן סוף פון אַ פראַזע, די זעלבע
אויסדריקן פון ברויזנדער שמחה.

— מיר האָבן דיך געהערט... מיר האָבן דיינע ווערטער
אויפגענומען... און פאַרשטאַנען... דו ביזט דער גרעסטער פון

די מ׳ביס, באַטואַלאַ... דו ביזט דער העךלעכסטער פון די מאַקונדזשיס... מיר וועלן קומען... אויף זיכער וועלן מיר קומען... און אונדזערע פריינט וועלן אויך זיין מיט אונדז... מיר וועלן גוט פאַרברענגען... באַמבאַנס!.. מ׳וועט זינגען... מ׳וועט טאַנצן... מיר וועלן טרינקען, ווי די שכּורים... ווי די ווייסע... קענסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר... אוּאָרראָ... אָהאוררא... באַנגאַ... יאַבינגי... דעלעפּו... טוגומאַלי... יאַבאַדאַ. אַלע מ׳אַביסער און אַלע נ׳גאַפוסער וועלן זיין ביי דיר... מיר וועלן קומען... מיר וועלן קומען....

ווען דער האָריזאָנט האָט איינגעשלונגען די לעצטע ענטפערס, האָט באַטואַלאַ באַשלאָסן צו גיין באַטראַכטן די נעצן, וואָס ער האָט נאָך נעכטן אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום צוזאַמענגוס פון באַמבאַ און פּאָמבאָ.

ער האָט געהאַט מיט זיך צוויי שפּיזן, אַ בויגן און אַ טאָרבע פון אַ ציגן-פעל.

ווו אַ מענטש זאָל נישט גיין, און ווי קורץ דער וועג זאָל נישט זיין, דאַרף מען קיינמאָל נישט פאַרגעסן מיטנעמען מיט זיך די טאָרבע. מ׳קען דאָך אין איר אַזויפיל זאַכן באַהאַלטן!

ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ פּאָר בלעטלעך פון „בימבי״, אַ שיידל פול מיט געשפּיצטע פיילן און עטלעכע ברייטלעך פון מאַניאָק.

מער דאַרף ער נישט. איצט האָט זיך מיט אים געמעגט טרעפן דאָס ערגסטע. האָט ער דען נישט ביי זיך געהאַט זיינע שפּיזן, זיינע פיילן און זיין בויגן? וועט ער ווערן הונגעריק: זענען דאָ די ברייטלעך. ער קען זיך אַפילו באַנוצן מיט די בימבי-בלעטלעך, כּדי אָפּצוּוועקסלען זיינע מאכלים. טוט ער זיי אָבער אַ לאָז אַראָפּ אין אַ נעץ, פאַרשמאַכן זיי יעדעס פישל, וואָס וועט אַהין אַריינפאַלן.

ער איז אַוועקגעגאַנגען.

און גייענדיק האָט ער באַטראַכט די ערד אונטער זיך. דאָס איז געווען איינע פון די פיל מנהגים, וואָס ער האָט

באַקומען בירושה פון זיינע עלטערן. וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער דרך־ארץ האט ער געהאַט פאַר זיי.

די ווייסע קענען גאָרנישט באַגרייפן, ווי נוצלעך ס׳איז צו ווייסן, וווהין מ׳שטעלט אַ פוס. די שטייגער קענען פאַר־שווינדן; אין אַ בלאָטע קען מען זיך זייער לייכט אויסגליטשן.

מיט עטוואָס אויפמערקזאַמקייט קען מען דאָך אויסמיידן דאָס פאַלן, פאַרשידענע ווונדן, און אויב נישט אויסמיידן, קען מען זיי, לכל הפחות, אָפּשוואַכן. און מ׳קען נישט זאָגן, אַז ווער ס׳מאַכט קליינע אָנשטרענגונגען, פאַרלירט די צייט. היות די דערפאַרונג האָט אונדז שוין נישט איינמאָל באַוויזן, אַז די צייט האָט קיין ווערט נישט, דעריבער דאַרפן מיר זיך צופּאַסן צו דער חכמה פון דערפאַרונג.

ווי נאָר באַטואַלאַ איז פאַרשוונדן, האָט זיך באַוויזן באַססבינגי.

דאָס איז געווען אַ פעסט־געבויטער, געזונטער און שיי־נער יונגערמאַן. ער פלעגט שטענדיק געפינען ביי באַטואַלאַן עפעס אָפּצועסן און אַ „באָנגאָ" צום שלאָפן, ווייל באַטואַלאַ האט זיך באַציגן צו אים מיט אַ באַזונדערן דרך־ארץ.

נישט בלויז דער גרויסער מאקונדזשי אַליין האָט אַרויס־געוויזן צו אים אַ פריינטשאַפט. פון זיינע ניין ווייבער האָבן אַכט באַשיינפערלעך אַרויסגעוויזן פאַר באַססבינגין דעם ברען פון זייער פריינטשאַפט. פאַרשטענדלעך, אַז באַטואַלאַ האט דער־פון נישט געוווסט.

וואָס שייך יאַסיגינדזשאַן, וועלכע איז שוין נישט געווען אַזאַ געהאָרכזאַם ווייב, וואָלט שוין אויך גיכער דערפילט דעם ווילן פון באַססבינגין, איידער דעם ווילן פון דעם, וואָס האָט זי געקויפט. זי האָט נאר געוואַרט אויף אַ פאַסיקע געלעגנהייט, כדי אַרויסצווייזן פאַר יענעם דעם הונגער, וואָס זי פילט צו אים.

אַ פרוי טאָר זיך קיינמאָל נישט קעגנשטעלן דעם פאַר־לאַנג פון אַ מאַנסביל. איינער דאַרף דעם צווייטן שטענדיק נאָכגעבן, ווייל דאָס איינציקע אמתע געזעץ איז קעגנזייטיקייט

און אינסטינקט. אָפּנאַרן דעם מאַן, אדער, למשל, נישט זיין בלויז פאר אים אַליין — איז איינע פון די קלענסטע זאַכן.

דעם שטענדיקן באַזיצער, — אויב מ׳האָט נאָר הנאה פון זיין גוטס, — איז געגוג פאַרן אָפּגעטאָגעם שאָדן צו פאַרמערן די צאָל פון זיינע הינער, ציגן, אָדער באַלוינען אים מיט שטיק־לעך סחורה, און אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג.

די צרה איז נאָר, וואס מיט באַטואַלאַן האט מען אַזוי נישט געקענט האַנדלען. בטבע אייפערזיכטיק, אַ נוקם און בעל־כעסן, וועט ער זיך, אָן שום ספק, נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע; בפרט, אַז ער האָט אַמאָל פארזיכערט, אַז נישט גע־קוקט אויף די אַלטע מנהגים, וועט ער צעקוועטשן דעם, וועל־כער וועט זיך אַריינרייסן אין זיינע גיטער. בלויז ער אַליין האָט זיי געוואָלט באַפרוכפּערן, היות ער האָט זיך געגוג מקריב געווען, כדי זיי צו באַזיצן. יאַסיגינדזשאַ, באַטואַלאַס געליבטע, האָט דערפון גאַנץ גוט געוווסט. טאַקע צוליב דעם טעם האָט זי זיך געוואָלט אָפּגעבן ערשט דעמאָלט, ווען זי וועט זיין זי־כער, אַז זי ריזיקירט מיט גאָרנישט...

שוין צוויי, דריי לבנות זענען פאַרבייגעגאַנגען, זינט ביססי־בינגי איז געוואָרן ביי זיי אַ זעלטענער גאַסט. ער איז געווען אין זיין זעכצנטן סעזאָן פון רעגגס. דאָס איז פּונקט די צייט ווען זכרים, וועלכע זענען באמת ראוי צו טראָגן דעם נאָמען זכר, האַלטן טאָג און נאַכט אין איין לויפן נאָך נקבות, פּונקט ווי אַ פאַנטערע נאָך א הירש.

ביססיבינגי האָט זיך שטאַרק אַנטוויקלט, באַקומען אויף זיך לייב און קרעפטיקע מוסקולן. איצט האָבן די יאַטיס אַליין אים געזוכט, נישט ער זיי. זיי האָבן געריימט זיין ברען, און זיין כוח. ער איז געוואָרן זייער באַליבטסטער. נישט אין איין משפּחה האָט ער צעשטערט דעם שלום־בית. דאָס האָט גורם געווען פאַרשידענע פלוידערייען און סכסוכים. ס׳איז דער־גאַנגען אַזוי ווייט, אַז דער קאָמענדאַנט, אויפגערעגט פון די אָנקלאַגן, האָט אים געדראָט מיט תפיסה.

זיין שם איז דערפון נאָך מער געוואַקסן.

ס׳איז אַלזאָ פאַרשטענדלעך, אַז זיין קומען איז אויפגענומען געוואָרן מיט אויסגעשרייען פון פרייד. מ׳האָט אים אויסגעפרעגט די נעמען פון די פרויען, מיט וועלכע ער האָט זיך באַקענט אין משך פון זיין אָפּוועזנהייט; צי ס׳איז אמת, אַז ער איז געשלאָפן מיט דער און דער? און נאָך טויזנטער אינטימסטע פרטים וועגן יענער און יענער...

ער אָבער, האָט נאָר געשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט אויף די שפּאַסן; לאַנגזאַם האָט ער אָנגעשטאָפּט באַטואַלאַס גאַראַבאָ מיט „ג׳גאַאָ״-בלעטער, אויף וועלכע ער האָט אַרויפגעלייגט פייער.

נאָכדעם האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף אַ מאַטע, און פאַרשמורענדיק די אויגן, האָט ער געדויכערט מיט קורצע ציען...

מ׳דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט פרויען, האָט צו אים אַ זאָג געטאָן יאַסיגינדזשאַ. קענסט נאָך אַמאָל צוריקקומען צו אונדז, מיט אַ נישקשהדיקן „קאַססירריי״.

די איבעריקע אַכט פרויען האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

— עה! עה!.. עהע!.. עעעע!.. יאַבאַאָ, אָט די יאַסיגינדזשאַ... עעעעע!...

און זיי האָבן זיך בשעת מעשה געקלאָפּט איבער די פיס.

— קאַססירריי איז נאָך גאָרנישט, — האָט ווייטער געטענהט יאַסיגינדזשאַ, — ס׳וועט זיין גאָר שמאָל מיט דיר, ביססיבינגי, מיין פריינט, אַז דו וועסט כאַפּן נאָך אַן ערגערע זאַך.

— אישע! שטיקלעך; דו וועסט צעשאָטן ווערן אויף גאָר קליינינקע שטיקעלעך. קודם כל וועסטו באַדעקט ווערן מיט ווונדן, געפלעקט ווי אַ פּאַנטערע. ערשט אין אַ צייט אַרום וועסטו פאַרלירן דיינע ציין, דיינע האָר און דיינע פינגער. דערמאָן זיך נאָר אין יאַקעלעפען, וועלכער איז געשטאָרבן צוריק מיט אַן ערך דריי, פיר, אָדער פינף לבנות...

די ווייבער אַרום האָבן זיך געקייקלט אויף דער ערד פון געלעכטער.

ווען כּאַטואַלאַ איז אַריינגעקומען האָט מען נאָך אַלץ געלאַכט.

מ׳האָט אים דערציילט די סיבּה פון זייער פריילעכקייט.

ער האָט נאָך צוגעגעבן זיינע וויציקע באַמערקונגען. די געלעכטערס האָבן דערגרייכט ביז צו דער העכסטער מדרגה. מ׳האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן. מ׳האָט זיך געריבן מיט די הינטנס אויף דער ערד. מ׳האָט געוויינט.

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ באַטואַלאַ, אַ נ׳גאַקוראַ!.. עהע!.. עעעעעע!.. עהעעע!...

בינו-לבינו האָט די זון אָנגעהייבן צו פאַרגיין.

ביסלעכוויז האָט אויפגעהערט דאָס קוויטשעריי פון די „גאָלאָקאָטעס”, די פישטשעריי פון די גרילן, די וויינענדיקע געשרייען פון די טרייסל-פייגל און פון די שפּאַרבער.

אומבאַמערקלעכע נעפּלען האָבן איינגעהילט דעם שפּיץ פון די קאַגאַס. די זון האָט זיך געזעצט. הינער, ציגן און קאַטשקעס זענען געקומען אויף נאַכטלעגער.

קליינע וואָלקנדלעך האָבן ערטערוויז באַדעקט דעם הימל. די זון איז כּמעט פאַרשוואונדן געוואָרן. זי איז געווען אַזוי רויט, אַז זי האָט אויסגעזען, ווי אַן אומגעהויערע פלאַמענדי-קע בלום. גאַנצע סנאָפּעס שטראַלן האָבן זיך געצויגן פון איר און זיך צעגאָסן אויף אַלע זייטן. ענדלעך איז זי איינגעזונקען געוואָרן אין קיימאַן-פּיסק פון דער אומענדלעכקייט.

די ברייטע שטראַלן האָבן באַגאָסן מיט בלוט דעם גאַנצן שטח. פּאַסן פון פאַרשידענע קאָלירן און שאַטירונגען, פּאַסן דורכזיכטיקע האָבן אַרומגעבלאָנקעט איבערן אומגעהויערן הימל. די אַלע קאָלירן און דורכזיכטיקייטן ווערן פלוצלונג אָפּגעווישט און פאַרשוואונדן. אַן אומענדלעכע שטילקייט, וואָס האָט גע-וואַרט אויף דער גסיסה און אויפן טויט פון דער זון, האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע ערד-שטחים.

עפּעס אַ מין מע׳אַנכאָליע הילט איין די שטערן, וועל-כע לאָזן זיך אַרויס פון דער פאַרבלאָזער אַנסופיקייט. די הייסע ערד רויכערט מיט נעפּלען. די לופט ווערט שוין אָנגעזאַפּט

מיט די פייכטע ריחות פון דער נאַכט. די ראָסע האָט זיך מיט איר גאַנצער משא אַרויפגעלייגט אויף די געדיכטע גראָזן. די סטעזשקעס זענען געוואָרן גליטשיק. דער שוואַכער ריח פון דער ווילדער מענטע האָט איין געמאַכט מיינען, אַז אינם ווינט זשומעט זי צוזאַמען מיט די זשוקעס און האָריקע אינזעקטן.

נישט וויסנדיק פונוואַנען הערט מען אַ שטויסל, וואָס צעקוועטשט מאַניאַק, הירזש אָדער קוקורוזע. דאָס פויקערײַ פון די טאַם-טאַמען מאַכן אויפלעבן די „יאַנגבאַס", ווער ווייסט זיי ווו.

דאָ און דאָרט הייצט מען איין די פליטעס. לויט די רויכן דערקענט מען די הייזער. פאַרשידענע מינים זשאַבעס פייפן, קוואַקען, קוויטשען. דזשומאַ, דאָס קליין גנבֿל הינטל בילט, בילט.

פונוואַנען קומט דידאָזיקע פאַרגליווערטקייט? פונוואַנען נעמט זיך דידאָזיקע שרעק?

פונקט ווי אַ שיפל, וואָס בויגט איין אויפן וועג די וואַסער-פלאַנצונגען, — אַך! ווי פאַמעלעך גליטשט זי זיך צווישן די וואָלקנס — די ווייסע איפעו באַווייזט זיך, די לבנה.

זי איז שוין עלטער מיט זעקס שלאָפן...

III

דריי טעג פאַרן יום-טוב פון די „גאַנ׳זאַס״ איז געווען אַ שרעקלעכער מבול, וועלכער האָט מיט שטורם אָפּגעשלאָסן דעם סעזאָן פון די פאַרניכטנדיקע רעגנס.

קיין שום סימנים האָבן עס נישט פאָרויסגעזאָגט. דער טאָג האָט זיך אויפגעהייבן איבער גרימאַרי, ווי שטענדיק, צוערשט אומבאַשטימט, דערנאָך ליכטיק און הייס.

אַ רויקער ווינט, נישט קאַלט און נישט שווער; ער האָט באַוועגט די געדיכטע שבטים פון די בלעטער. באַהאַלטן אין זייער שאָטן, האָבן די „גאַלאָקאָטעס״ געברומט; אויך די „בוקודובאָסן״ און די „ליאוואַס״, ענלעך צו „גאַלאָקאָטעס״, האָבן געגעבן צוויסן פון זייער עקזיסטענץ. קיין גרויסער חילוק צווישן זיי איז נישטאָ: די ערשטע צייכענען זיך אויס מיט זייער מגושמדיקייט, די צווייטע מיט זייערע גרינע פעדערן.

איבער די הירזש-פעלדער, איבער די ביימער, איבער די קאַגאַס, וואָס ווייטער אַלץ גרעסער אין צאָל, האָבן זיך אומדערמידלעך געדרייט די רויב-פייגל.

פון צייט צו צייט האָט זיך איינער פון זיי, ווי אַ פייל פון אַ בויגן אַראָפּגעשליידערט אויף אַן אָנגעצילטן רויב. דערנאָך קלאַפּנדיק פּאַמעלעך מיט די גרויסע פליגלען, פונקט ווי ער וואָלט געררודערט אינדערלופטן, האָט ער זיך צוריק אויפגעהייבן אינדערהויך, און פּאַמעלעך זיך דערווייטערט, דערווייטערט...

די לופט איז געווען נישט קאַלט און נישט שווער.

לענגאויס די ברעגעס פון באַמבאַ און פאַמבאַ האָט די מאַלפּעדיקע אומה געהוליעט. דאָ האָבן געשפּרונגען די „טאַגואַסן", וועלכע שרייען מיט קולות, ענלעך צום געוויין פון אַ קליין קינד; דאָרטן האָבן געמאַכט פאַרשידענע תנועות די „ג׳גואיסן", באַדעקט מיט אַ שוואַרץ-ווייסער האָר, ענלעך צו שטאָף.

זיי זענען אַנטלאָפן געוואָרן אין גרויס פּאַניק, דערזעענדיק אַ מחנה בינען, וואָס פאַרפאָלגן אַ פייגל, אַ האָניק-עסער.

אַ ווילדע הערט מען בלויז דאָס זשומען פון די בינען. דאָס בלאָזן פונם ווינטל צווישן די בלעטער דערמאָנט שטאַרק זייער זשומענדיקן פליען, און בעת זיי זענען שוין געווען ווייט-ווייט, האָט זיך נאָך אַלץ געדאַכט, אַז זיי געפינען זיך דאָ נאָענט.

די לופט איז געווען נישט קאַלט און נישט שווער.

די בוקודובאַסן און די גאַלאַקאָטאָס האָבן געברומט. פון די דערפער, צעוואָרפן אויף די בערגלעך אָדער פאַרבאַהאַלטן אין די טאָלן, האָבן זיך געלאָזט הערן איינטאָניקע לידלעך און אַ גערויש פון שטויסלען, וואָס צעקלאַפּן טרוקענעם מאַניאָק, בעת אונטערן אומבאַוועגלעכן הימל האָבן זיך כסדר געדרייט די רויב-פייגל, מער דאָסמאָל ווי אַלעמאָל.

שפּעט אינדערפרי איז צו באַטואַלאַן געקומען מאַקודע דער פישער, זייגס אַ ברודער, ווען ער האָט זעלטן אָנגעזען.

אַזוי ווי ער האָט געפונען ביי זיך אין די נעצן צוויי גרויסע פיש, האָט ער באַשלאָסן פאַרבעטן באַטואַלאַן צום מאָלצייט.

מאַקודע און באַטואַלאַ זענען געווען ברידער פון איין טאַטע-מאַמע. אַלזאָ, נישט סתם אַ קרוב, ווי דער מנהג איז, ווייל יעדער מענטש קען דאָך, אויב נאָר די מיטלען דערלויבן אים, קויפן עטלעכע ווייבער און מיט יעדער איינער האָבן קינדער.

ביססיבינגי, וועלכער איז גראָד געווען דאָרטן, איז אויך פאַרבעטן געוואָרן.

זיי זענען אַלע דריי אַרויסגעגאַנגען, איינער נאָכן צווייטן, ווי קאַטשקעס.

מ'טאָר נישט גיין אַלע אין איין ריי. אַ מנהג, אַלט ווי די נעגערישע ראַסע, פאָדערט אַז ס'זאָל זיין אַזוי.

דשומאַ איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויערן...

— ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך גאַווהדיק, — האָט זיך אָנגערופן אינדוווראַ, איינע פון באַטואַלאַס פרויען.

בטבע אייפערזיכטיק און ליידנשאַפטלעך, האָט זי זיך נישט געקענט צוקוקן, ווי ביססיבינגי האָט איר אַוועקגעוואָרפן צוליב יאַסיגינדושאַן.

— יאָ, יאָ... ס'זענען דאָ אַזוינע, וואָס בלאָזן פון זיך.

— טאַקע אַזוי, — אָבער ווער ס'וויל נישט הערן, קען זיך די אויערן פאַרשטאָפן! אָבער ס'שאַדט נישט: ס'איז תמיד גאַנץ לייכט צו מאַכן דעם אָבשטעל פון אַ גרויסן מענטשן, הגם ס'איז נישט אַזוי. נישט אמת, יאַסיגינדושאַ?

אַ געלעכטער. מ'האָט נישט ליב יאַסיגינדושאַן. דיר גוט צוגעטראָפן, טאָכטער מיינע!

— אינדוווראַ, איך מיין, אַז דו ביסט פאָלקאָם גערעכט, האָט אָפּגעענטפערט יאַסיגינדושאַ. איך ווייס אָבער נישט וועמען דו מיינסט. רעדסט אפנים פון יענער אויסגעלאַסענער נ'גאַפּו, וואָס האט חתונה געהאַט פאַר אַ רייכן מ'בישן שעף?

— כ'לעבן, אַז זי האָט זיך נישט וואָס צו בלאָזן. איר האָט דען אַ באַגריף, וועלכע נידערטרעכטיקייטן זי טוט אָפּ! דאָך קען מען עס איר מוחל זיין. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ ווייסן. דאָס פאַרענטפערט אַלעס.

— זעט נאָר ווי די כלבטע זידלט זיך! זעט נאָר ווי זי פאַלט אָן אויף מיר! פאַרפוילט איז געווען דער בויך פון דער וואָס האָט דיך געהאַט! דו ביזט צעפוילט פון קאָפּ ביז די פיס. רעד נישט קיין וואָרט! ווער שטום, אָדער איך וועל דיר אַריינרוקן אין פיסק אַריין...

— טייערע, אַלטע חברטע, צו וואָס אַזעלכע געוואַלדן? איך בין נישט טויב. האָב איך אפשר אויסגעטראַכט עפּעס שלעכטס אויף דיר? אַ, יאָ!

— ווילסטו איך זאָל צעברעכן דעם שטייסל אויף דיין שמוציקן פּרצוף? כ'וועל דערציילן באַטואַלאַן, אַז דו נאַרסט אים אָפּ מיט ביססיבינגין. איך וועל עס אים זאָגן...

— יאָ, יאָ, זיי מוחל, אינדוואורא. איך קען דיך שוין פון אַזויפיל רעגן־תקופות, אַז איך האָב שוין פאַרגעסן וועגן דיין ב'גאַפּו־אָפּשטאַמונג און אַז דו ביזט געווען אַ ווייב פון אַ ווייסן מענטשן.

— דאַרף איך דען דיר פאַרזיכערן, אַז כ'האָב גאָרנישט דיך געמיינט? אַלע ווייסן דאָך, ווי אָרנטלעך דו ביזט. און מער פון אַלע איז דערפון איבערצייגט ביססיבינגי, פון וועמען דו האָסט ערשט גערעדט. ער ווייסט, וויאַזוי דו שטויסט אָפּ די מאַנסבילן פון זיך...

אינדוואורא איז אָנגעפאַלן אויף יאַססיגינדזשאַן. זי וואָלט איר געשלאָגן, געביסן, געפליאַסקעט. זי האָט אָבער בלויז געסטראַשעט, אינדערצייט, ווען אירע חברטעס האָבן זי צוגעהאַלטן. זי וועט גיין זיך פאַרקלאָגן פאַרן קאָמענדאַנט. זי וועט אַלעמען דערציילן, אַז יאַססיגינדזשאַ האָט אויסגעטרונקען אַ „יאָררא", כדי נישט צו האָבן קיין קינדער. זי וועט בעטן ביי די זקנים, מ'זאָל זי פאַרמשפּטן—אויסצוטרינקען דעם פּרווו־סם. נאָר צוואָס דאַרף מען זיך דאָס בלויז פאַרדאַרבן! ביססיבינגי! פּפּפו! זי לאַכט זיך אויס דערפון! מ'האָט נישט קיין באַציונגען מיט אַזעלכן, וואָס האָט שוין געפּאַקט אַ „קאַססירי".

— אַז מ'קען נישט עסן דאָס, וואָס מ'וויל, זאָגט מען פשוט, אַז מ'איז שוין מער נישט הונגעריק. וואָס שייך אָט דעם באָק, ביססיבינגי, איז אויב ער האָט טאַקע דאָס, וואָס דו זאָגסט, איז אויף דיר אַ רחמנות, טייערע אומגליקלעכע אינדוואורא!

דערהערט אַזעלכע ווערטער, זענען אַלע לאַכערקעס ערייבער אויף יאַססיגינדזשאַס צד:

— האָסט אָנגעגריפן אַ שטאַרקערע פון דיר...

— דו זעסט, אינדוואורא, ווהין אייפערזוכט קען פאַרפירן. בין איך דען געווען אייפערזיכטיק, ווען דו האָסט ביי מיר צוגענומען ביססיבינגין?

— דו מיינסט, באמת, אַז ער איז נאָר פאַר דיינעטוועגן? אַ נישקשהדיקער אַפּעטיט!

— דאָס איז שוין איינמאָל אַ יאַססיגינדזשאַ! ס'איז איר גאָרנישט אָפּצושאַצן!

— זי געפינט באַלד וואָס צופּצוענטפערן!

— גוט, גוט, — האָט אָפּגעענטפערט יאַססיגינדזשאַ, — ס'וועט זיין געצוג אויף היינט. קומט בעסער עסן דעם מאַניאָק. אַ „באַבאַ”, דאָס איז שוין איינמאָל אַ מאכל! דאָס בעט, לעבנס-מיטלען, אַ געבעקס פון מאַניאָק, אַ מאַנסביל, אַ טאַנץ, אַ ליולקע — אָט ווו דער אמת שטעקט!

ביי דעמדאָזיקן וויץ האָבן אַלע אויסגעבראָכן מיט אַ הויכן געלעכטער.

ביסלעכווייז איז דער הימל געוואָרן אַש-גרוי; עטוואָס שפּעטער האָט ער באַקומען דעם קאָליר פון רויטער ערד.

דער ווינט האָט זיך איינגעשטילט. די לופט איז מיטאַמאָל געוואָרן געשטיקט. פון אַלע זייטן האָבן אָנגעהייבן צו זשומען פליגן, פליגן, פליגן, פליגן.

איינס נאָכן אַנדערן זענען די פייגל אַנטשוויגן געוואָרן. איינס נאָכן אַנדערן זענען די רויב-פייגל נעלם געוואָרן.

פון אונטער די קאַגאַס זענען אַרויסגעשווומען גרויסע ווייסלעכע כמאַרעס. זיי האָבן זיך צונויפגעקליבן, געשטופט זיך, צוזאַמענגעגאָסן. אומווייליק זענען זיי געטריבן געוואָרן דורך די לופט-שטראָמען.

אַ פאַרבאָרגענע קראַפט האָט זיי פלוצלונג אַ שטויס געטאָן אויף באַמבאַ.

שוואַרצער פון קויל, צונויפגעפלאָנטערט מיט אייגאַנדער.

האָבן זיי זיך געפּרעסט, געשטויסן, געלאָזט זיך אין גאַלאָפּ, ווי ווילדע אָקסן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פון די ברענענדיקע סטעפּעס.

בליצנדיקע פיילן האָבן דורכגעשניטן די שוואַרצע מאַסע. און דער ווידערקול האָט צעטראָגן די אָפּקלאַנגען פונם דונער.

טעפּלעך און מאַטעס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן. דורכגעשטופּט זיך דורך די דעכער, האָט דער בלויער אומבאַוועגלעכער רויך אַרומגעוויקלט די כאַטקעס.

קיין זאַך האָט זיך נישט באַוועגט. די כמאַרעס האָבן פאַרדעקט דעם נידעריקן הימל. די כמאַרעס זענען איצט געבליבן הענגען איבער באַמבאַ, דעלאַ, דעקאַ; זיי זענען געבליבן הענגען איבער די דערפער יאַקידזשי און ס׳מאַנאַ, יאַבינגי און באַטואַלאַ. זיי זענען געבליבן הענגען איבער די דערפער פון באַנדאַפּו, טאַמאַנדע, יאַבאַדאַ, גראַטאַמבאַ, אואַלאַדע, פּומעיאַססי, פּאַנגאַקוראַ. זיי זענען געבליבן הענגען אויף דעם גאַנצן ביסל גרינס, וואָס זייער שאָטן האָט דערשטיקט, אָפּגעשאַפט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן און מיט זייער פולער גרויזאַמקייט געוואַרט אויף אַ סיגנאַל, וואָס קומט נישט אָן.

דאָרטן ווייט, גאַנץ ווייט, צווישן סומאַנאַ און יאַקידזשי, ווערט די שוואַרצקייט פון די כמאַרעס צעשוווּמען אין גרויליקע פּאַסן, וועלכע באַהעפטן דעם הימל מיט דער ערד.

דאָס איז דער רעגן. געטריבן דורך דערזעלבער קראַפט, וואָס פירט אָן מיט די כמאַרעס, באַפעסטיקט ער זיך אויף באַמבאַ, וואַרפט זיך אויף גרימאַרי.

וואָס שטאַרקער ער ווערט, אַלץ מער וויקלט ער איין מיט זיינע נעפּלען די באַקעמפטע פּאָזיציעס.

או או או או! ענדלעך! אַ שטאַרקער הייסער ווינט הייבט זיך אויף, ווער ווייסט אים פונוואַנען.

די בלעטער פון די באַנאַנען־ביימער קלאַפּן זיך אָן אייניאַנדער. אַ קוואַקעריי שניידט דורך די לופט און צעגיסט זיך אין פאַרשידענע טענער.

דאָס זענען די „קונגבאַס" און די „לעטערעס", וועלכע רופן אַרויס דעם רעגן.

דער ווינט בלאָזט. פאַר אים גייט אַ געיאָמער. ער שאָקלט די גראָזן, טרייסלט די צווייגן, רייסט די ליאַנעז, מאַכט אַ תל פון די בלעטער, פאַרקערט די ערד, טראָגט אַוועק מיט זיך איר רויטן שטויב, גייט אַוועק, אַנטלויפט און ווערט אָפּגע־שוואַכט.

זיין אָפּגעשוואַכטע יאָמערײַ ווערט נאָך שוואַכער, צע־שפּרייט זיך און גייט אויס ווער ווייסט ווו. און ווידער שטיל־קייט, אַן אימהדיקע שמילקייט פון די געראָשן און פון די מורמלערייען, וואָס זענען נאָר וואָס אַנטשוויגן געוואָרן.

אָט קומט ווידער רעגן! דער רעגן! דער ווינט ברענגט צוטראָגן דעם גוטן ריח פון פייכטער ערד. איינער נאָכן צווייטן טראַסקען די דונערן. זיי דערנענטערן זיך. און דער רעגן הייבט אָן צו גיסן. זיינע טראָפּנס, לייכטע, רירעוודיקע, פריי־לעכע, טאַנצן אויף די אויסגעטריקנטע גראָזן, אויף די שטיי־נער. די לופט ווערט אָפּגעפרישט. דער ווינט ווערט שטאַרקער. דאָס איז דער „דאָנוואָראָ".

וואָס אַ רגע ווערט ער אַלץ בייזער און בייזער. דער וואַרעמער רעגן פּלייצט, כליאַפּעט, שטראָמט, גיסט גאַנצע כוואַליעס, שנעל, צונויפגעפּרעסט, כסדר, אָן אויפהער; ער פאַלט אויף באַמבאַ, ער פאַלט אויף דעלאָ, ער פאַלט אויף דעקאַ. ער פאַלט אויף אַלע קאַגאַס, וואָס מען זעט נאָך, אויף אַלע האָריזאָנטן, וועלכע מען זעט נישט מער. דער דאָנוואָראָ און דער רעגן קוועטשן די גראָזן מיט זייער שותּפותדיקן צאָרן. זיי צופּן די ביימער, ברעכן די צווייגן, רייסן אַראָפּ די דע־כער און טראָגן זיי אַוועק.

אַ געדיכטע כמאַרע פאַרטויבט די שטחים, וועלכע זענען אָקאָרשט געווען צעוואַרעמט. וואַסער זוכט וואַסער, גיסט זיך צונויף, לייגט דורך וועגן. צעברעקלט זיך אין קאַסקאַדן און אין וואַסערלעך, לאָזט זיך אַראָפּ פון בערגלעך, פאַלט אַריין אין טייך.

דער דאָגוואָראַ שטופּט זיי אונטער. און דער רעגן, וואָס ווערט כּסדר פעסטער, כּסדר האַרטער, כּסדר תּקיפותדיקער, בויערט דורך דעכער, רייסט זיך אַריין אין די כאַטקעס, פאַר־לעשט זייערע פייערן, שווענקט אָפּ די ווענט, בעת די זיגזאַגן פון די בליצן, די טראַסקערייַ פון די דונערן, דאָס געוויש פון די ביימער, וואָס שלעפּן מיט אַנדערע ביימער ביים פאַלן, און דאָס וואָיען פונם שטורעמווינט פילן אָן דעם שטח מיט זיי־ערע ווילדע קולות.

דער אוראַגאַן האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצע נאַכט און אויפצומאָרגנס אַ גאַנצן פרימאָרגן, ביז צו דער רגע ווען די זון איז דורכגעגאַנגען אַ האַלבן הימל.

ביסלעכווייז איז דער ווינט שוואַכער געוואָרן. בלויז דער רעגן האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט, אָבער ער איז שוין געפאַלן לייכט, שיטער, דראָבנע, פריש.

פון די קוסטעס, פון די ערטער, וואָס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בלאָטעס, קוואַקען די „קונגבאַס" און די „לעטע־רערס", וועלכע קוויקן זיך פון רעגן.

ווען די גראָזן זענען פאַרפלייצט, ווען אַלע קנייטשן פון דער ערד פאַרוואַנדלען זיך אין קליינע אָזיערעס, דעמאָלט זינגען די זשאַבעס און די פראָשן.

גיט דעם טאָן, איר זשאַבעס, וואָס ריטשעט! אייער שטי־מע איז ערנסט, טיף, געמאָסטן. גיט דעם טאָן! די פראָשן וועלן אייך אָפּענטפערן מיט זייער גאַנצן כאָר!...

די „לעטערעס" און די „קונגבאַס" זינגען. זיי זענען צע־פרידן פון דער פייכטקייט, וואָס אַרום זיי. ביי אַזאַ מין סדר, זענען זיי די אמתע באַלעבאַטים פון דער וועלט.

זיי זינגען.

„קאַ־אַק... קאַ־אַק... טי־טילו... טיטילו... קעעק... קעעק... קידי־קידי... דזזזשששאַאַאַ..." אַ גערויש פון גלעקלעך, אַ קלאַפּערייַ פון שטייסלען, אַ קלינגערייַ פון שפּיזן, שטילע

אָדער גאַנץ קלאָרע, שרייענדיקע אָדער הייזעריקע, אַ קוואָקעריי פון אַלע מינים זשאַבעס, פון אַלע סאָרטן פראָשן גיסט זיך צונויף אין איין „יאַנגבאַ". וויינענדיקע זשאַבעס, צימבל־פראָשן, בופּלאַקס־זשאַבעס, גרינע זשאַבעס, דערלאַנגען אַ רוישנדיקן קאָוואַדלע־קאָנצערט, מיט זייערע פּויקנדיקע קולות און מיט זייער מעקען. „טיטילו... טיטילו... קצעעעק... קעעעעק... קאַאַ־אַאַק... קאַאַאַאַק... קיקיקידי.... קיקיקיקידי...

שקיעה־צייט איז עס אַ חלשותדיקער טאַם־טאַם. מיטאַמאָל הערט ער אויף, אָבער תיכּף הייבט ער זיך ווידער אָן...

דער רעגן האָט אויפגעהערט. די וועגן זעבען גליטשיק. גאַנצע מחנות מוראַשקעס פאַרלאָזן זייערע צעשטערטע היימען און קריכן ווייטער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך גאַנצע קופּעס מתים. לאַנג־לאַנג נאָך זייער אַוועקגיין פילט מען אַ שאַרפן ריח פון צעפוילטקייט.

און כמעט אָן אַ בין־השמשות פאַלט צו די די נאַכט.

פּאַוואָליע גייט אַרויס די לבנה פון איר וואָלקן־כאַטקע און לויפט דורך די שטערן־פּלאַנטאַציעס.

אַ געלע, ליכטיקע, כמעט אַ קיילעכדיקע, שפּאַצירט זי זיך. זי האָט נישט אַרום זיך קיין שום ליכט־רינג. די שטערן בלישטשען. מ׳זעט נאָר שטערן, בלויז שטערן, טויזנטער שטערן און די לבנה.

עפּעס אַ נאַכט־פויגל מאַכט: „אובוהו, הובובו". די זשאַבעס האַלטן אין איין קוואָקען, די היישיריקן סקריפּען און די גרילן שיפּען. אייניקע גלי־ווערעמלעך, שניידן דורך די לופט מיט זייערע גרינע שימערירנדיקע פייערלעך. אויסער זיי שלאָפט אַלץ. ס׳איז נאַכט. דער ווינט באַוועגט זיך לייכט. ס׳איז קאַלט.

IV

די פולע לבנה שפּאַצירט אין לענדער פון שטערן. דער יום-טוב פון די „גאַ׳נזאַס״ דאַרף זיך אײַנגיכן אָנהייבן.

ס׳אַרא גליק! שוין אַכט טעג, זינט דער קאָמענדאַנט האָט פאַרלאָזט גרימאַרי. אַ טייערער געדאַנק איז אים אײַנגעפאַלן — אַוועקצופאָרן אויף אַן אינספּעקציע אינם געגנט פון באַמייאַסי! אַז דער צאַפּ איז נישטאָ, טאַנצן די קאָזעס. דער גאַנצער שטח אַרום דעם פאַרוואַלטונגס-פּאָסטן איז פאַרפלייצט פון מענטשן. ס׳רודערט זיך ווי אין אַ נעסט פון מוראַשקעס. ס׳איז בלויז פאַרבליבן אַ גרויסער שטח אויף אויסצופירן דעם פיגורן-טאַנץ און דעם טאַנץ פון קריגסלייט.

אין דער לענג און אין דער ברייט פון קאָמענדאַנט׳ס באַראַק, אין באָמבאַ, איז געלעגן אַ גרויסער ליידיקער שטח. און כדי אָפּצוהיטן דעך גאַנצן דאָזיקן אומגעגנט: די אַדמיניסטראַטיווע רעזידענציע מיט אירע אַנדערע בנינים, דאָס מיליטער לאַגער און די תפיסה—איז פאַרבליבן נאָר איין-אײנציקער „טורוגו״, בולאַ. אָבער וועמען גייט ער דען אָן!

באמת, ווער לייגט דען אַכט אויף אַ „קולונגולו״? ווייל קולונגולו איז געווען זיין צונאָמען צוליב זיין שלעפּנדיקן גאַנג, ענלעך צום גאַנג פון די פּערציק-פיסיקע שרצימלעך...

די „גאַ׳נזאַס״ זענען נאָך דאָרט נישט געווען. די „יאַנגבאַ״ איז נאָך נישט אַריין אין איר פולן שווונג. נאָר אייניקע

סמנים האָבן שוין עדות געזאָגט, אַז די יאַנגבאַ וועט זיין גאָר פּרעכטיק.

בערך אַ טוץ לי׳נגאַס, צעוואָרפן אין פאַרשידענע ריכטונ-גען, האָבן גלייך ווי געוואַרט אויף עפּעס. ס׳איז נישט געווען סתם אַזוי טאַם-טאַמען, קליינע, מיאוסע, שמוציקע פון אָפט באַ-נוצן, פאַרזשאַווערטע פון רעגנס און אויפגעפּרעסטע פון טערע-מיטן.

אדרבה, יעדע פון זיי האָט מיט גרויס שטאָלץ אַרויסגע-וויזן איר דאָפּלטן הארב, וואָס איז מיט גרויס סבלנות געווען אויסגעדאלבעט אין אַ שטאַם פון אַ גיגאַנטישן בלום.

מ׳האָט זיי באַדעקט מיט אַן אויסמישונג פון ווייסער ערד און קאַרטאָפל-מעל, ווו מ׳האָט אין סאַמע מיטן אויסגעקריצט אין דער לענג און אין דער ברייט אַ דיקן רויטן פּאַס.

אויף דער ערד זענען געווען אויסגעשטעלט קערבלעך מיט הירזש, געבעקס פון מאַניאָק, שטויסן באַנאַנען, טעפּ מיט רויפּעס, אייער, פיש, ביטערע פּאָמידאָרן, ווילדע שפּאַראַגן. ס׳האָבן זיך געוואַלגערט גאַנצע חמרים פלייש פון אַן אַנטילאָ-פּע און אַ העלפאַנט, פּערטלען פון ווילדע חזירים און אָקסן, וואָס מען האָט געטריקנט אויף דער זון, אָדער געבראָטן אויפן פייער. דאָרט זענען געווען געוויקסן, וואָס די ווייסע באַנוצן נישט — אַזעלכע „דאַזאָס״, למשל, וואָס האָבן דעמזעלבן ווערט ווי קאַרטאָפל, די „באַנגאַאָס״, אָדער זיסע פּאַטאַטן מיט אַ רוי-טער אָדער געלער הויט. ס׳זענען געווען „באַבאַ׳סאָס״, אָדער ווי מ׳רופט זיי „איגנאַמע״. דאָרטן האָט מען אויך געקענט גע-פינען ברייטע קריגן, אָנגעפילט מיט געטראַנקען, וואָס מ׳מאַכט פון הירזש אָדער פון אויפגעיוירענע קוקורוזע. ס׳איז אויך געווען אַ פּאָר פלעשלעך משקה.

מ׳האָט זיי געקויפט ביי די „בונדזשודוליס״, ספּעציעל פאַר די אָנפירער, פאַר די חשובע לייט און זקנים.

פון אַ סך שטיבער האָט זיך אויפגעהייבן אַ געדיכטער רויך, שוואַרץ און שטיקנדיק צוליבן האָלץ, וואָס איז געווען נאַס. דורך אַלע וועגן, וואָס פירן פון קאָמאַ, פּאַנגאַקורא,

פויאַמבאַ, יאַקידזשי, זענען געווען באַשאָטן מיט אַן ערב-רב פון מאַנסבילן, פרויען, קינדער, בחורים, בתולות, שקלאַפן און הינט; אומעטום האָבן זיך געשטופּט פאַרשפּעטיקטע געסט, וועלכע האָבן געפּענדעט צום דאָזיקן רויך, וועלכן מען האָט אַרויסגעזען פון גאַנץ ווייט.

באַוואָפנט מיט שפּיזן און פיילן, מיט אַ שטיקל אָנגעצונדן האָלץ אין דער האַנט, כּדי צו באַלייכטן זייער וועג דורך די וועלדער-סטעזשקעס, אויף די ברעגעס פון טייכן, האָבן זיי פאַרלאָזט זייערע קאַגאַס, זייערע וועלדער, זייערע בלאָטיקע „פּאַטאַס-פּאַטאַס", אָדער זייערע פּלאַנטאַציעס, און זיי זענען געגאַנגען, און זיי זענען געקומען.

קוים אָנגעקומען, האָבן די פרויען מיט די „קופּרוס" תּיכּף צעשטויסן די קוקורוזע, הירזש און מאַניאָק. די טויבע קלעפּ פון די שטייסלען, אין די הילצערנע סטופּעס, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די קלאַנגען פונם קולונגולו-ליד:

דער קולונגולו, ווי ס'איז באַוווּסט, לעבט נאָר אין קי-מיסט
מ'שמועסט, אַז ער עסט, משמעות, בלויז דאָס,
דער קולונגולו, דער קולונגולו!
האַאַאַ! דער קולונגולו, האָ!
זיין איינציקער אוצר, אַ קרענק, פון אַלע קרענקען
און אַלס געטרייער מאַן האָט ער דעם אוצר זיין יאַסי געשאָנקען
און זיין יאַסי האָט עס איבערגעגעבן דער טאָכטער, דער צנועה.
דער קולונגולו, יאַהע! יאַהע! דער קולונגולו!
האַ-אַאַ! האַ-אַאַ! דער קולונגולו, האָ!

געלעכטערס פון אַלע זייטן. אַ פריילעכקייט האָט זיך צעגאָסן אויף אַלע פּנימער. מ'האָט געלאַכט צוליבן לאַכן אַליין. מ'האָט גערעדט, נישט וויסנדיק ריכטיק, וואָס מ'וויל זאָגן. די ווירקונג פונם „קענע" האָט זיך שוין געלאָזט פילן; ווייל מ'האָט נישט אויפגעהערט צו גיסן אין זיך ביר פון קוקורוזע און ביר פון הירזש.

ווי קומט עס, אַז באַפּוצט מיט אַ רויט היטעלע פון אַ טורוגו
שפּאַצירט איבער אונדזערע שיינע פּלאַנטאַציעס,
אַ קולונגולו, אַ קולונגולו,
יאַהע! אַ קולונגולו! האָ!
אַלנפאַלנס, זייט וויסן, מיינע טייערע ווייבער,
אַז איר זאָלט קיינמאָל נישט שלאָפן מיט אים אויף איין געלעגער,
ווייל נישט אויף אַ יאַסי, נאָר אויף אַן אַנדער זאַך
יאַהע! יאַ!
שלאָפט דער העסלעכער קולונגולו,
יאַהע! אַ קולונגולו! האָ!

אַן אויסגעצייכנטע פאַרזאַמלונג - אַלע מ׳ביסן און אַלע ב׳גאַפּוסן זענען דאָ דאָ מיט זייערע זקנים.

באַטואַלאַ האָט זיך געהאַלטן לעבן זיינע אַלטע עלטערן, אַרומגערינגלט פון אַ גרופּע עלטסטע און אָנפירער.

ער האָט געדרשנט.

מ׳שמועסט, אַז אייניקע ווייסע זענען געשטאָרבן, אין באַנגי... אַז דער גובערנאַטאָר האָט בדעה גאָר אינגיכן אַוועקצופאָרן קיין באַנדאָרראָ... אַז אין מ׳פּוטו, דאָרטן ווייט, אין פראַנקרייך, שלאָגן זיך די פראַנדזשעסן מיט די דייטשוקעס...

רעדנדיק, שטאָפּט ער אָן מיט פלאַקס אָדער מיט טאַבאַק די גאַראַבאָס, וואָס ער האַלט אין דער האַנט, צינדט זיי אָן, גיט אַ פּאָר ציִ, לויטן מנהג באָך, און טיילט זיי איין צווישן די פאַרזאַמלטע.

— דו ווייסט, באַטואַלאַ, אַז איך קום איצט אָן פון קרעבעדזשע, — האָט אַ זאָג געטאָן פאַנגאַקוראַ, דער גרויסער אָנפירער פון מאַגדזשיאַ. — אינדערוועגנס דערווייסט מען זיך זייער פיל. דאַכט זיך, אַז די ווייסע אַליין לעבן נישט בשלום צווישן זיך. וואָס דאַרפט איר מער? הערט נאָר אויס, זייט מוחל, אַ געשיכטע.

„האָבנדיק אַ טביעה צו אַ געוויסן פּאָרטוגעזער, בין איך אַוועק צום קאָמענדאַנט, איר דאַרפט אים, מסתם, קענען!

אָט דעם וואָס מיר רופן „קאָטאַיע”, צוליב זיין גרויסן בויך.

„כ'האָב אים איבערגעגעבן די גאַנצע געשיכטע. פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב די מעשה אַביסל באַפּוצט.

„— פאַנגאַקוראַ, — האָט ער מיר געענטפערט,—אַזאַ טפש ווי דו, האָב איך נאָך אויף מיין לעבן נישט געזען. וואָס? דו ווייסט גאָרנישט, דו אַלטער שוטה איינער, אַז אַ „פּוטריקעס” האָט אַ קנאַפּן ווערט?

„אַלזאָ, האָרך אויס מיט קאָפּ! תחילת האָט דער נ'גאַקוראַ פון די ווייסע גענומען דאָס בעסטע, וואָס ער האָט געהאַט אונטער דער האַנט, און האָט באַשאַפן דערפון די ווייסע.

„שפּעטער האָט ער צונויפגעקליבן זייער טינוף און גע- מאַכט דערפון די שמוציקע נעגערס, אָט אַזאַ מין נפש ווי דו.

„אַ סך שפּעטער, האָבנדיק די כוונה צו באַשאַפן די פּאָר- טוגעזער, האָט ער אָנגעהייבן צו זוכן אַרום זיך. ס'איז אָבער שוין מער נישט פאַרבליבן ווי די טינופת פון די נעגערס.

„אָט דערפון טאַקע האָט נ'גאַקוראַ אויסגעקנאָטן די ערש- טע פּאָרטוגעזער”.

מ'האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

— צי האַלט איר דען נישט, אַז דער שלעכטער אָפּזאָץ פון קאַוטשוק איז פאַר אונדז אַן אומגעריכט גליק? — האָט גע- געפרעגט באַטואַלאַ.

ווען נישט דער פאַל, וואָלטן מיר אַהער נישט געקענט קומען זיך משמח זיין, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער קאָ- מענדאַנט איז אַוועקגעפאָרן.

אין יעדן בונדזשודולי וואָלט שטענדיק געזעסן עפּעס אַ צרה און געהייסן זיך צאָלן אַ פאַטאַ, יאָ, פינף פראַנק, פאַר אַ זאַך, וואָס ס'קאָסט ביי די ווייסע נאָר איין מעיאַ, — צען סו.

— דיינע ווערטער זענען ווי לויטער וואַסער, — האָט געזאָגט יאַקידזשי, — מיר דאַרפן געבן אַ שבח נ'גאַקוראַן פאַר דעם גליקלעכן קריזיס. אַ דאַנק אים האָבן אַלע סוחרים גע- מוזט אַוועקפאָרן, ווער קיין קרעבעדזשע און ווער קיין באַנגי.

— זאָלן זיי פגרן מיט אָפענע פיסקעס און מיט פּיס אין טינוף.

— און דאָס איז נאָך נישט אַלץ, אָך! דאָס איז נאָך נישט אַלץ, באַטואַלאַ.

„צוליב די גרויסע מחלוקת, וואָס קומען פאַר צווישן די ווייסע דייטשוקעס מיט די ווייסע פראַנדזשעסן, שיקט מען די „יאָנגאָראָגאָמבעס" קיין מ׳פּוטו.

„יאָ, יאָ, אָט די אַלע לאַנגע ביקסן", די גאַנצע כאָפּטע שיסערס, גייען מלחמה האַלטן אין מ׳פּוטו.

„גאַנץ מעגלעך, אַז אונדזערע באַלעבאַטים וועלן זיי נאָכ־פּאָרן. איך מיין אַזוי, יאַבאַדאַ".

— יאַבאַדאַ, — האָט אַ מעקע געטאָן באַטואַלאַס אַלטער פאָטער,—פּונקט ווי ס׳איז אמת, אַז איך האָב ווייסע האָר, אַזוי געמסטו אָן די קאַגאַס פאַר טייכן און דיינע פאַרלאַנגען פאַר ווירקלעכקייט.

„ס׳וועט שוין באַלד ווערן דריי רעגן־תקופות, אַז די פראַנדזשעסן מיט די דייטשוקעס שלאָגן זיך.

„באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די היגע פראַנדזשעסן האָבן בדעה אָפּצופאָרן? ס׳הייבט זיך נישט אָן. דאָרטן שמעקט מיט סכנה. נאָכוואָס זאָלן זיי גיין אַהין, און זיך לאָזן הרגענען? יעדערער ציטערט פאַר זיין הויט, יאַבאַדאַ".

הילכיקע געלעכטערס האָבן ווידער אויסגעשאָסן אין אַלע זייטן.

— דו ביסט שטענדיק גערעכט, אַלטער; איך מוז זיך מודה זיין. דאָך, דערלויב מיר זיך ווינטשן מיטן גאַנצן האַרצן, אַז דידאָזיקע פראַנדזשעסן זאָלן וואָס גיכער געהרגעט ווערן דורך די דייטשוקעס.

אַך! גאַרישער יאַבאַדאַ. וואָס פאַר אַ חלוק איז צווישן די פראַנדזשעסן און די דייטשוקעס: זיי זענען אַלע ווייסע! צוואָס דאַרף מען זיי פאַרבייטן? מיר זענען פאַרשקלאַפט ביי די פראַנדזשעסן, אָבער מיר ווייסן שוין זייערע מעלות און

זייערע חסרונות. זיי שפּילן זיך מיט אונדז, ווי אַ „גיאַאו" מיט אַ מייזל.

„אַ „גיאַאו" עסט שטענדיק אויף דאָס מייזל נאָכן שפּילן. מ׳וועט דאָך אונדז סוף כּל סוף אָדער הרגענען אָדער אויפעסן, טאָ צוּוואָס זשע דאַרפן מיר זיך ווינטשן אַנדערע „גיאַאון", כּדי זיי צו פאַרבייטן אויף די, וואָס מיר האָבן שוין.

„סאיז פּונקט ווי מען אַנטלויפט פון ווילדע אָקסן און מען פאַלט אַריין אין די לאַפּעס פון אַ פּאַנטערע.

אַלע האָבן זיך אַריינגעמישט אינם שמועס.

— ער איז גערעכט. צוּוואָס בייטן? די נייע וועלן נאָך אפשר ערגער זיין.

— זיי האָבן אונדז נישט ליב און מיר צאָלן זיי מיט דערזועלבער מטבע.

— מיר וואָלטן זיי געדאַרפט אַלע אויסקיילען.

— יאָ, יאָ. דאָס איז עס.

— מיר וועלן זיך נאָך מיט זיי אָפּרעכענען, אַמאָל. שפּעטער...

— דאָס וועט פאַרקומען דעמאָלט ווען די באַנזירן, יאַ-קאָמאַסן, גובוסן, סאַבאַנגאַסן, דאַקפּאַסן, מיט איין וואָרט אַלע די, וואָס רעדן באַנדאַ, מאַנדזשיאַזיש אָדער סאַנגאָ-לשון, וועלן אַוועקוואַרפן זייערע אַלטע קריגערייען.

דעמאָלט וועל איך זען, ווי באַמבאַ באַקומט איר פריער-דיקן אויסזען.

— און מאַקודע וועט כאַפּן די לבנה אין אירע נעצן.

מען האָט ווידער אָנגעהייבן צו לאַכן, און די געלעכ-טערס האָבן אַזוי לאַנג געדויערט, אַז מ׳האָט כּמעט נישט געהערט דעם שטאַרקן געפּילדער פונדערווייטן.

„אָדער איר זענט אַלע הינטישע זין, האָט געשריגן באַטואַלאַ, שכּור פון פלאַקס-רויך און פון בראָנפן, אָדער איר ווייסט שוין גאָרנישט וואָס ס׳טוט זיך מיט אייך!

„זענט איר מענער, יאָ אָדער ניין! אפשר האָבן אייך די

„באַזוי׳נגער״ פון סענו׳סו קאַסטרירט? גאַנץ מעגלעך! אַלנפאַלס איך, וועלכער רעדט צו אייך, קען די ווייסע נישט אָנקוקן!

„איך דערמאָן זיך אין די צייטן, ווען די מ׳ביסן האָבן געלעבט גליקלעך, רויק, לענגאויס דעם טייך ניובאַנגי, צווישן בעסו-קעמאָ און קעמאָ-אואַנדאַ.

ווי נאָר ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטע ווייסע, האָבן ס׳רוב פון אונדז תיכף איינגעפאַקט די פעטישן, כלים, הינער, געלעגערס, הינט, פרויען, ציגן, קינדער, קאַטשקעס, און זיך אַריבערגעפעקלט אין די געגנטן פון קרעבעדזשע.

„איך בין נאָך דעמאָלט אַ קליין קינד געווען.

מען האָט געקעמפט, געבויט כאַטקעס, פאַרזייט פלאַנטאַציעס... אומזיסטע טירחה! די ווייסע האָבן זיך באַזעצט אין קרעבעדזשע.

„מיר אַנטלויפן ווידער. גריקאָ געפעלט אונדז. מיר פאַרהאַלטן זיך אין גריקאָ. דיזעלבע שוועריקייטן וואָס פריער ביים איינאָרדענען זיך.

„מ׳האָט געמיינט, אַז איצט וועט מען שוין קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם. ס׳הייבט זיך נישט אָן! די ווייסע, ווידער אַמאָל די ווייסע, פאַרפלייצן גריקאָ.

און פאַריאושטע לאָזן מיר זיך ווידער אין וועג אַריין.

„גרימאַרי! מיר זענען אין גרימאַרי! צווישן באַמבאַ און פאָמבאָ געפינען מיר אַ גוט אָרט אויף צו באַזעצן זיך.

„מיר האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט.

„ליידער! מיר האָבן נאָך נישט געהאַט פאַרענדיקט אונדזערע בויאונגען, ווי די ווייסע זענען שוין אונדז געלעגן אויפן קאַרק.

„דעמאָלט, פאַרצווייפלטע, אָן כחות, נישט וועלנדיק דערפירן אונדזער שבט צו אַן אונטערגאַנג — מיר האָבן זייער אַ סך זכרים פאַרלוירן, געבנדיק מיט כלי-זין אַ ווידערשטאַנד די, וואָס מיר האָבן געוואָלט אַרויסטרייבן — זענען מיר פאַרבליבן דאָרטן, ווו מיר זענען געווען, און באַוויזן אַ שמייכלענדיקע מינע די ווייסע....״

דאָס ווייטע, אומגעהויערע געוויש האָט זיך דערנענטערט.

„אונדזער הכנעה האָט זיי נישט באַפרידיקט. נישט גע־נוג, וואָס זיי ווילן ביי אונדז אָפּנעמען אונדזערע אַלטע מנהגים, ווילן זיי נאָך אונדז אָנוואַרפן זייערע.

„מיר האָבן מער נישט קיין רעכט צו שפּילן אויף געלט אין „פּאַטאַראַ". מיר האָבן נישט מער קיין רעכט זיך אָנצו־שכּורן. אונדזערע טענץ און אונדזערע לידער לאָזן זיי נישט שלאָפן. זיי פאַרטראָגן עס דעמאָלט, ווען מיר צאָלן זיי אָפּ מעשר. צאָלט, צאָלט שטענדיק! די קאַסע פונם גובערנאַטאָר קען קיינמאָל נישט זאַט ווערן.

„אייגנטלעך, וואָלט מען אפשר געפאָלגט דידאָזיקע אויס־וווּרפן, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַ ביסל מער שכל אין קאָפּ.

„אָבער ס'איז נישט אַזוי. אָט, האָט איר, אויף טשיקאַוועס, אַזאַ צופאַל:

„מיט אַ צוויי לבנות פריער, האָט דער הונט אוּאָרראָ, שכּור ווי אַ ווייסער, געממיתט איינע פון זיינע יאַסיס. יאָ, יאָ! ער האָט זיי שוין איינמאָל אַריינגעלייגט! ס'איז אין איר קיין גאַנצער אבר נישט געבליבן. נאָר וועמען אַרט עס? ווער, אַ שטייגער, פון אייך האָט נישט געשלאָגן זיין יאַסי?

„גייט אָבער אַוועק די מכשפה און פאַרקלאָגט זיך פאַרן קאָמענדאַנט!

„גראָד דעמאָלט האָט דערדאָזיקער פאַרשוין געהאַט ביי זיך אַ פּאָר דורכגייענדיקע ווייסע!

„געוויינלעך איז ער ניכטער, כאָטש דאָס איז ביי זיי אַ זעלטענע דערשיינונג. אָבער אין יענעם טאָג האָט ער זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט ער געשיקט איינעם אַ טורוגו, כדי צו אַרעסטירן אונדזער אוּאָרראָ. היות דער מילי־ציאַנט האָט אויסגעפירט זיין באַפעל מיט אַ געוויסער פאַר־שפּעטיקונג, האָט ער אים פון כעס געוואָרפן אַ ליידיקע פלאַש אין קאָפּ אַריין.

„מיט אַ צעבלוטיקט פּנים, איז מיין טורוגו אומגעפאַלן. ער האָט זיך געקרימט פאַר ווייטיק. און פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ גוטער שפּאַס, האָבן זיך אַלע ווייסע געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער.

„אָט אַזוי באַהאַנדלט מען אונדז!

„יאַבאַדאַ: ווילסט זיך איבערצייגן, ריזיקיר אַ צוויי פראַנק אין פּאַטאַראַ, פאַרן קאָמענדאַנט אין די אויגן!

„פאַר אַזאַ געוואַלדיק פאַרברעכן קענסטו אַמאָל באַקומען אַ פּאָר טעג תפיסה! נאָר די ווייסע האָבן דאָס רעכט אָנטייל־צונעמען אין האַזאַרד־שפּילן!...

„די אויגן זענען אים אָנגעלאָפן מיט בלוט; ער האָט גע־רישעט, שטאַמלענדיק:

„די ווייסע זענען גאָרנישט ווערט! זיי האָבען אונדז פיינט! זיי באַהאַנדלען אונדז ווי ליגנער! אונדזערע שקרים, אָבער, נאַרען קיינעם נישט אָפּ. אויב מיר באַפּוצן אַמאָל דעם אמת, איז עס דערפאַר, וואָס ס'פעלט עפּעס, ווייל דער מאַניאָק אָן זאַלץ האָט קיין טעם נישט.

„זיי! זיי שיטן ליגנס אָן שום סיבה. זיי שיטן ליגנס סי־סטעמאַטיש, מיט זכרון, פונקט ווי מ'אָטעמט.

„דערפאַר האָבן זיי די איבערמאַכט איבער אונדז.

„זיי זאָגן, אַז אַלע נעגער פון איין עק לאַנד ביזן צווייטן, האָבן פיינט איינער דעם צווייטן. אַך לאַ לאַ! בונדזשודוליס, פּאָטער מיינער, לאַנגע ביקסן און קאָמענדאַנטן לעבן דען בשלום צווישן זיך? פאַרוואָס זאָלן מיר נישט זיין ווי זיי? אַ מענטש איז שטענדיק און אומעטום אַ מענטש, פון וואָסער קאָליר ער זאָל נישט זיין, דאָ, צי אין מ'פּוטו...״

פונקט ווי אַ געפילדער פון טויזנטער בלויע אָדער גרינע „ווומאַס״, וועלכע פליען זיך צונויף אַרום אַ פּאַדלע, אַזוי איז דער ווייטער, אומגעהויערער גערויש געוואָרן אַלץ דייטלעכער און דייטלעכער.

באַטואַלאַ איז אויפגעשטאַנען, געשריגן און געמאַכעוועט מיט די הענט.

— איך וועל קיינמאָל נישט מיד ווערן צו דערציילן וועגן די עוולות פון די ווייסע. איך קען זיי בשום אופן נישט פאַרגעבן זייער צביעות! וואָס אין דער וועלט האָבן זיי דען נישט צוגעזאָגט! איר וועט זיך אפשר אַליין איבערצייגן, טענהן זיי, אַז אויסשליסלעך צוליב אייער טובה צווינגען מיר אייך צו דער אַרבעט!

„פונם געלט, וואָס איר פאַרדינט, נעמען מיר נאָר אַראָפּ אַ קליינעם חלק. מיר באַנוצן עס, כדי אייך אויפצובויען שטעט־לעך, וועגן, בריקן און מאַשינען, וועלכע לויפן, געטריבן דורך פייער, אויף אייזערנע שטאַנגען.

„ווו זענען זיי די וועגן, די בריקן און די אויסערגעוויינ־לעכע מאַשינען? ווו? מאַטאַ! ני ני! גאָרנישט, גאָרנישט! נאָכ־מער: זיי רויבן ביי אונדז אַוועק דעם לעצטן גראָשן, זאָגנדיק, אַז זיי וועלן נעמען בלויז אַ קליינע טייל פון אונדזערע פאַר־דינסטן! און נאָכדעם קענט איר נאָך זאָגן, אַז אונדזער גורל איז נישט קיין ביטערער?..

„ערשט מיט אַ דרייסיק לבנות צוריק האָט מען נאָך גע־קויפט אונדזער קאָוטשוק פאַר דריי פראַנק אַ קילאָ.

„אָן שום טענות־ומענות, האָט מען אונדז פון טאָג צו טאָג, פאַר דערזעלבער וואָג „באַנגאַ” אָנגעהייבן צו צאָלן פופ־ציק סו — איין מעיאַ און פינף בי׳מבאַסן! און פונקט אין דערזעלבער צייט האָט דער גובערנאַטאָר פאַרגרעסערט אונדזער אָפּצאָל פון פינף פראַנק ביז זיבן און אפילו צען!

„יעדער ווייסט, אַז פונם ערשטן טאָג פון טרוקנקייט ביז צו דער לעצטער מינוט פון רעגנס, גייט אונדזער טירחה בלויז אויף שטייערן, אויב זיי פילן נאָר נישט אָן די קעשענעס פון אונדזערע קאָמענדאַנטן.

„מיט אונדזער לייב צאָלן מיר שטייערן. מיר זענען נאָר לאַסט־בהמות. בהמות? אפילו דאָס אויך נישט. אַ הונט? אָבער זייער הונט שפּייזן זיי דאָך; זיי גיבן אַכטונג אויף זייער פערד. מיר? מיר זענען ערגער פון דידאָזיקע חיות; מיר זענען נידע־ריקער פון אַלע נידעריקע, זיי הרגענען אונדז אויס פאַמעלעך”.

אַ מחנה אָנגעשיכורטע נעגער, פון וועלכע מען האָט געשפירט דעם בראָנפן, האָבן זיך געשטופּט צו דער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון באַטואַלאַן, פון עלטסטע, פון אָנפירער מיט זייערע מקורבים.

מ'האָט זיך געזידלט, געשאָלטן. באַטואַלאַ איז געווען טויזנט מאָל גערעכט. אַמאָל, איידער די ווייסע זענען געקומען, האָט מען געלעבט גליקלעך. מ'האָט געאַרבעט ווייניק און פאַר זיך, האָט מען געגעסן, געטרונקען און געשלאָפן; ס'האָט זיך געמאַכט אַמאָל אַ בלוטיקע הריגה, בשעת וועלכער מ'פלעגט אַרויסרייסן דעם לעבער ביי די טויטע, כדי אויפצועסן זייער דרייסטקייט און ווערן ווי זיי. אָט ס'אַראַ גליקלעכע טעג ס'זענען געווען אַמאָל, איידער די ווייסע זענען אָנגעקומען!

איצט זענען זיי בלויז קנעכט. מ'קען זיך נישט ריכטן אויף קיין שום גוטס פון אַ ראַסע אָן אַ האַרץ. ווייל זיי האָבן נישט קיין הערצער אין זיך, דידאָזיקע „בונדזשוס". זיי וואַרפן אַוועק די קינדער, וואָס די שוואַרצע פרויען האָבן פון זיי. און די קינדער אַליין, ווייסנדיק, אַז זיי שטאַמען פון ווייסע, ווילן נישט האָבן קיין מגע-משא מיט די נעגערס. פול מיט שנאה און קנאה, ווי ס'פּאַסט פאַר „בונדזשיוווקאָס", לעבן זיי, דידאָזיקע שוואַרץ-ווייסע, אָפּגעשטויסן פון אַלע, צעפּוילט פון שלעכטע מידות, פויל און פאַרדאַרבן.

וועגן די ווייסע פרויען איז נישט כדאי צו רעדן. לאַנג, לאַנג האָט מען געמיינט, אַז זיי האָבן עפּעס אַ ווערט. מ'האָט פאַר זיי מורא געהאַט און מ'האָט זיי אָפּגעגעבן כבוד, פּונקט ווי אַן אָפּגאָט.

ס'איז אויסגעקומען זיך אָפּצוטרייסלען פון דערדאָזיקער מיינונג. פּונקט אַזוי לייכטזיניק ווי די שוואַרצע פרויען, אָבער נאָך מער אויסגעלאַסן, האָבן זיי געהאַט אַזעלכע שלעכטע מידות, פון וועלכע די שוואַרצע האָבן די מינדסטע השגה נישט געהאַט... אָבער צוואָס דאַרף מען אַזוי לאַנג רעדן דערפון?

און אַזעלכע פרויען האָבן געוואָלט מ'זאָל האָבן דרך-ארץ פאַר זיי!

באַטואַלאַס פּאָטער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט. פּונקט ווי דורך עפּעס אַ כּישוף איז דער געפּילדער געוואָרן שטילער, אָבער אינדערלופטן האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגן די קלאַנגען פון געזאַנג און פון מוזיק.

„קינדער מײַנע, אַלץ וואָס איר האָט געזאָגט איז אמת.

„אָבער איר דאַרפט דאָך פאַרשטיין, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַנדער עצה. גיט זיך אונטער. ווען דער „באַמאַראַ" ברילט וועט קיין שום אַנטילאָפּע נישט האָבן די דרייסטקייט אַרויסצוקריכן פון איר באַהעלטעניש. איר זענט נישט שטאַרקער פון דער אַנטילאָפּע, באַרויקט זיך.

„חוצדעם, זענען מיר נישט געקומען אַהער, כּדי צו שילטן די בונדזשוס.

„איך בין אַלט, פון אייערע שמועסן איז בײַ מיר די צונג אויסגעטריקנט געוואָרן. לאָמיר ווײַניקער שרײַען און מער טרינקען. נאָכן בעט און נאָכן וויג-שטול איז דער בראָנפן די אײנציקע וויכטיקע דערפינדונג פון די בונדזשוס.

„אמת, טאַקע, מײַן ראיה איז שטאַרק אָפּגעשוואַכט. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז כ׳האָב דאָ ערגעץ באַמערקט אַ פּאָר פלעשלעך מיט בראָנפן. ווי מיינסטו, באַטואַלאַ, אפשר וואָלטן מיר זיך גענומען צו זיי?"

דאָס האָט אַלעמען אַ ריר געטאָן. אַלע זענען געוואָרן אויסער זיך פאַר פרייד. און לאַכנדיק ביז צו טרערן, האָט באַטואַלאַ אַליין זיך געאײַלט צו דערפילן דעם באַגער פונם אַלטן בעל-תאווהניק.

V

אַ גרויסער געפילדער.

דאָס ווייטע, הילכיקע גערויש, האָט זיך דערנענטערט צו גרימאַרי. ס׳האָט איצט אָנגעשפּאַרט גאָרנישט נישט ווייט, ערגעץ אויף דער וועג-קרייצונג, וואָס פירט קיין פּויאַמבאַ און פּאַנגאַאַקוראַ. עס איז שוין נענטער; ס׳הילכט שוין ביים שטאַל, ווו ס׳געפינען זיך דעם קאָמענדאַנטס אָקסן. אָט איז עס שוין אַריבער די בריק, וואָס הענגט איבער דער באַמבאַ, און האָט זיך פּלוצלונג אַריינגעריסן אין דעם אַדמיניסטראַטיוון פּאָסטן.

דאָס איז שוין נישט געווען אַ ווייט הילכיק גערויש. נ׳גאַקוראַ האָט עס פאַרוואַנדלט אין אַ מחנה פון יונגע מיידלעך און בחורים.

באַקעטע, די קערפּער אָנגעווייסט מיט אַש פון מאַניאָק — אַ מיתה אויף דעם, וואָס היט נישט אָפּ דעם מנהג! — די האָר אָפּגעגאָלט, מיט ווילדע בליקן, באַוועגן זיי זיך פּאָרויס, טאַנצנדיק. צום טאַקט פון זייערע באַוועגונגען, האָבן זיי אַרויסגעלאָזט האַלדז און נאָז-קולות, וואָס מ׳האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין. ווייל זיי האָבן באַנוצט „סאַמאַלי״, די הייליקע שפּראַך. זיי זענען געגאַנגען אין אַ מין ווילדן עקסטאַז, צווישן געזאַנגען און „קו׳נדעס״.

אָט, האָט מען זיי באַמערקט.

ס׳האָט זיך אויפגעהייבן אַזאַ שרעקלעכער גערויש, אַז די פּעפּערפרעסער-פייגל אויף די ברעגעס פון באַמבאַ און פּאַמבאַ

האָבן זיך אויפגעכאַפּט אינמטין דער לבנה-נאַכט און אָנגעהייבן צו לאַכן.

אַן אויסטערלישע שמחה, אַ פּלעצלעכע, אַ באַוועגלעכע, אַ פריייד אָן אַ שום סדר האָט געשטויסן דידאָזיקע מחנה און זיי געהייבן אינדערלופטן. די קריגסלייט האָבן זיך געהאַלטן פאַר זייער געווער; די הינט האָבן געבילט, די קינדער האָבן געוויינט, און די פרויען, שיכּור פון די געטראַנקען און פונם געפילדער, האָבן געטופּעט מיט די פיס, געקוויטשעט, געריטשעט:

„גאַנ—זאַ... גאַנ—זאַ... גאַ—נזאַ!..

טעמפּ האָבן איצט די לי׳נגאַס אָפּגעקלונגען.

ס׳אַראַ פאַרכּישופטע ליכט! בלויז די ביימער און זייערע בלעטער זעען אויס אַ סך שוואַרצער אונטער דער העלער ווייסקייט! די ערד אָבער איז ווייס! די קאַגאַס זענען ווייס! די וועגן זענען, ווי וועגן פון ווייסן לייוונט! אָבער פּאָמבאָ און באַמבאַ ראָלן זייערע לבנה-וואַסערן!

און די קריגסלייט האָבן זיך געזעצט הינטער זייערע קריגס-פּאַנצערס מיט די שפּיזן אין די הענט און האָבן געוואַרט.

ווי נאָר ס׳האָבן זיך דערהערט די קלאַנגען פון די טאַם-טאַמען, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן צו דער באַמבאַ מיט אויפגעהייבענע שילדן און סאָכנעדיק מיט די שפּיזן. דאָרטן האָבן זיי זיך שנעל אויסגעדרייט און, צווישן גרויסע געוואַלדן, זענען זיי געקומען צוריק אויפן פריערדיקן אָרט.

די גאַ׳נזאַס טאַנצן דאָרט, ווו זיי שטייען. טאַמען-טאַמען, געזאַנגען, באַלאַפאָנען, קי׳נדעס פאַרטרינקען אַלץ אין אַ מבול פון קלאַנגען.

דער יום-טוב הייבט זיך אָן. די מאָקונדזשיס-יאַנגבאַס פירן אָן מיט דער שפּיל! זעט נאָר, ווי זיי זענען פאַרטאָן מיט לייב און זעל! מ׳דערקענט זיי נאָך די לאַנגע פייגל-פעדערן, וואָס שטעקן אין די צונויפגעפלאָכטענע האָר, און נאָך די

גלעקלעך, וואָס קלינגען אויף זייערע הענט, אויף זייערע קני, אויף זייערע ליטקעס.

שאָקלענדיק מיט די הענט, קלאַפּנדיק אַ פוס אָן אַ פוס, טרעטן אַרויס דריי פון זיי, כדי צו מאַכן קאָמישע שטיק. זייערע העוויות רופן אַרויס אַן אַלגעמיינע פרייד.

די התלהבות גייט איבער פון איינעם צום אַנדערן, פאַרשפרייט זיך, ווערט פלאַקעדיקער. מען קלאַפּט מיט די צינגער, מען פּאַטשט מיט די הענט, און צווישן דעם אַלעם הערט מען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער קלינגען די גלעקלעך און די גרעגערס פון די מאַקונדזשיס. מ׳גייט באַלד טאַנצן, טאַנצן!..

אַ ציטער איז דורכגעלאָפן איבערן עולם און האָט אים אויפגעטרייסלט.

די קינדער זענען אַרויסגעטראָטן פאָרויס. זיי זענען צוגעקומען צום מיטן, אַ פריי אָרט, אַרומגערינגלט מיט גאַ׳נזאַס און האָבן אָנגעהייבן טאַנצן.

זיי האָבן געמאַכט פאַרשידענע תנועות, זיי האָבן זיך געוואָרפן, געבויגן, באַוועגט מיט די הענט און מיט די פיס, נאָכמאַכנדיק די עלטערע, אָט יענע, וואָס זיי האָבן געזען טאַנצן, אין די בלאַסע לבנה-אָוונטן, פאַר די כאַטקעס, דעמאָלט ווען די נאַכט הילט איין די וואַרעמע האָריזאָנטן און די זשאַבעס קוואַקען, קוואַקען אָן אַ סוף.

אויף זייער אָרט זענען אָנגעקומען פרויען, נאַקעטע, די האָר אָנגעשמירט מיט בוימל, די אויערן, די נאָזלעכער און די ליפן דורכגעלעכערט מיט פילפאַרביקע בראַנזאָלעטן, די ליטקעס און די פויסטן אייגעפּאַסט אין קופּערנע רינגען. זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן ביי די פלייצעס פון דער, וועלכע איז געגאַנגען פאָרויס.

זיי האָבן געמאַכט אַ גרויסן ראָד, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן צו דרייען, פונקט ווי ס׳דרייען זיך די גלי-ווערימלעך אין אַ טונקעלן בין-השמשות.

ביי אַ סיגנאַל פון אַ טאַם-טאַם האָט זיך דער ראָד געעפנט.

מיט די פיס, מיט די הענט, מיט קולות, האָבן די פרויען אונטערגעהאַלטן דעם טאַקט פון די קינדעס, ליגנאַס און באַלאַפּאָנען.

דער ריטם האָט זיך פאַרשנעלערט.

אַ פאַרהולשטע, אַן אָפּגעגאָסענע מיט שווייס, די אויגן פאַרמאַכט, איז אַרויסגעטראָטן עטוואָס פאָרויס איינע פון די טענצערינס און זיך געשטעלט אינמיטן פון האַלבן ראָד, וואָס אירע חברטעס האָבן געשאַפן.

זייענדיק צוגעגרייט דערויף, אַז זי קען נאָך פאַלן, זענען געווען גרייט זי אונטערצוהאַלטן צוויי חברטעס, וואָס האָבן געטאַנצט הינטער איר, און צוויי, וואָס האָבן זיך געפונען אין ביידע עקן פון דער אויסגעצויגענער פיגור.

זי האָט געמאַכט דריי טריט פאָרויס, — האָט געפּאַטשט מיט די הענט: איינס... צוויי... דריי, — גלייך, ווי זי וואָלט זיך געצויגן צו עמיצן, וועלכער איז אומבאַמערקלעך. אָפּגעשטופּט, האָט זי זיך אַ צי געטאָן צוריק, — איינס... צוויי... דריי...

און פּונקט ווי באַהערשט דורך אַ מין שוואַכקייט און מרפה, צוליב דער כסדרדיקער אָפּשטופּעניש, איז זי ענדלעך אומגעפאַלן אַהינטער.

אירע חברטעס האָבן זי אונטערגעכאַפּט און אויפגעשטעלט.

און אַ פּאַריאַושטע איז זי אַוועק אַהין, ווו די געזעצן פון טאַנץ האָבן איר געהייסן גיין, — צום לינקן עק פונם האַלבן ראָד, בעת פון קעגנאיבערדיקן זייט איז אַרויס איינע פון אירע חברטעס, כדי אויסצופּרוון דעם גליק, וועלכן יענע האָט נישט געקענט דערגרייכן.

אַן אמתער שגעון האָט אַרומגענומען דעם עולם, ווען ס׳איז געקומען די ריי פון די מאַנסבילן!

דאָס זענען געווען בלויז מיילער, וועלכע האָבן שרעקלעך געדעוועט, צווישן פּנימער באַגאָסן מיט שווייס. מען האָט אַזוי שטאַרק געטופּעט מיט די פיס, אַז די ערד האָט אַזש געציטערט פונדערווייטנס. און ס׳צרא געשרייען! ס׳צרא געלעכטערס!

ס׳אַראַ תנועות! ווייל אַלץ אינאיינעם, מענער און פרויען, ביר, בראָנפן, באַוועגונגען, פרייד, האָבן אָנגעצונדן דעם העלישן פייער פון תאווה.

ס׳זענען דאָרט געשטאַנען אַ צוועלף מענער, כמעט אדם־נאַקעטע.

פון זיי אַלע איז ביססיבינגי געווען דער שענסטער, דער שטאַרקסטער. זיינע אויגן האָבן געברענט, ווי אַ שרפה אין אַ וואַלד. זיינע מוסקולן האָבן געציטערט. און ער האָט אָנגעפירט מיט זיינע חברים, ווייל ער האָט זיך פון זיי אַלע אויסגעטיילט מיט זיין הויכער, שלאַנקער פיגור, נערוועז און קרעפטיק.

זיי אַלע האָבן זיך אויסגעשמירט די קערפער מיט פעטס פון רויט האָלץ. אומעטום זענען געווען אָנגעטשעפעט גלעקלעך און גרעגערס; אַפילו אויף די קאַפעליושן פון פעדערן, וואָס האָבן פאַרדעקט זייערע קעפ, אפילו אויף די שטריקלעך, וואָס האָבן אַרומגעוויקלט זייערע לענדן און צוגעהאַלטן די געשלעכטס־דעקלעך.

אַ שטאַרקער גערוך האָט זיך געטראָגן פון זיי. ריטשקעס שווייס האָבן געפלאָסן אויף זייערע טאַטוירטע קערפער. אָבער זיי האָבן נישט געפילט קיין מידקייט! זיי האָבן נאָר געטראַכט וועגן דער יאַנגבאַ. נאָר אין איר זענען זיי געווען פאַרטאָן מיט זייערע אַלע חושים.

דאָס לעבן איז קורץ. בליץ שנעל קומט דער טאָג, ווען מ׳ווערט אומפעיק און מ׳הערט אויף צו טויגן צו געשלעכטס־פאַרבינדונגען. יעדע זון דערנענטערט דעם טויט, נישט אמת? אַלזאָ, כל זמן מ׳קען, דאַרף מען געניסן פונם לעבן.

זיי האָבן געטאַנצט.

צוגעבויגן ביז צו דער ערד, האָבן זיי זי אָנגערירט מיט די הענט און זיך אָנגעשפאַרט אין איר, ווען זיי האָבן געדאַרפט מאַכן צוויי אָדער דריי משוגענע העוויות. און כסדר איינגעבויגן, האָבן זיי געקלאַפט מיט די פיס אין דער ערד אויף רעכטס, דערנאָך אויף לינקס, און שפעטער ווידער אויף רעכטס, פאַרוואָרפן די הענט אַהינטער, גערודערט מיט זיי

אינדערלופטן, דאָ זיי אויפגעהייבן און דאָ זיי אַראָפּגעלאָזט, ווידער געהייבן און ווידער אַראָפּגעלאָזט, פּונקט ווי ס'מאַכט מיט די פליגל אַ גרויסער רויב-פויגל, וואָס גיט זיך אַ וואָרף, לויפט, גרייט זיך אַוועקצופליען, פליט און שוועבט זיך געלאַסן, רויק אין דער אומבאַוועגלעכקייט.

צום סוף, אויסקרימענדיק די פיס אין דער פאָרם פון אַ ראָד, האָבן זיי געמאַן אַ סכנהדיקן שפּרונג אין דער ברייט, דערביי געפּאַלן אויף די הענט און אויף די פיס, און כסדר צוגעפּאַסט זייערע באַוועגונגען צום טאַקט פון די ליי-נגאַס.

גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ..!

* * * * * * *

מ'וועט אייך מאכן גאַ'נזאַ.

גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ..!

אַ זקן, מיט אַ גרויס מעסער אין דער האַנט, און איינגעהילט אין גרויסע מלבושים איז צוגעקומען צו אַ גרופּע יונגעלייט. לעבן די יונגע מיידלעך איז אויך געשטאַנען אַן אַלטע פרוי. און די חשובע לייט, שטייענדיק קעגנאיבער די זקנים, האָבן חוזק געמאַכט פון די טאַנצנדיקע יונגוואַרג, וועלכע מ'וועט באַלד פאַרשאַפן שווערע ליידן.

גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ..!
הייַנטיקן אָוונט וועט איר ווערן פרויען אַלע...
איר וועט ערשט איצט אמתע מענטשן ווערן
אז, מ'וועט אייך מאכן גאַ'נזאַ,
גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ...
גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ !..

ביידע זקנים האָבן גערעדט:

„זינט איין לבנה, זינט צוויי לבנות, באַהאַלטן אין טיפע בעדיכטע וועלדער, האָט איר געליטן, האָט איר געפּאַסט.

„און אין משך פון איין לבנה און נאָך איין לבנה, האָט איר זיך באַהאַלטן פאַר אומרייניע בליקן, אויסגעווייסט אייער

קערפּער, כּדי דער טויט זאָל אים נישט אַוועקטראָגן אין זיין דערפֿל.

„איר האָט נאָר גערעדט אויפן הייליקן לשון. איר האָט זיך נאָר געשפּייזט מיט גראָזן און וואָרצלען, ווייט-ווייט פון די אומריינע בליקן.

„אין אַ משך פון איין לבנה און פון נאָך אַ לבנה, זענט איר געשלאָפן, ווו ס'האָט זיך געמאַכט, — נישט וויכטיק ווו און ווי-אַזוי. איר האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון לאַכן און שפּילן.

„ג'גאַקוראַ איז פון אייך צופרידן. אייערע נסיונות האָבן זיך געענדיקט. איר קענט שוין שפּיקן, לאַכן, טאַנצן, זיין אויף דער פרייער לופט, רעדן ווי אַלע מענטשן און שלאָפן אויף אייערע בּאַנבּאָס.

„איר וועט באַלד ווערן מענער. איר וועט באַלד ווערן פרויען. נאָך אַ ווײַלע, און מ'וועט אייך מאַכן „גאַ'נזאַ".

„אייערע נסיונות האָבן זיך געענדיקט. איר קענט שוין טאַנצן, שפּילן און לאַכן".

גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ!..

גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ... גאַ'נזאַ!..

די באַלאַפאָנען, די לי'נגאַס, די קונדעס האָבן געדונערט ווי אַ שטורעמווינט. מ'האָט געדאַרפט אָנגעמען מיטלען צו דערשטיקן אַלע געשרייען. אָט וועגן דעם האָבן זיי זיך באַמיט.

די הייליקע צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהייבן.

פּאַוואָליע האָבן ביידע זקנים אָנגעשאַרפט זייערע מע-סערס אין אַ פלאַטשיקן שטיין, אויף וועלכן זיי האָבן פריער אָנגעשפּיגן...

מיט אויפגעהייבענע שטעקנס האָבן זיך די באַהעלפער אַ לאָז געטאָן צום חולה, וועלכער האָט זיך געקרימט. אויב די מינדסטע ליידן, האָבן אים געקענט אַוועקלייגן, איז אַ סימן, אַז ער איז נישט ראוי צו זיין אַ מאַן! ער איז חיב מיתה! אַזוי וויל דער מנהג!

אָבער ער האָט אָפּגענאַרט זייערע האָפענונגען; אַ נייער

גאַ׳נזאַ איז מיטאַמאָל צוגעקומען צו זייער מחנה. דאָס בלוט, פליסנדיק פונם ווונד אויף זיינע פיס, האָט באַשפריצט די שכנים ביי יעדן שפרונג זיינעם. ווייל טאַנצנדיק און זינגענדיק האָט ער געדאַרפט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער פילט נישט קיין ווייטיק.

גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ !..

נאָר איין מאָל קומט מען עס איבער אינם לעבן...

גלייכגילטיק צום געשריי, האָבן די אַלטעטשקע געטאָן זייער אַרבעט. זיי האָבן גאָרנישט געהערט, זיי האָבן גאָרנישט געזען אַרום זיך, זיי האָבן געאַרבעט ווי אַ מאַשין. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון צוויי שניטערס, וועלכע רוקן זיך אויף זייערע פלאַנטאַציעס, באַוואָפנט מיט סערפּן, אין דער צייט פון שניט.

יינגע מיידלעך, עטלעכע פון זיי טויט-בלאַסע, האָבן זיך געדרייט און געטאַנצט. דאָך האָבן זיי נישט געקענט באַהערשן זייער פחד, און זיי האָבן געציטערט מיט זייער גאַנצן קערפּער.

די אַלטע איז צוגעקומען, אַרויסגערופן איינע פון די טענצערינס, צעשפּרייט איר האַסטיק די פיס, אַ כאַפּ געטאָן מיט אַלע פינגער, דאָס וואָס מ׳דאַרף אָנכאַפּן, אויסגעצויגן עס ווי אַ קאַאוטשוקאָווע ליאַנע, און מיט איין מאַך — ראַאַו! — אָפּגעשניטן.

נישט אויסדרייענדיק אַפילו דעם קאָפּ, האָט זי געוואָרפן הינטער זיך די הייסע, פאַרבלוטיקטע שטיקער לייב, וועלכע זענען נישט איינמאָל עמיצן געפאַלן אין פּנים אַריין.

ס׳איז קיין ביין נישט! די שטיקער זענען געפאַלן אויף דער ערד און די הינט האָבן זיך צוליב זיי געריסן...

גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ... גאַ׳זאַ !..

קומט פאָר איינמאָל אין לעבן.

קומט אהער, פרויען !... אהער מענער !...

איצט זענט איר שוין גאַ׳נזאַס.

גאַ׳נזאַ.. גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ... גאַ׳נזאַ !..

אָפּגעמלט דעם לעצטן זכר, אָפּגעשניטן די לעצטער נקבה, האָבּן בּיידע אַלטעטשקע אָנגעהייבּן אָפּצוואַשן די מעסערס.

דער געפּילדער האָט דאַמאָלט דערגרייכט די העכסטע מדרגה.

אַלץ, וואָס איז איצט געווען, איז געווען גאָרנישט. די אַלע קולות, די אַלע אומבאַשטימטע טענץ זענען בּלויז געווען הכנות דערצו, אויף וואָס אַלע האָבּן געוואַרט: אויף דעם טאַנץ פון ליבּע, וואָס מ׳טאַנצט בּלויז אין דעמדאָזיקן אָוונט, ווייל דעמאָלט זענען דערלויבּט כלערליי אויסגעלאַסנקייטן און פאַרבּרעכנס.

די לי׳נגאַס, די בּאַלאַפּאָנען און די קו׳נדעס האָבּן געקערט וועלטן. די פּיק-פויגל האָבּן ווילד געלאַכט און הויך-הויך, איבּער דער יאַנגבּאַ, האָבּן זיך אַרומגעטראָגן די נאַכט-שפּאַרבּער.

אָבּער זייערע קולות האָבּן זיך אויסגעמישט מיטן געפּילדער פונם אַלגעמיינעם שגעון...

צוויי פרויען האָבּן זיך בּאַוויזן. איינע פון זיי איז געווען יאַססיגינדזשאַ, די פרוי פון בּאַטואַלאַ, דעם מאָקונדזשי; די אַנדערע האָט נאָך פון קיין מאַנסבּיל גאָרנישט געוווסט.

בּיידע נאַקעטע, די האָר אויסגעצופּט, האָבּן זיי געהאַט אויפן האַלדז שנירלעך גלעזלעך, רינגען אויף דער נאָז און אויף יעדן אויער. אויף בּיידע פויסטן און אויף בּיידע פיס זענען געהאָנגען בּראַסלעטן. זייערע קערפּערס זענען געווען אָפּגעפאַרבּט אויף טונקל-רויט.

אויסער די אַלע יום-טובדיקע צירונגען האָט נאָך יאַססיגינדזשאַ געטראָגן אויף זיך אַ גרויסן מענלעכן אבר, אויסגעאַרבּעט פון געפאַרבּט האָלץ.

צוגעבּונדן מיט שנירלעך צום גאַרטל, וואָס האָט אַרומגעפּאַסט איר טאַליע, איז דער מאַנסבּילשער סימבּאָל געהאָנגען אונטערן בּויך, אָנווייזנדיק אויף דער ראָלע, וואָס יאַססיגינדזשאַ וועט בּאַלד שפּילן אינם טאַנץ.

צוערשט האָט זי באַוועגט אינם טאַנץ בלויז אירע לענדן און היפטן; די פּיס האָבן זיך נישט גערירט. ביי יעדער באַוועגונג האָט זיך דער הילצערנער אבר געשאָקלט.

דערנאָך איז זי לאַנגזאַם אַוועקגעגאַנגען, בעסער געזאָגט, זיך אַוועקגעגליטשט, צו איר פּאַרטנערקע.

יענע האָט אָפּגעטראָטן צוריק. זי האָט נישט געוואָלט, דידאָזיקע פרוי, נאָכגעבן דער תאווה פון אַ זכר! איר מימיק און אירע תנועות האָבן אויסגעדריקט איר פאַרבאָרגענעם פּחד.

דער אָפּגעשטויסענער זכר האָט אָפּגעטראָטן צוריק. אַ צעהיצטער, האָט ער געקלאַפּט מיט די פּיס אין דער ערד אַריין.

אָבער, קומענדיק צו זיך פון איר נאַרישן שרעק, האָט זי זיך איצט פונדערווייטנס אָפּגעגעבן.

זי האָט פאַרגעלייגט איר קערפּער.

ער איז ווידער אַוועק צו איר, געוואָלט זי אַרומנעמען.

איצט האָט זי אַרויסגעוויזן אַ שוואַכן ווידערשטאַנד. זי האָט זיך אָפּגעגעבן, געשמאָלצן פון זיין תאווה, ווי אַ געפּל פאַר דער אויפגייענדיקער זון.

זי האָט פאַרדעקט מיט די הענט, דאָ די אויגן, דאָ די געשלעכטס-טיילן. זי איז געווען ענלעך צו אַ געפאַנגענער חיה, וואָס וואַרפט זיך און גיט זיך פלוצלונג אונטער.

נאָך אַ רגע האָט זי פאַנאַנדערגעצונדן די תאווה פונם זכר, נישט וועלנדיק אים באַפרידיקן.

אָבער ווען יענער האָט אַרומגעכאַפּט איר קערפּער און ברוטאַליש איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער קען שוין מער נישט וואַרטן, — האָט זי אויפגעהערט צו געבן אַ ווידערשטאַנד.

דער פאַרשנעלערטער ריטם פונם טאַנץ האָט זיך פאַרענדיקט מיט ציטערנדיקע קאָנוווּלסיעס פון העכסטער תאווה; איבער זייערע קערפּערס האָט זיך דורכגעטראָגן אַ קורצער ציטער — און זיי זענען געבליבן שטיין אויפן אָרט אומבאַוועגלעך, אומבאַוועגלעך, גליקלעך...

אַן אויסטערלישער שגעון האָט אויפגערודערט דעם גאַנצן ערב-רב, וואָס האָט אַרומגערינגלט די טענצערינס.

די מענער האָבן אַראָפּגעריסן די שטיקלעך שטאָף, וואָס האָבן פאַרדעקט זייערע געשלעכטס-אָרגאַנען; און די נאַקעטע פרויען האָבן זיך אויך באַפרייט פון זייערע געפאַרבטע שמאַטקעס.

ברוסטן האָבן זיך געקלאַפּט אין ברוסטן. קינדער האָבן נאָכגעמאַכט די באַוועגונגען פון די עלטערע.

אַ שווערער גערוך פון געשלעכטן, פון השתנה, שווייס, בראָנפן, האָט זיך פאַרשפּרייט אין דער לופט און האָט געשטיקט מער, ווי אַ געדיכטער רויך.

פאָרלעך האָבן זיך באַוויזן. זיי האָבן געטאַנצט, פּונקט ווי ס'האָט געטאַנצט יאַססיגינדזשאַ מיט איר חברטע. מען האָט זיך געראַמפּערט, געכריפּעט. דאָ און דאָרט האָבן זיך קערפּערס געוואַלגערט אויף דער ערד, ווו מען האָט פאַרווירקלעכט אַלע באַוועגונגען פון די טענץ.

אַ שכּרות פון תאווה, פאַרשטאַרקט דורך בראָנפן-שיכּרות — דאָס אַלץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ געוואַלטיקער אומבאַצוימ-טער פרייד פון חיות.

קללות. בלוט האָט געשפּריצט. אָבער ס'איז קיינעם נישט אָנגעגאַנגען. בלויז די תאווה האָט געהערשט.

פאַרשווינגן זענען געוואָרן די טאַם-טאַמען. מ'האָט מער נישט געשפּילט אויף קונדעס און אויף די באַלאַפאָנען. די שפּילערס אַליין האָבן געוואָלט אָנטיילנעמען אין דער פרייד, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן, אונטערגעהאַלטן, פאַנאַנדערגעצונדן.

פאַרלוירן צווישן עולם, האָבן זיי געטאַנצט דעם טאַנץ פון ליבע, דעם ערשטן טאַנץ, פון וועלכן אַלע אַנדערע טענץ שטאַמען אַרויס, אָבער צו וועלכן קיינער פון זיי קען זיך נישט אויסגלייכן.

זיי האָבן געטאַנצט.

פון דערדאָזיקער מתנה מענטשן האָט געזעצט אַ הייסע

פאַרע, ענלעך צו די נעפּלען, וואָס הייבן זיך פון דער ערד נאָך אַ רעגן.

נאָך איין פּערל האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד.

פלוצלונג, אויפדריקנדיק דאָס מעסער פעסט צווישן די פינגער, האָט זיך באַטואַלאַ, דער מאָקונדושי, אַ לאָז געטאָן צום פּערל.

אַ שוים איז אים אַרויסגעטראָטן אויף די ליפּן.

זיין פויסט האָט זיך אויפגעהייבן אַ קלאַפּ צו טאָן.

אָבער יאַססיגינדזשאַ און ביססיבינגי האָבן זיך אָפּגעטראָגן, פלינקער נאָך פון „נגוהילן".

ער איז זיי נאָכגעלאָפן.

אַך! די אומפאַרשעמטקייט פון דידאָזיקע כלבים איז דער־גאַנגען אַזוי וויט, אַז זיי ווילן זיך אָפּגעבן זייער תאווה פאַר זיינע אויגן.

ער וועט די הויט אַראָפּשינדן פון דערדאָזיקער זונה.

וואָס שייך ביססיבינגין, וועט ער אים דעם גליד זיינעם אויסשניידן!

אַלע ווייבער וועלן לאַכן פון אים, דעם אויסגעשניטענעם!

וואָס? יאַססיגינדזשאַ! האָט ער דען איר נישט געגעבן זיבן שטיקלעך לייוונט, אַ קעסטל מיט זאַלץ, דריי קופּערנע האַלדזבענדער, אַ צויג, פיר טעפּלעך, זעקס הינער, צוואַנציק ציגן נקבות, פערציק גרויסע קערב מיט הירזש, און אַ יונגע שקלאַפין!

ער וועט זי דערפאַר צווינגען אויסצוטרינקען דעם פּרוווי־סם.

מיטאַמאָל האָבן די געשרייען און די גערוישן אויפגע־הערט, און אַ שרעק, אַן אומגעהויערע, אַ פלוצלונגע, האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם.

דערנאָך האָט זיך צווישן דער אַלגעמיינער שטילקייט דערהערט אַ געשריי:

— דער קאָמענדאַנט!... דער קאָמענדאַנט!...

מען איז געלאָפֿן אין דער ריכטונג צו די דערפֿלעך, מען איז געלאָפֿן, ווו די אויגן האָבן געטראָגן.

— דער קאָמענדאַנט!... דער קאָמענדאַנט!...

דער הילכיקער גערויש פֿון אַנטלויפֿנדיקן עולם איז ביס־לעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן.

צווישן די כּלערליי אָפּפֿאַלן, פֿייערלעך, עסנוואַרג, איז פֿאַרבליבן בלויז איין אַלטיטשקער.

אָנגעשפּאַרט אויף אַ לײַבגאַ, האָט ער געהאַט אַן אויס־זען פֿון איינעם, וואָס איז פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף.

„אינע... דעילע!... אָ, דואַט!... אט...״

אַ קלאַפּעריי פֿון ביקסן אויף דער ערד. די טורוגוס זע־נען צוריקגעקומען.

— איקסע! — האָט אויסגעשריגן דער סערזשאַנט סילאַ־טיגי קאָנאַטע. און נאָך אַ ווײַלע:

— פּאָ!

דער קאָמענדאַנט איז אָנגעקומען, רײַטנדיק לאַנגזאַם אויף זײַן „מ׳באַרטאַ״.

— אויף רעכטס!... אין איין שורה! — האָט ווידער סיל־לאַטיגי קאָמאַנדעוועט.

— וואָס באַדײַט דידאָזיקע אומאָרדענונג, סאַנדוקו? — האָט געפֿרעגט דער קאָמענדאַנט ביים סערזשאַנט, רופֿנדיק אים בײַ זײַן נעגערישן נאָמען. — און פֿון וואַנען נעמט זיך דער געפּילדער, וואָס כ׳האָב אָקאָרשט געהערט?

— מ׳סיע קאָמענדאַנט, בולאַ איז אַ בישקשהדיקער פּחדן. די מ׳ביסן מיט זייערע חברים זענען זייער צופֿרידן, זענען זיי געקומען אויפֿן פּאָסטן מאַכן אַ כּוסה. אָט ערשט האָבן עס מיר דערציילט די מענטשן אויפֿן וועג.

— גוט. אויסגעצייכנט. אַלע אָנפֿירער פֿון די מ׳ביסן דאַרפֿן מיר, נישט שפּעטער פֿון היינט, באַצאָלן הונדערט פֿראַנק שטראָף. אויב נישט, וועט זיי דער רוח נעמען אין דער תּפֿיסה. מיט קייטן וועל איך זיי באַקליידן!

— גוט, מ׳סיע קאָמענדאַנט!

— און ווער איז עס דער עיפּושדיקער נעגער, וואָס שלאָפט דאָרט?

— דאָס איז באַטואַלאַס פאָטער.

— וואָס ליגט ער דאָ אין געהאַקטע ווונדן?

— מיר דאַכט זיך, אַז ער איז שוין אַ פאַרטיקער; ער האָט מסתּם צופיל „קענע״ אויסגעטרונקען. זעסט דען נישט וויפל ליידיקע פלעשלעך ס׳וואַלגערן זיך לעבן אים!

— מיט איין כּלב ווייניקער. איך שפּיי אויף אים! זאָל באַטואַלאַ וואָס גיכער קומען און אַוועקנעמען די אַלטע פאַדלע.

„און ווו איז ער דאָרט, בולאַ, די נבלה? ווו איז בולאַ, די דרייפיסיקע בהמה? אַך. אָט איז ער! גוט מאָרגן, קולונגולו! גוט מאָרגן, פריץ! דו הינטישע צורה, דו! כ׳ווייס נישט, וואָס איך זוים זיך און צעהאַק דיר נישט דעם נאַרישן קאָפּ! ווועסט זיך נאָך דערויף אויך דערוואַרטן!

„און, כּדי זאָלסט אויף ווייטער וויסן, וויאַזוי אָפּ-צוהיטן דעם פּאָסט אין מיין אָפּוועזנהייט, בין איך דיך פאַר-לייפיק מכבד מיט צוויי וואָכן תּפיסה. דערביי ווועסטו פאַר איין וואָך נישט באַקומען קיין שכירות.

„איצט, מאַרש! טראָג זיך אָפּ פון מיינע אויגן, דו חזירשע מאָרדע איינע! וואָס שטיי איך און רעד מיט דיר!

„דער הער איז אפשר אומצופרידן? וואָס? אפשר וועט דער הער גיין זיך באַקלאָגן אויף מיר פאַרן גובערנאַטאָר? זאָל ער אַזוי קענען לויפן, ווי ליב איך האָב אים!..

„סולאַטיגי! זאָלן זיך אַלע אָפּרוען! היינט איז זונטיק. פאַרשטאַנען?.. מאַרש!..״

אינם געדיכטן נעפּל, וואָס האָט באַדעקט די ערד, האָבן די קונגבאַס געקוואַקעט.

דער קליינער טאָג האָט זיך אָנגערוקט, דער קליינער טאָג פון דער טרוקענער תּקופה

VI

נישט יעדער טאָג איז חגא. נאָך טרוקעניש קומט רעגן, נאָך פרייד קומט טרויער, און נאָך געלעכטערס — טרערן.

אין פולן ברען פון דער „יאַנגבאַ", איז באַטואַלאָס פּאָ־טער אַוועקגעגאַנגען דורך די שוואַרצע געדיכטע וועלדער, וואָס ציען זיך ווייט-ווייט, ענדיקן זיך און הייבן זיך שטענדיק ווידער אָן; ער איז אַוועק אַהין, גאַנץ ווייט, צום דערפל, וואָס קיינער האָט קיינמאָל נישט געקענט דערגרייכן.

שטאַרבן בשעת מען טרינקט! קיין שענערער טויט קען גאָרנישט זיין! צוזאַמען מיטן באַוווסטזיין, שלאָגט די שיכּרות אַרויס אַלע דאגות און חרטות! ס'איז בלויז אַן איבערגאַנג פון שלאָף צו טויט. קיין שום אימה, קיין שום ליידן. דו גליטשסט זיך כּסדר אָן אויפהער אין דער פינסטערניש. מ'טראַכט נישט. מ'שטעלט נישט קיין ווידערשטאַנד. ס'אַרע תענוג!

און נאָכדעם גאָרנישט, גאָרנישט. און מ'רוט זיך ענדלעך אָפּ ערגעץ אויף ב'גאַקוראַס פעלדער, אָדער, אין ערגסטן פאַל, אויף קאַליקאַנגבאָס באָדן.

דאָרט איז נישטאָ קיין מאָסקיטן, קיין נעפּל און נישט קיין קעלטן. קיין שום אַרבעט! מ'דאַרף נישט צאָלן קיין שטייערן, און נישט טראָגן די „סאַנדוקוס". בזיונות, תּפיסה, אכזריות — ניי, ניי! דערפון ווייסט מען נישט, מאַלאַ! פולשטענדיקע רויקייט און אומענדלעכע מנוחה. מ'דאַרף נישט זען און נישט וועלן.

מ'האָט אַלץ, וואָס ס'גלוסט זיך און פאַר גאָרנישט — אַפילו פרויען.

זינט די קאָנדזשוס זענען צו זיי געקומען און זיך באַזעצט אויף זייער באָדן, איז פאַר די אומגליקלעכע שוואַרצע פאַרבליבן נאָר איין מקום-מקלט: דער טויט. נאָר ער אַליין באַפרייט זיי פון קנעכטשאַפט. ווייל דאָס גליק קען מען נאָר דאָרט געפינען, בלויז דאָרט, אין יענע ווייטע און פינסטערע געגנטן, וווהין די ווייסע האָבן נישט קיין צוטריט.

שוין אַכט טעג און אַכט שלאָפן, ווי קלאָגערקעס און וויינערקעס יאָמערן אַרום דעם קערפּער פון באַטואַלאַס פאָטער, וועלכער איז צוגעבונדן צו אַ בוים.

אַלס סימן פון טרויער, זענען ביי זיי די האָר גרוי פון אַש און די פּנימער באַשמירט מיט קוילן. זיי האָבן זיך געריסן די ברוסטן, די איברים, געשריגן, געטאַנצט.

אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געשטאַמלט טרויער-לידער.

באַבאַ, דו אַליין ביזט גליקלעך,
אונדז דאַרף מען באַקלאָגן,
אונדז, וועלכע באַוויינען דיך.

אַך, וואָס וואָלט געווען, ווען ס'זאָל נישט זיין דער מנהג, וואָס מינטערט אויף די אייגנטאָניקע מידיקייט!

אָבער נאָך אַלעמען, איז דער טויטער נישט אינטערעסאַנט! וואָס קען מען פון אים פאָדערן, וואָס קען מען פון אים דערוואַרטן? ער טויג שוין צו גאָרנישט, מ'קען שוין פון אים קיין שום נוצן נישט האָבן. ער געהערט שוין מער נישט צום כּלל. ער איז פּונקט אַזוי אומנוצלעך פאַרן שבט, ווי אַן אויסגעטרוקנט בלעטל, אָדער ווי אַן אַרומגעגריזשעטער ביין.

אָבער דער מנהג און די זקנים ווילן, אַז מיט טענץ און מיט טרויעריקע לידער זאָל מען באַגלייטן דעם, וואָס לאָזט זיך אין וועג אַריין, אויף אומבאַמערקלעכע סטעזשקעס, צו יענעם ישוב פון נ'גאַקוראַן אָדער קאָליקאָנגבאָן, וואָס ליגט אַזוי ווייט, אַז קיינמאָל איז נאָך קיינער פון דאָרט נישט צוריקגעקומען.

ער איז געשטאָרבן, באַטואַלאַס פּאָטער. ס׳איז אין דעם קיין שום ספק נישט פאַראַן.

נאָכדעם, ווי ער איז אַכט טעג אָפּגעשטאַנען אינדרויסן, זענען גאַנצע כמאַרעס גרויסע גרינע „ווומאַס״ באַפאַלן זיין טויטן גוף. ס׳איז שוין געווען די העכסטע צייט אים אַריינצו־לייגן אין דער ערד אַריין.

באַבאַ, דו אַליין ביזט גליקלעך,
אונדז דאַרף מען באַקלאָגן,
אונדז, וועלכע באַווייגען דיך.

איבעריקנס, איז אָנגעקומען די צייט פון יאַגד.

יעדן אָוונט האָבן זיך אויף אַלע האָריזאָנטן איצט אויפ־געהייבן געדיכטע רויכן, זיך אויפגעהייבן אין גלייכע שורות צום הימל, צוזאָגנדיק שיינע פרימאָרגנס. צוזאַמען מיטן געוויש פון טאַם־טאַמען, האָט דער ווינט יעדן אָוונט געבראַכט צוטראָגן שטיקלעך אָפּגעבערענטע גראָזן און דעם ריח פון שמעקנדיקע צמחים.

די צייט אַליין רופט אויף יאַגד; צוואָס דאַרף מען זיך נאָך לענגער פאָרען אַרום דעם נודנעם קערפּער! דער מנהג איז דאָך אָפּגעהיט געוואָרן און איצט דאַרף מען אים וואָס גי־כער אַריינזעצן אין דר׳ערד אַריין.

דער מנהג! ווער רעכנט זיך דען איצט דערמיט!

די יונגע, און בכלל, די אַלע, וואָס דינען ביי די ווייסע, האָבן שוין לאַנג אַ שפּיי געטאָן דערויף.

די נאַרישע יוגנט האָט שטענדיק אַ טבע זיך אויסצולאַכן פון יעדער זאַך. זי מאַכט חוזק פון די אַלטע און פון זייער חכמה! די יוגנט טראַכט נישט; אָדער, בעסער געזאָגט, זי מיינט, אַז אָפּלאַכן האָט דעמזעלבן ווערט, וואָס טראַכטן.

אָבער דער מנהג איז דאָך די גאַנצע דערפאַרונג פון די זקנים, פון זייערע טאַטעס און טאַטנס טאַטעס. זיי האָבן דאָרט אַריינגעלייגט זייער גאַנצן וויסן, פּונקט ווי מען שטאָפּט אָן קאַוטשוק אין אַ קאָרב.

ס'איז, אַלזאָ, נישט קיין נאַרישקייט, וואָס דער מנהג פאָ־דערט, אַז מ'זאָל אַרויסשטעלן די טויטע גופים אויף גאַנצע אַכט טעג און אַמאָל אויף נאָך לענגער.

דאָס לאַנגע וואַרטן, וואָס די ווייסע באַטראַכטן פאַר אַ מין ווילדקייט, איז אומבאַדינגט נויטיק, כדי אַלע מיטגלידער פון דער משפחה זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו קומען אויף דער לוויה.

אַ מ'בי איז דאָך שטענדיק אונטערוועגנס, פונקט ווי יע־דער נעגער. היינט איז ער דאָ, מאָרגן איז ער דאָרטן. איבער־מאָרגן איז שוין פון אים קיין זכר נישטאָ.

דערפאַר טאַקע הייבט אָן דער טאַם־טאַם צו רעדן. זיין רוף ווערט באַלד אויפגענומען און איבערגעגעבן ווייטער. ער שפרינגט פון טאָל צו טאָל, רוקט זיך איבער קאַנאַס, רוישט אין וועלדער, טראָגט זיך אַדורך, גייט, לויפט, קוילערט זיך פון בלאָטע צו בלאָטע, פון ישוב צו ישוב, און זאָגט אומעטום אָן די שלעכטע בשורה. און דער, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין דעם, קומט שנעל אַהיים און געפינט זיך דאָרטן, ווו ער איז מחויב צו זיין.

דאָס איז איינע פון די סיבות, צוליב וועלכע מ'האַלט אויף די טויטע אַזוי לאַנג.

ס'איז אָבער דאָ נאָך אַן אַנדער סיבה.

די אַמאָליקע אבות האָבן באַמערקט, אַז דער פאַרשוין, וועלכן מען האָט צייטנווייז געהאַלטן פאַר אַ געשטאָרבענעם, איז גאָרנישט געווען טויט. זיי האָבן נישט איינמאָל געזען, אַז טויטע ווערן צוריק לעבעדיק. זיי זענען דעריבער געקומען צום באַשלוס, אַז מ'קען אַמאָל אָפּשלאָפן עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, פונקט ווי אַ טויטער, און דאָך לעבן.

זאָל איצט עמעצער זאָגן,* אַז ס'איז אַ גרויסע נאַרישקייט, אַרויסצושטעלן די טויטע און לאָזן זיי שטיין אַזאַ לאַנגע צייט!

דער, וואָס איז באמת אַוועקגעגאַנגען אין ווייטן לאַנד,— הייבט זיין שטיוונער קערפער באַלד אָן צו פוילן. ער קאָן שוין דעמאָלט נישט רעדן אויף דער שפּראַך פון די לעבעדיקע,

און דורך זיין שטינקען דריקט ער זיי אויס זיין ווילן, מ׳זאָל אים באַגראָבן.

וויאַזוי קען מען גאָר פאַרלאַנגען, די ווייסע זאָלן קענען פאַרשטיין דעמדאָזיקן שטומען לשון און משיג זיין די חכמה פונם מנהג!

אַזוי האָט באַטואַלאַ געטראַכט. שטילערייט האָט ער ביסיביגגין איבערגעגעבן זיינע געדאַנקען.

זיצנדיק איינער לעבן דעם צווייטן האָבן זיי ביידע גענומען אַן אָנטייל אין דער טרויער-צערעמאָניע.

באַלד אויפצומאָרגנס, נאָכן יום-טוב פון גאַ׳נזאַ, האָבן זיי זיך ביידע איבערגעבעטן און מ׳האָט געקענט מיינען, אַז זיי זענען דיזעלבע אַלטע גוטע פריינט, אַז נאָר די שיפרות האָט ביי זיי אַרויסגערופן בייזע תאווה און בלוטדורשטיקייט.

דאָך איז ביסיבינגי געווען זיכער, אַז באַטואַלאַ טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער פון נקמה. און באַטואַלאַ האָט געוווּסט, אַז ביסיבינגי ווייסט דערפון.

באַבאַ, דו אליין ביזט גליקליך
אונדז גאָר דאַרף מען באַקלאָגן,
אונדז, וועלכע באַוויינען דיך.

אַ ווייסער, אַז ער ווערט אויפגערעגט, שלאָגט אים דאָס בלוט תּיכּף אין פּנים אַריין און ער לעכצט נאָך נקמה.

גאַנץ אַנדערש זענען זיך נוהג באַנדאַס, מאַנדזשיאַס, סאַנגאַס, אָדער גובוס. נקמה איז נישט קיין מאכל, וואָס מען עסט הייסערהייט. אדרבה, מען דאַרף די שנאה איינהילן אין אַ לבוש פון דער העכלעכסטער האַרציקייט; ווייל האַרציקייט איז פּונקט ווי אַש, וואָס פאַרדעקט דאָס פייער, כּדי עס זאָל טליען לענגער.

כאַטקעס, פּלאַנטאַציעס, ציגן, אפילו געלט — אַלץ דאַרף מען פאַרלייגן דעם שונא. אַלץ.

מען דאַרף קומען אַנטקעגן זיינע פאַרלאַנגען. מ׳דאַרף איינוויגן זיין אומצוטרוי. מ׳דאַרף אים געבן ווייסע ציגן אָדער

געלע, געלע הינער אָדער ווייסע! די צוויי „מאַטאַבישׁ" קאָלירן זענען דער סימבאָל פֿון אומבאַגרייפֿלעכער פּריינטשאַפֿט, וואָס קיין זאַך קען נישט צעשטערן!

אָט דידאָזיקע פֿאַלשע שפּיל קען אַמאָל געדויערן גאַנץ לאַנג. מ׳דאַרף קענען וואַרטן. שנאה פֿאָדערט גרויס סבלנות.

און איינמאָל, אין אַ פֿיינעם פֿרימאָרגן, בעת ס׳קומט די געלעגנהייט, פֿאַרסמט מען דעם, וועלכער איז אין משך פֿון לאַנגע לבנות געווען אייער ברודער, נאָכמער — אייער „אואַנדזשאַ". מ׳סמט אים, אָדער מ׳הרגעט אים „מעשה פֿאַנטערע".

אַהאַ! אַהאַ! מעשה פֿאַנטערע! נאָך אַ זאַך, וואָס די ווייסע ווייסן נישט. עהע!

אַזאַ מין אַרט טויט האָט באַטואַלאַ אויסגעקליבן פֿאַר זיין טייערן אואַנדזשאַ, פֿאַר ביסיבינגין.

„מורו", די פֿאַנטערע, איז אַ בייזע חיה, וואָס בלאָנקעט אַרום אין די סטעפּעס, הויפּטזעכלעך אין נעכט, אָן לבנה.

מיט אירע נעגל און מיט אירע גרויסע ציין צערייסט זי, צעפּליקט זי איר רויב, לאַנגזאַם, געלאַסן. איר האָריקער פּיסק באַשמעקט דאָס בלוט, איידער זי טרינקט עס, דאָס בלוט, וואָס זי האָט ליב, דאָס בלוט, וואָס גיט אַרויס אַ פּאַרע פֿון זיך. זי וואַלגערט זיך אינעם בלוט, קויקלט זיך אינעם בלוט, ווערט פֿאַרשיכּורט און, צעפּליקנדיק איר רויב, זוכט זי לאַנג-לאַנג איר שטאַרקן ריח.

אין אַ פֿינסטערן אָוונט, באַהאַלט מען זיך אין די הויכע גראָזן, וואָס ריגלען אַרום די סטעזשקע, ווו דער שונא דאַרף דורכגיין, און אין דער פֿאַרבאַהעלטענער לויערט מען אויפֿן שונא.

ער איז דאָ! אַ העפֿטיקער שפּרונג. מ׳שליידערט אים אַנידער אויף דער ערד. מען שטיקט אים. דערנאָך, מיט אַן אויסגעשטשירבעטן מעסער, מיט אַן אָנגעשאַרפֿטן שטיין, אָדער גאָר מיט די נעגל, שניידט מען אים דורך די אָדערן פֿונעם האַלדז, פּונקט ווי די פֿאַנטערע איז זיך נוהג, און גליד נאָך גליד, מעשה פֿאַנטערע, צעפּליקט מען דעם קרבן אויף שטיקער.

אַזוי האָט זיך געטראַכט באַטואַלאַ. ביסיבינגי האָט אומ־געפּער געטראַכט דאָסזעלבע. אהאַ! ווי גוט ס'איז צו האַלטן אין די הענט דעם טויטן קערפּער פון אַ שונא.

באַבאַ, דו אַליין ביזט גליקלעך,
אונדז דאַרף מען באַקלאָגן,
אונדז, וועלכע באַוויינען דיך.

אַ קינד האָט זיך געשפּילט מיט אַן אויסטערלישע יאַש־טשערקע, מיט אַ „קאַלי'נגאַ".

יעדער איינער ווייסט, אַז די קאַלי'נגאַ איז ביכולת צו ווערן שוואַרץ, גרין, געל, אָדער רויט, אָפּהענגיק פונם אָרט, ווו זי געפינט זיך.

אָבער צי האָט דערפון געוווסט דזשומאַ, דאָס קליין גע־לע הינטעלע מיט די שפּיציקע אויערן? ניין. ער דאַרף עס גאָרנישט וויסן. דערפאַר טאַקע האָט עס געהאַווקעט אויף דער קאַלי'נגאַ, אינדערצייט, ווען דער מאָגערער קאַסטעגדע, ווען די שלאָף־קרענק האָט אַראָפּגעפירט פון זינען, האָט נאָכגעמאַכט, ווי יעדער משוגענער, די קולות פון די וויינערינס, דאָס בילן פון דזשומאַן, דאָס יאָמערן פון די קלאָגערינס און די העוויות פונם קינד, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט דער קאַלי'נגאַ.

באַטואַלאַ האָט געגעבן אַ צייכן און האָט זיך אויפ־געהייבן.

די געפאַנגענע האָבן אוועקגעלייגט דעם פון־בוים־אָפּגע־בונדענעם קערפּער אויף איינער פון די מאַטעס, וואָס האָבן אים געדינט ביי זיין לעבן.

דאָס טויבע גערויש פון די לי'נגאַס האָט זיך אויסגע־מישט מיט די געשרייען פון די קלאָגערינס.

ענדלעך וועלן מיר דיך אוועקפירן
אין דיין נייער וווינונג,
אָ, באַטואַלאַס פאָטער.

באַדויער נישט דאָס לעבן.
אינם לאַנד פון קאַליקאַנגבאַ,
וועסט זיין גליקלעכער פון אונדז.

וועסט׳ו טרינקען, וועסט עסן,
וועסט נישט פילן קיין הונגער, קיין דורשט,
און ס׳וועט דיר גאָרנישט פעלן.

פאַרענדיקט די לעצטע הכנות, איז מען אַוועק צום אָרט, וווּ מען האָט געדאַרפט אַריינזעצן יענעם, וואָס איז פריער געווען אַ מענטש.

מ׳האָט אויסגעקליבן אַן אָרט, נישט ווייט פון דער כאַטקע, ווו ער האָט געוווינט פאַרן טויט.

איינע קעגן דער צווייטער, זענען אויסגעגראָבן געוואָרן צוויי ברייטע, טיפע און קיילעכדיקע לעכער, פאַרייניקט צווישן זיך מיט אַן אונטערערדישן דורכגאַנג.

דאָס איז געווען דער קבר פונם טויטן.

מ׳האָט אים אַראָפּגעלאָזט אין איינע פון די לעכער.

אַ שקלאַפין האָט זיך שוין פריער געהאַט אַריינגעגליטשט אין דער צווייטער לאָך.

זי האָט געשלעפּט דורכן אונטערערדישן דורכגאַנג די פיס פון דעם, וועמענס גייסט האָט שוין איצט געווייזט אין קאַליקאַנגבאַס מדינה און נאָכדעם ווי זי האָט זיי אויסגעצויגן אויף דער ערד, איז זי צוריק אַרויס.

איצט, אָנגעשפּאַרט אין דער ערד, רוט ער, באַטואַלאַס פאָטער, ער שלאָפט זיצנדיק. און אַך, ס׳אַראַ שלאָף דאָס איז!

מ׳האָט אָנגעפילט מיט האָלץ און דערנאָך מיט ערד די צווייטע לאָך, דאָרט, ווו ס׳האָבן דערגרייכט זיינע אויסגעצויגענע פיס.

ער פילט נישט דידאָזיקע אויסטערלישע נאַסע משא. מ׳לייגט אָן האָלץ אויף זיין אומבאַוועגלעכן קאָפּ. ער ווייסט נישט דערפון. זיינע פאַרמאַכטע אויגן עפענען זיך אפילו נישט.

אויף דעמדאָזיקן טרוקענעם האָלץ לייגט מען אַוועק

אַ מאַטע. אויף דער מאַטע שיט מען אָן ערד. און די ערד טרעט מען לאַנג-לאַנג מיט די פיס.

ס'אַרט אים נישט. ער שלאָפט. און באמת, אַז מ'שלאָפט מיט אַזאַ פעסטן שלאָף, איז זייער פיין פון די מענטשן, וואָס זיי פאַרגעסן נישט אַוועקצולייגן אויף דער איינגעטראָטענער ערד די קליידער פונם איינגעשלאָפענעם, און אויף די קליידער די טעפלעך, וואָס ער האָט באַנוצט, זיין וויגשטול און זיינע ליולקעס. מ'מוז דאָך אים אָנגרייטן אַלץ, וואָס ער דאַרף, כדי צו לעבן מיט אַ לעבן פון מתים!

דאָס טרוקענע האָלץ און די מאַטע וועלן נישט דערלאָזן, אַז פאַלנדיק, זאָל די ערד באַאומרויקן זיין שלאָף. נאָכמער, ער האָט אונטער די הענט זיינע טעפלעך און זיינע טאָג-טעגלעכע מלבושים. ווייל הגם ער איז טויט, קען דאָך אַמאָל פּאַסירן ס'זאָל אים אָנגעמען אַ חשק אַרומצוקריכן ביינאַכט צווישן ישובים פון לעבעדיקע! אַלזאָ, זאָל ער זיך דעמאָלט קענען אָנטאָן, אויב ס'וועט אים זיין קאַלט, און זאָל ער זיך קענען עפּעס אָפּקאָכן, אויב ער וועט זיין הונגעריק און דורשטיק.

דאָס אַלץ שטימט אָבער נישט מיט דער ווירקלעכקייט. ער שלאָפט דאָך מיט אַזאַ פעסטן שלאָף!

דו ביזט אינם לאַנד פון קאָליקאָנגבאָ,
צווישן די אבות פון די אבות,
אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר דיך דאָרט טרעפן.

ס'איז אַ סוף, אַ סוף נאָך אַלץ.

מ'האָט נאָך געטאַנצט אַרום די גריבער און אין אַ גרויסן פייער, וואָס מ'האָט אָנגעצונדן, האָט מען פאַרברענט אַלע איבעריקע זאַכן, וואָס האָבן געהערט צום טויטן.

דו ביזט אינם לאַנד פון קאָליקאָנגבאָ,
צווישן די אבות פון די אבות,
אין אַ געוויסן טאָג וועלן מיר דיך דאָרט טרעפן.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. און מיט איר די קעלט.

פונקט ווי יעדן אָוונט, האָט מען אויפן וועג קיין פּויאַמ־באַ, געהערט דאָס ברילן פונם מעכטיקן „באַמאַראַ״.

די גלי־ווערעמלעך האָבן באַלויכטן די פינסטערניש מיט זייערע קליינטשיקע פייערלעך. איבער די פייערן, וואָס האָבן געוואַרעמט באַטואַלאַס שלאָף און דעם שלאָף פון זיינע אייגענע, דרייען זיך אַרום און פאַלן קליינע אייגטאָגיקע פליגעלעך, געבוירן אינדערזעלבער נאַכט...

טעג זענען פאַרבייגעלאָפן.

מ׳האָט אַראָפּגענומען דעם דאַך פונם טויטנס כאַטקע; מ׳האָט אויך צעבראָכן דעם הילצערנעם גליד, וואָס שטעקט פאַר דער וווינונג פון דעם, וואָס איז געווען דער קאָפּ פון דער משפחה.

דער קאָפּ איז טויט: נעמט מען אַראָפּ דעם דאַך פון דער כאַטקע. אַ זכר, וואָס קאַליקאָנגבאָ האָט אַוועקגענומען, איז שוין נישט ביכולת מער צו שאַפן: מ׳צעברעכט דאָס, וואָס האָט באַצייכנט אַמאָל זיין מענלעכקייט.

אָבער וועגן דעם טויטן אַליין האָט שוין קיינער נישט געטראַכט. מ׳האָט אַנדערע דאגות און מער וויכטיקע.

קודם כל, דאַרף מען געפינען יענעם אָדער יענער, וואָס האָט מיט אַ בייז אויג גורם געווען דעם זקנס טויט.

מיר ווערן געבוירן, כדי צו לעבן. אויב מ׳שטאַרבט, איז אַ סימן, אַז דער אָדער יענער האָט צוגעגרייט אַ „יאָררא״, אָדער ער האָט אים פאַרשאָלטן מיט פאַרשידענע קללות.

מ׳דאַרף דערפאַר אָפּזוכן די, וועלכע האָבן גורם געווען דעמדאָזיקן מזל...

אָבער דאָס אַלץ שפּעטער; יאָ, שפּעטער; ס׳איז דאָך איצט די צייט פון יאָגד.

עהאָ! „בע׳נגע״ און „וווּנגבאַ״, זיין געלער ברודער, וואָס

וואוינט ווי אַ נזיר, וועלן זיך מסתמא באַלד גיין רייסן און בייסן מיט די הינט.

עהאַ! דאָס ווילדע ברומען פון די „גאַגואַס״, וואָס שטופּן זיך, בריקעווען און לויפן מיט פאַריסענע עקן, פאַרבלענדעט פון רויך און פון די פלאַמען־טראַסקעריי.

וואָס אין דער וועלט וועלן נישט פאַנגען די נעצן פון די „באַנדאַס״? האָזן, אַנטילאָפּעס, ווילדע חזירים! דאָס בלוט שפּריצט! די גערדערים העגגען! מאָרדעס און פּיסקעס שוימען אָדער גאַוווערן! וואָס ווייטער, אַלץ שנעלער און שנעלער באַוועגט זיך די בלוטיקע שפּיל פון שפּיזן, שאַרף־שפּיציקע מעסערס! פאַרסאַפּעטע הינט טשעפּען זיך איין אינם לייב פון די געיאָגטע חיות, און בילן אָן אַ סוף!

וועלכער טויטער, ווי גרויס ער זאָל נישט זיין, צי קען ער זיך דען פאַרמעסטן מיט דער לוסטיקייט פון לעבעדיקע מעשים, מיט דער פריידן פון באַוועגונג, מיט דער שיכּרות פון שחיטה, און עגדלעך, מיט אַלץ, וואָס ס'איז דער זין פון אונ־דזער לעבן?

VII

דורכגייענדיק אַ האַלבן הימל, האָט זיך די זון אַראָפּגע־לאָזט צו איר כאַטע, געבויט אויף די גרענעצן פֿון פֿאַרבאָרגענע ערדן.

ס'אַראַ ווילדע זקנה די זון איז, און ווי גערעכטיק! זי שיינט פֿאַר אַלע לעבעדיקע, פֿונם גרעסטן ביזן נידעריקסטן. פֿאַר איר זענען אַלע גלייך: רייכע און אָרימע, נעגערס און ווייסע.

אַלע זענען אירע קינדער, נישט געקוקט אויף זייער פֿאַרב און אויף זייער פֿאַרמעגן! זי האָט זיי אין דערזעלבער מאָס ליב, דאַגהט פֿאַר זייערע פּלאַנטאַציעס, צוליב זייער טובֿה־וועגן. זי יאָגט פֿאַנאַנדער די קאַלטע און ביטערע נעפּלען, טריקנט אויס דעם רעגן, פֿאַרטרייבט די פֿינסטערניש.

אַך, די פֿינסטערניש! ווו זי זאָל נישט זיין, פֿאַרפֿאָלגט זי זי אומברחמנותדיק, אָן אויפֿהער. צו קיינעם האָט זי נישט אַזאַ שנאה, ווי צו דער פֿינסטערניש. אירע שטראַלן שטאַרקן דעם חולה. פֿאַר דעם חולה שיקט זי אירע היציקסטע לאַסקעס. דאָס ליכט — איז רפֿואה, פֿרייד! ווייל זי, די זון, איז אַ ווילדע יונגע זקנה, איז די אָנסופֿיקע רויִקע פֿרייד פֿאַר די שטחים, ווו ס'געפֿינט זיך עטוואָס לעבן.

אַלץ, וואָס דער מענטש קען נישט באַהערשן און נישט דערגרייכן, דערגרייכט זי און באַהערשט.

פּונקט, ווי דאָס וואַסער אין אַ טייך, וואָס פֿליסט כּסדר

אָן אויפֿהער, אין אַ משך פֿון אַ סך רעגן־תּקופֿות, אַזוי גייען פֿאַרביי אויך די מענטשן נאָך איינאַנדער. זיי האָבן קינדער, וועלכע וועלן שפּעטער אויך האָבן קינדער.

דאָס גראָז, וואָס עסט די ערד, די חיות, וואָס עסן דאָס גראָז, דער מענטש, וואָס מאַכט אַ תּל פֿונם גראָז און פֿון די חיות — אַלץ שטאַרבט. דאָרט, וווּ ס'זענען אַמאָל געווען כאָטקעס, רויכן, סטאַדעס, לעבן, פּלאַנטאַציעס און דערפֿער — דאָרט פֿאַרשפּרייטן זיך געדיכטע סטעפּעס, וועלכע וועלן אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן אויך פֿאַרשווינדן ווערן. די טייכן וועלן אויסגעטריקנט ווערן. אומזיסט גלייבן די מענטשן, אַז מ'וועט צוריק אויפֿגעלעבט אין די קינדער און אין די קינדס־קינדער. די עלטסטע משפּחות וועלן אויסגעלאָשן ווערן, פּונקט ווי אַ פֿייער אונטער אַ שלאַקס־רעגן.

און „לאָלאָ", די ווילדע אַלטיטשקע, וועלכע שרעקט זיך בלויז פֿאַר „איפֿעון", דער לבֿנה, — ווייל אינאָווגט, ווי נאָר יענע באַווייזט זיך, אַנטלויפֿט זי באַלד, — אָט די אַלטע „לאָלאָ", די כּסדר יונגע זון, וועלכע איז גוט, קלאָר, פּונקט ווי אַמאָל, ווי הייַנט, ווי מאָרגן, וועט תּמיד פֿאַרבלייבן דער מאָקונדזשי פֿון די הימלישע און ערדישע געטער, תּמיד לייכטן איבער די פֿאַרשווינדענע וועלטן...

ליגנדיק אויסגעצויגן אויפֿן בויך, אויף איינעם פֿון די העכסטע פֿעלזן פֿון דער קאַגאַ קאָססעגאַמבאַ, האָט ביסיבינגי געוואַרט.

פֿון צייט צו צייט, פּונקט ווי אַ „קאָקאָראָ", וואָס וויקלט זיך אַרום אַ צווייג פֿון אַ בוים, עפֿנט אויף זיין פּיסק מיט די גיפֿטיקע צינגלעך, גלייך ער וואָלט געהאַט בדעה אַ ביס טאָן אָדער גאָר איינשלינגען די זון, אַזוי האָט ביסיבינגי פֿון צייט צו צייט געגענעצט, געביטן דאָס אָרט און ווידער פֿאַרגליווערט געוואָרן אין אומבאַוועגלעכקייט.

דער קלייגער, גאַנץ קליינער געלער שטח, וואָס איז

נאַקעט און בלישטשעט, דאָרט ווייט, — דאָס איז דער פּאָסטן פון באַמבאַ, ס׳איז גרימאַרי.

פון דער קליינער כאַטקעלע, וואָס האָט זיך דערהייבן אויפן סאַמע עק פון דעמדאָזיקן קליינעם נאַקעטן און געלן שטראַלנדיקן שטח, גייען אַרויס באַפעלן, און ווי אויסטערליש דידאָזיקע באַפעלן זאָלן נישט זיין, מוזן די מ׳ביסן, די דאַקפּאַס, די מאַנדושיאַס און די לאַנגבאַטיס איינבויגן די קעפּ און פאָלגן.

דורך דעם טונקעלן פלויס פון די ביימער, האָבן זיינע אויגן אַרומגעבלאָנקעט איבער די אויסבויגונגען פון דער באַמבאַ, וועלכע האָט זיך געשלענגלט און לייכט זיך פאַרברייטערט צווישן די נאַקעטע קאַגאַס.

מען גייט. דאָס געררויש פון די טריט שרעקט די סיביסן, — חיהלעך, גלייכצייטיק ענלעך צו אַ האָז און צו אַ שטשור. עמעצער שטרויכלט זיך אָן די שטיינער. ס׳הייבט זיך אַ שטויב. מ׳גייט, מיט אַ שפּיז אויפן אַקסל, צוברומענדיק אַ לידל.

מ׳גייט, און מ׳גייט. ס׳ווערט פאַרשוווּנדן פונם אויג קאָסעגאַמבאַ, מ׳גייט פאַרביי דאָס דערפל יאַבאַדאַ און די הויכקייטן פון דער קאַגאַ מאַקאַלאַ.

זייער ווייניק טאָלן, אָבער אומעטום כאַטעס. דאָס איז דער באָדן פון די לאַנגבאַטיס, — דאָס זענען די דערפער פון ליסאַ.

אומעטום פלאַנטאַציעס. אומעטום פליינען, פליינען, און ביים סוף פון דידאָזיקע פליינען איז דער דעקאַ, וואָס פאַלט אַריין אין קאַנדושיאַ. ווייל בעת מעשה ווערט באַמבאַ פאַרוואַנדלט אין קאַנדושיאַ, ג׳גאַקוראַ אַליין ווייסט פאַרוואָס און וויאַזוי!

ווייטער גייען אַנדערע שבטים, וועלכע ער האָט נישט געקענט. נאָך ווייטער איז געפלאָסן ניובאַנגי, דער גרויסער טייך, די מוטער פון אַלע טייכן; ניובאַנגי, אויף וועלכן, אין דער צייט פון הויכע וואַסערן, פאָרן די ווייסע קיין מאָביי

אין ריזיקע שיפן, וואָס באַוועגן זיך אָן רודערס און שפּייען אַרויס אַ געדיכטן רויך דורך אַ קוימען פון אַזא מין גרויסער ליולקע.

ביסיבינגי איז געווען אין די אַלע געגנטן. ווילדע אָקסן זענען דאָרט געווען לרוב, אַזוי, אַז יעגער האָבן דאָרט געהאַט וואָס אויפצוטאָן.

ס'איז אָבער גלייכער לאָזן צורו דידאָזיקע „גאַגואַס", איידער האָבן צו טאָן מיט די דאַקפּאַס, וועלכע זענען נאָך די ווייסע, די גרעסטע פאַררעטער...

איבער דעם אָפּגעשטאָרבענעם סטעפּ האָט געשוועבט אַן אומענדלעכער אומעט. די היץ האָט זיך געלייגט אויף דער ערד, ווי דאָס צעשמאָלצענע אייזן אויף אַ „באַפּאַנאַ" פון אַ שמיד.

עמיצער האָט אויסגעשאָסן אין די שוואַרצע רויכן, וואָס רינגלען אַרום די פליענדיקע רויב-פייגל.

זינט צוויי לבנות ברענט מען די גראָזן, פון זון-אויפ-גאַנג ביז שקיעה. שוין צוויי לבנות, ווי די פינסטערניש ווערט באַלויכטן מיט די פלאַמען פון שרפות. און דער ווינט, פאַנאַנ-דערבלאָזנדיק די צונגען פונם פייער, ברענגט גלייכצייטיק דעם אָפּקלאַנג פון זיין טרוקענער טראַסקעריי.

ביסיבינגי האָט געוואַרט.

אויף דער סטעזשקע, וואָס שלענגלט זיך לענגאויס דער קאָססעגאַמבאַ-שפּיץ, האָט זיך באוויזן אַ פרוי, אַרומגעוויקלט מיט ליאַנען, וואָס זי האָט אָנגעריסן ביי אַ „גענגע".

זי האָט זיך גערוקט פאָרויס פּאַמעלעך, מיט אַ ליולקע אין מויל, און מיט איין האַנט האָט זי אונטערגעהאַלטן אַ טיק-ווע-פלאַש אויפן קאָפּ.

ביסיבינגי האָט זי שוין דערקענט.

דידאָזיקע פרוי איז געווען יאַסיגינדזשאַ; זי איז געקומען

פינקטלעך אויף דער צונג, וואָס ע. האָט איר נעכטן צופעליק באַשטימט.

זיינע אויגן זענען געוואָרן בייז. ער איז געווען אין כעס. בלויז אַכט טעג אין חודש טראָגן פרויען אַזאַ מין געשלעכטס־דעקל, און תמיד צוליב איין און דערזעלבער סיבה.

ביי אַנדערע שבטים, איז דער מלבוש פון אַ שוואַרצן, בלויען אָדער רויטן שטאָף, און נישט פון ליאַנען אָדער אָפּגעשיילטער קאָרע.

אָבער וואָסער קאָליר ס'זאָל נישט זיין, — די סיבה איז תמיד דיזעלבע. איצט, ווען זי איז נעבנטער צוגעקומען, האָט ער זי בעסער באַטראַכט. אויפן שטערן האָט זי געהאַט אַ רויט שטריקעלע און די האָר זענען געווען צעפּלויסט.

זיין ת..לחה!.. איצט, בעת ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זי סוף־כל־סוף האָבן, קומט זי גאָר צו אים אַ קראַנקע אויף דער אַלגעמיינער פרויען־קראַנקייט, וואָס נ'גאַקוראַ שיקט אָן אויף זיי ביי יעדער לבנה.

זי איז געבליבן שטיין פאַר אים.

זיי האָבן זיך געדריקט די הענט און, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט זייט ביי זייט.

צוואָס באַהאַלטן זיך? איצט האָבן זיי נישט וואָס מורא צו האָבן. אַלע זענען אַוועק אויף יאַגד. אַלע דערפער זענען איצט פּוסט. ס'זענען נאָר פאַרבליבן די אַלטע, קראַנקע, אַזעלכע, וואָס האָבן טויטע אויגן, קימפּעטאָרינס, ציגן און הינער.

וואָס שייך די הינט, זענען אַלע דזשומאַס פון אַלע דערפער אַוועק מיט זייערע באַלעבאַטים.

ביסיבינגי האָט פאַרגעטערט יאַסיגינדזשאַן.

אַך, ווי ער האָט זי באַגערט! באמת, די זון אַליין האָט געמוזט אַרומשווימען אין זיינע גלידער, איבער די בלויע שטריקלעך, ווו ס'פליסט דאָרט בלוט!

אָבער פאַרוואָס האָט זי אויפן האַלדז אַ דרייפאַכיקן האַלדז־באַנד פון מושלעס! פאַרוואָס טראָגט זי אויף די פיס שווערע רינגען פון רויטן קופער?

ווי פּרעכטיק זי איז! אַ קליין שטיקעלע האָלץ איז געהאָנגען אויף איר לינקן אויער; אַן אַנדער שטיקל האָט געשטעקט אין דער רעכטער זייט נאָז. דידאָזיקע באַפּוצונגען האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר איר אַליין.

זי האָט געהאַט פלאַכע ברוסטן, ברייטע לענדן, חנעוודיקע פעסטע היפטן און דינע קנעכל. נאָר די האָר האָבן נישט פאַרדינט אַזאַ פּרעכטיק פּנים און קערפּער; ווייל אַ פרוי, אין צושטאַנד פון אומריינקייט, מוז צייטווייליק זיך אָפּזאָגן פון איר אויסערלעכער שיינקייט.

אויך זי האָט אים באַטראַכט בגנבה.

ביסיבינגי האָט פאַרמאָגט יענע בייגעוודיקע קראַפט, וואָס גיט צו אַ באַזונדערע שיינקייט די זכרים.

אַ פעסט-געבויטער קערפּער, קרעפטיקע אַקסלען און ברוסטן, דער בויך כמעט אומבאַמערקלעך, די פיס לאַנג, פעסט און נערוועז.

לויפנדיק, וואָלט ער געוויס איבערגעיאָגט אַ „מ׳באַלאַ״, וואָס טראָגט זיך ווי אַ רוח! און זי ווייסט אויך, ווי גרויס זיין מענלעכע קראַפט איז, ווייל די, וואָס האָבן אים נאָר איינמאָל געהאַט, האָבן זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אים איינצוהאַלטן; זיי האָבן זיך ביי אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, זיי האָבן פאַרטראָגן זיינע קללות, זיין גראָבקייט, זיין פאַראַכטונג.

— ביסיבינגי, איך דאַרף זיין פאָרזיכטיק, — האָט געזאָגט יאַסיגינדזשאַ. — מער פון אַלעמאָל מוז איך איצט זיין פאָרזיכטיק.

„דער מכשף האָט געזאָגט, אַז באַטואַלאַס פאָטער איז צוליב מיר געשטאָרבן. דאָס האָב איך אויף אים אָנגעשיקט דעם שלעכטן גייסט.

„באַשיץ מיך, ביסיבינגי, באַשיץ מיך! דו ביזט שטאַרק. אויב דו וועסט זיך נישט אַוועקשטעלן צווישן מיר און זיי, וועלן זיי מיך הרגענען. די הכנות האָבן זיך שוין אָנגעהייבן.

„ביז איצט זענען זיי נאָך געווען גינסטיק פאַר מיר.

„מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט מען אין מיין קעגנוואַרט געקוילעט אַ שוואַרצע הון. לויטן מנהג, האָט מען זי אַ רגע פאַרן טויט אַוועקגעלייגט אויף דער ערד.

„פאַרן טויט איז זי געפאַלן אויף לינקס נישט אויף רעכטס.

„דו ווייסט דאָך, וואָס דאָס באַדייט: יאָסיגינדזשאַ איז נישט שולדיק; מ׳דאַרף אַלזאָ ערגעץ אַנדערש זוכן דעם, וואָס האָט געוואָרפן אַן עין־הרע אויף באַטואַלאָס פאָטער.

„אָבער וואָס איז געשען? מ׳האָט זיך שואל־עצה געווען מיט די זקנים, וועלכע האָבן באַשטימט נישט געקענט זאָגן, צי דאָס איז אַ ריכטיקער סימן. דעריבער האַלט איך, אַז מען וועט מיך באַשטימט צווינגען אויסצוטרינקען דעם פּרוּוו־סם.

איינגעטלעך האָב איך נישט קיין מורא דערפאַר. וואָס אַ שטייגער קען מיר שאַטן די „גוּ׳נדי״? איך בין גרייט אַ סך אויסצוטרינקען. ווייל דאָס איז דער איינציקער מיטל צו מאַכן דעם סם אומשעדלעך.

„גוט! איך וועל שוין פּטור ווערן פון דער צווייטער סכנה, אָבער וואָס איז מיט די איבעריקע? איך בין זיכער, אַז מיינע תּליינים וועלן נישט וועלן אויסקויפן זייערע שקרים, שענקען מיר מתּנות, ווי ס׳פאָדערט אין אַזאַ מין פאַל דער מנהג. מיינסטו, אַז זיי וועלן מיר געבן צוויי פּרויען און צוויי שקלאַפינס? ס׳הייבט זיך נישט אָן! זיי וועלן מיר גיכער אַריינגיסן „לאַטשאַ״ אין די אויגן. מיינע אויגן וועלן געוויס שטאַרבן, ווייל כ׳ווייס נישט פון קיין קעגנמיטל, וואָס זאָל מיר פאַרהיטן די אויגן פאַרן „לאַטשאַ״.

„דעמאָלט וועלן זיי שרייען, אַז נ׳גאַקוראַ אַליין האָט זיי עס געזאָגט, אַז מיין חטא איז באַוויזן געוואָרן. מ׳וועט מיך פאַרשטיינען. מ׳וועט פון מיר חוזק מאַכן. אָט די אַלע היציקע הינט, וועלכע זענען אויף מיר אויפגערעגט, ווייל כ׳האָב זיי אַמאָל אָפּגעשטויסן פון זיך, וועלן אויסנוצן מיין שוואַכקייט און מיך באַשמוצן מיט זייער באַפרידיקטער תּאווה.

„ביסיבינגי, ביסיבינגי, זיי וועלן פאָדערן, איך זאָל אַריינשטעקן די הענט אין קאָכעדיק וואַסער. זיי וועלן מיר בראָטן דאָס לייב מיט ברענענדיקע אייזנס! ביסיבינגי, ביסיבינגי, מען וועט מיך קוועלן מיט יסורים פון הונגער און דורשט! די קעלט וועט מיך אויפעסן! און נאָכדעם, וועט מען מיך אַ לעבעדיקע באַגראָבן לעבן באַטואַלאַס פאָטער, כדי מיין טויט זאָל ווייכער מאַכן זיין צאָרן!

„ביסיבינגי, איך וויל דיך! דו ווייסט דאָך אַליין גאַנץ גוט, אַז איך באַגער דיך, דיך אַליין!

„איז עס דען מיין שולד, וואָס ביז איצט האָבן מיר נישט געקענט שלאָפן צוזאַמען?

„מ׳איז צו מיר אייפערזיכטיק; מ׳גיט אויף מיך אַכטונג. צו דיר איז מען אויך אייפערזיכטיק און מ׳לאָזט דיך נישט אַראָפּ פונם אויג. ווען עמעצער גייט צו צו מיר און זאָגט, אַז מ׳שפּירט אונדז איצט נאָך, וואָלט איך זיך נישט געוווּנדערט.

„אָבער אַלץ איינס, ביסיבינגי! זאָלן זיי אונדז לייגן שטיינער אויפן וועג, וואַסער שטרעבט תּמיד צו וואַסער. די קאַגאַס, ווי גרויס און שטאַרק זיי זאָלן נישט זיין, קענען נישט אויפהאַלטן דאָס צוזאַמענגיסן זיך פון צוויי טייכן. אַלזאָ, אויב דיין ווילן גלייכט זיך אויס מיט מיין ווילן, וועל איך אין עטלעכע טעג אַרום זיין דיינע, קיינעמס נישט, נאָר דיינע.

„באַשליס דיך!..״

די זון האָט ווייניקער געוואַרעמט. די טאַם-טאַמען און די האָרנס האָבן צעטראָגן די איינלאַדונגען. אויף אַזאַ אופן האָט זיך ביסיבינגי דערוווּסט, אַז באַטואַלאַ וואַרט אויף אים. וויל נאָר אין זיין קעגנוואַרט וועט ער אונטערצינדן די יאַגד-שטחים, וואָס געפינען זיך צווישן דעם דאַקפּאַ-דערפל—סומאַגאַ און דעם ב׳גאַפּו-דערפל — יאַקידזשי.

יאַסיגינדזשאַ האָט ווידער אָנגעהייבן:

— ביזט היינט אויף מיר ברוגז, ביסיבינגי? אַך! ווען כ׳וואָלט נאָר געקענט אָפּשטופּן אויף אַ צייט די השפּעה פון דער לבנה אויף מיין בלוט, כדי דיר צו געהערן — לאַך נישט

פון מיין אויפריכטיקייט, — וואָלט איך עס געטאָן מיט גרויס חשק.

„צום באַדויערן, קענען מיר, פרויען, גאָרנישט טאָן דער־צו. ווען דאָס בלוט הייבט אָן קאָכן אין אונדז, דאַרפן מיר נאָר וואַרטן. דו ווייסט דאָך עס גאַנץ גוט. און דו ווייסט אויך, אַז איך וויל דיך מער, ווי דו ווילסט מיך. מיין גאַנץ וועזן וויל דיך. איך געהער צו דיר. דו האָסט נאָר געפּאָדערט, בין איך גלייך געקומען. ווי נאָר ס׳וועט זיך ענדיקן מיין צושטאַנד פון אומריינקייט, וועסטו מיך קענען נעמען. דערווייל לאָמיר אַנטלויפן. איך וועל פאַר דיר קאָכן, וואַשן וועש, אויסקערן דיין כאַטע, זייען און אָפּהיטן דיינע פּלאַנטאַציעס, — אַלץ וועל איך טאָן, אַבי מיר זאָלן אַנטלויפן אינאיינעם. ווילסטו זיך לאָזן אין וועג אַריין? מיר וועלן זיך לאָזן קיין באַנגי; וועסט זיך דאָרטן פאַרדינגען פאַר אַ טורוגו. ווי נאָר דו ווערסט אַ טורוגו, וועט קיין שום מ׳בּי נישט האָבן קיין העזה אויפצוהייבן אויף דיר אַ האַנט. קיינער, אפילו באַטואַלאַ אויך נישט.

„זעסטו: נישט אומזיסט פאַרשטייען די קאָמענדאַנטן נאָר דאָס, וואָס זייערע טורוגוס ווילן, אַז זיי זאָלן פאַרשטיין...

לאָמיר גיין! איך וויל נישט נעמען קיין סם אין מיין מויל. איך וויל נישט איינטונקען מיינע הענט אין קאָכעדיק וואַסער. איך וויל נישט, אַז מיין לייב זאָל געברענט ווערן מיט אָנגע־גליט אייזן. איך וויל נישט, מיינע אויגן זאָלן שטאַרבן. איך וויל נישט שטאַרבן. יונג, געזונט און קרעפטיק, קען איך נאָך לעבן אין אַ משך פון לאַנגע, לאַנגע רעגן־תקופות. און לעבן הייסט — שלאָפן מיטן מאַן, וועלכן מ׳באַגערט...״

ביסיבינגי האָט זיך אויפגעהייבן, זיך אויסגעצויגן.

דאָס רויט־בלוטיקע שיפל פון דער זון האָט אָנגעהייבן צו זינקען אויפן האָריזאָנט.

די פייגעלעך האָבן אויפגעהערט צו זינגען. דיזעלבע שטילקייט, וואָס הערשט איבערפרי, ווען די זון גייט אויף, האָט אויך איצט געהערשט אינם בין־השמשות, פאַרן אָנקומען פון דער נאַכט.

— יאַסיגינדזשאַ, דו האָסט געזאָגט אמתע ווערטער, איבער וועלכע מען דאַרף זיך פאַרטראַכטן. אין נ׳גאַקוראַס נאָמען שווער איך דיר, אַז דיין כבוד וועט נישט באַפלעקט ווערן.

„ס׳איז אָבער נאָך נישט אָנגעקומען די צייט צו אַנט־לויפן. זאָל זיך פאַרענדיקן דער יאַגד. נאָכדעם וועל איך אַוועק־גיין קיין באַנגי און אָנקומען פאַר אַ טורוגו.

אַ טורוגו — אַ מיליציאַנט, אויפן לשון פון די ווייסע — האָט זיך אַ ביקס, פולווער און אַ גרויסן מעסער, וואָס הענגט אויף דער לינקער זייט, צוגעבונדן צו אַ לעדערנעם פאַסעק. מ׳איז גוט אָנגעטאָן. מ׳האָט אויף די פיס סאַנדאַלן. מ׳טראָגט אַ רויט היטל. מ׳באַקומט שכירות. און יעדן זונטיק, ווען „טאַטאַ־ליטאַ" בלאָזט אויף „רו", גייט ער מאַכן אַ קליין „פּע׳נדערע" אין די דערפלעך, ווו די פרויען כאַפן פון אים התפעלות.

„צו די אַלע מעלות קומען נאָך צו אַנדערע, מער וויכ־טיקערע.

„אַלזאָ, אָנשטאָט אַליין צו צאָלן שטייערן, העלפט גאָר דער טורוגו אויפצומאָנען זיי פון אַנדערע.

„מיר זענען זיך נוהג אַזוי, אַז מיר ראַבעווען סיי די שטעטלעך, וואָס האָבן נאָך נישט אָפּגעצאָלט זייערע שטייערן, סיי די, וואָס האָבן שוין אָפּגעצאָלט זייער חלק.

„מיר באַפעלן מען זאָל איינקוועטשן דעם קאַאוטשוק. מיר זוכן אויף די, וועלכע דאַרפן טראָגן די „סאַנדוקוס".

„אָט אַזאַ באַשעפטיקונג האָט דער מיליציאַנט.

„אומעטום, ווו מיר זאָלן נישט קומען, גיבן אונדז די אָנפירער און זייערע לייט מתנות, כּדי צו געווינען אונדזער פריינטשאַפט.

„דידאָזיקע אַלע פרטים מאַכן דאָס לעבן פון אַ טורוגו זיס, אָנגענעם, לייכט און ווייל, בפרט נאָך אַז די קאָמענדאַנטן פאַרשטייען זייער שלעכט די שפּראַך פונם לאַנד, ווו זיי זע־נען, — אונדזער לאַנד און אונדזער שפּראַך.

„מאַכט זיך אַמאָל, אַז אַ דערפל איז נישט אַזוי פרייגיביק, וואָס טוט מען? קלערט מען אויס אַ מעשה, וואָס איז נישט

געשטויגן און נישט געפלויגן, און מ׳שטעלט דעם גאַנצן עסק פאַר פאַרן אויסגעצייכנטן קאָמענדאַנט.

„נו, און ער איז דאָך שטענדיק אָרנטלעך, קלוג און פאַרשטייט גוט אַן ענין. ער הייסט באַלד אָרעסטירן דאָס גאַנצע באַפעלקערונג: הינער, אָנפירער, הינט, פרויען, ציגן, קינדער, קנעכט, און די תבואות פון די פעלדער.

„דערנאָך פאַרקייפט מען גאַנץ אָפט די הינער, ציגן, הינט, שניט און פרויען אויף אַ ליציטאַציע, און דאָס אַריינגע־פלאָסענע געלד טראָגט מען אַריין אין מלוכה־אוצר.

„אמאָל צעטיילן זיי די ציגן און די הינער צווישן זייערע פריינט; ס׳פּאַסירט, אַז מ׳שיקט זיי גאָר אַוועק דעם גובערנאַ־טאָר אַלס אַ מתנה, כדי ער זאָל זיי אין זינען האָבן אין דער תקופה, ווען מען העכערט די אַמטן.

„אין אַזאַלכע פאַלן טיילן מיר אַליין איין צווישן זיך הינט, פרויען, ציגן און שניט...

„אמת געזאָגט, זענען זיך גאָר רויקע קאָמענדאַנטן אַזוי נוהג.

„צום גליק זענען זיי נישט אַלע גלייך. אַנדערש, וואָס וואָלט געוואָרן פון אונדז, ב׳גאַקוראַ?

„איינדעראַמתן פאַרמאָגן מיר אַ סך קאָמענדאַנטן, רוצחים. ס׳רוב זענען דאָ אַזעלכע. זיי דערלאַנגען קלעפּ אַ פייערדיקן מ׳באַרטאַ, ד׳ערפאַר וואָס ער גייט טריט ביי טריט, אָנשטאָט צו גיין אין אַ גאַלאָפּ. זייערע משרתים און די משרתים פון די משרתים טוען נאָך זייער ביישפּיל. און אָט אַזוי גייט מען מלחמה האַלטן מיט קבצנים, וועלכע האָבן זיך מיט גאָרנישט פאַרשולדיקט.

די עקספּעדיציע געענדיקט, שיקן אַוועק די קאָמענדאַנטן גאַנצע חמרים „בעטיס״ צו די גובערנאַטאָרן. „בעטיס״, ווי ס׳זענען פאַרצייכנט אונדזערע העלדישקייטן און זייערע. אונדזע־רע קאָמענדאַנטן מאַכן נישט קיין וועזן פון אַ ליגן! און אַלע זענען צופרידן: מיר דערפון, וואָס מיר האָבן חוזק געמאַכט פון זיי; זיי — דערפון וואָס זיי האָבן דערציילט אויסערגע־

וויינלעכע מעשיות, וואָס אַנטשטייען אין זייער צעהיצטער פאַנטאַזיע...

„און איצט גיי איך אַוועק, יאַססיגינדזשאַ. מען רופט מיך פון אַלע זייטן. איך גיי אַוועק.

„אַ גליקלעכן וועג דיר, יאַססיגינדזשאַ!“

„אַ גליקלעכן וועג דיר, ביסיבינגי!“

זי האָט זיך צוגעקוקט, ווי ער דערווייטערט זיך, ווערט קלענער און ענדלעך גאָר נעלם געוואָרן. דעמאָלט האָט זי אַרויפגעשטעלט אויפן קאָפּ איר טאָפּ מיט עסנוואַרג און פּאַוואָליע האָט זי זיך אויך געלאָזט אין וועג אַריין.

אַ מילדער בין-השמשות, פול מיט שטערן, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער ערד. אין דער לופט האָט זיך געטראָגן אַן אָנגענעמער ריח פון שמעקעדיקע פלאַנצונגען. אַ שאָטן האָט אַרומגענומען די רויטע פייערלעך אין די סטעפּעס. ענלעך צו אַן אויסגעבויגענעם מעסער, איז די לבנה געשטאַנען אויפן הימל און דאָרט געלויכטן. גאַנץ ווייט פון איר האָט אַ גלאַנציקער שטערן שימערירט אינם פוסטן, טונקל-בלויען שטח.

אַ שטיל גליק, אַ רויקע ליכט, אַ לעבן, ווו ס׳האָט קיינמאָל, דאַכט זיך, נישט געדאַרפט פאָרקומען קיין שום שלעכטס. ס׳איז אַ תענוג צו לעבן! מ׳דאַרף זיך בלויז פאַרטיפן אין דער שטילקייט...

און פאַרטויבט פון די ווינטן אָדער פונם שטח, האָבן אין דער פינסטערניש געדונערט די כסדרדיקע קלאַנגען פון די טאַם-טאַמען...

VIII

פּיסיפּינגי גייט אינמיטן דער נאַכט.

ער טראָגט אַ בויגן, פּיילן, אַ טאָרבע און אַלס שפּיז, איינס פון די גרויסע „ליקאָנגאָס”, — אַ גרויסער, שווערער אייזערנער שטאַנג. ער האָט נאָך געהאַט צוויי וואַרף-מעסערס, אַ גרויסן זאַק, אָנגעפּילט מיט עסנוואַרג און אַ קינזשאַל צוגעבונדן מיט אַ רימען צו דער לינקער האַנט.

ער גייט אַזוי אין דער אומענדלעכער נאַכט אַריין, רויק, געלאַסן; אָבער ביים מינדסטן גערויש שפּיצט ער אָן זיינע אויערן און שטרענגט אָן זיין בליק.

ווי לאַנג בלאָנקעט ער שוין אַרום אין דער טיפער נאַכט, מיט אַ ברענענדיקע גלאָווניע אין זיין רעכטער האַנט?

ער ווייסט אַליין נישט. נאָר די בונדזשוס קענען איינטיילן די צייט אין גלייכע חלקים. חוצדעם געפינען זיי פאַר נייטיק איינצושליסן דידאָזיקע חלקים אין אַ קליין פּושקעלע, וווּ מ'קען זען צוויי, און אַמאָל אויך דריי רירעוודיקע נאָדלען, וואָס לויפן איבער פאַרשידענע סימנים און אונטערשיידן זיך מיט זייער לענג און שנעלקייט.

אָט איז די קאַגאַ קאָסעגאַמבאַ, דאָס קליין טייכעלע בובו, — יאַבאַאָ! ווי גוט ער האָט זיך דאָ אויסגעבאָדן, — און אָט איז דאָס קליין דערפעלע, וואָס איינער פון די מקורבים פונם שעף דעלעפו האָט אויפגעבויט. ער האַלט שוין ביים וועג, וועלכער פירט צום פאָסטן. אויף אַ מרחק פון אַ שפּיז-

וואָרף פון באַמבאַ געפינט זיך דער שטאַל פונם פּאָסטן, גאָר נאָענט צום בית-עולם, ווו מ'באַגראָבט די ווייסע. אָט איז באַמבאַ, און אויף אים, די גרויסע בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן און הענגט איבער זיינע וואַסערן; ענדלעך, דער פּאָסטן, זיינע פּלאַנטאַציעס, דער סאָד פון קאָמענדאַנט, די שאָפּע, ווו ס'פאַרקלייבן זיך די שעפן, די קאַפּיטאַנען און זייערע מקורבים, בעת מען פאַרקויפט דעם קאַוטשוק.

אַריבערגעשפרייזט פּאָמבאָ, איז ער ארומגעגאַנגען דאָס דערפל באַטואַלאַ און אַוועק צו אַן אָפּגעזונדערטע כאַטקע, ווו ס'וווינט מאַקודע, דער פישער.

ביי אים האָט ער זיך געגנוי דערוווּסט, ווו ס'געפינט זיך באַטואַלאַ.

ווען ער האָט שוין געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט מאַקודע חוץ די ידיעות, אים צוגעגעבן, נאָך עטלעכע אומבאַשטימטע אָנווייזונגען.

די אומבאַשטימטקייט פון די ווערטער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, ווי ווייט זיין לעבן געפינט זיך אין סכנה.

ס'האָט נישט געהאַט קיין זין לענגער צו וואַרטן. מ'דאַרף עפעס טאָן. און וואָס שנעלער, אַלץ בעסער.

אַ ווײַלע איז אים אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ — זיך אָפּצוזאָגן פון דער איינלאַדונג, וואָס ער האָט באַקומען. דאָך, ווען ער האָט זיך מיישב געווען, האָט ער באַשלאָסן, אַז זיין אָפּוועזנהייט קען אויסקומען אויסטערליש ביי אַלעמען אין די אויגן. מיט וואָס, אייגנטלעך, ריזיקירט ער? טרעפן באַטואַלאַן צווישן זיינע לייט? ס'לוינט נישט צוליב דעם צו מאַכן קיין פאַלשע טריט.

אַ גוטער ווינט! ער ברענגט צוטראָגן די הייזעריקע קולות פון די טראָמייטערס, די טראַסקעריי פון די פלאַמען, די רופן פון די לינ'גאַס, וואָס טאַנצן פון איין עכאָ צום צווייטן.

מ'דאַרף עפעס טאָן, אָדער שטאַרבן! טאָן? ווו? און וויאַזוי?

אַך, ווי גוט ס'איז אַרום! טאָם-טאַמען. פלעדערמייז. סאָוועס. גלי-ווערעמלעך. ווייטע פייערן. אַ הימל מיט שטערן. און אַ ראָסע, אַ ראָסע!

אַך, ווי גוט ס'איז!

יאָ, נאָר... וואָס בלייבט? מ'וועט אים געוויס היינטיקן אָוונט נישט הרגענען. פאַר עדות הרגעט מען נישט קיין מענטשן.

מסכים. נאָר וויאַזוי קען ער פטור ווערן פון באַטואַלאַן?

הם...! אַ קליינע פּאָרציע „ליקו'נדו" וואָלט גענוג געווען. ער וועט עס בגנבה אַריינטאָן אין באַטואַלאַס עסן און אין זיינע משקאות. פאַרשטענדלעך, אַז ס'איז אַ סך בעסער נאָכצומאַכן אַ פאַנטערע; אָנצופאַלן אויף אים מיט אַ שפּיז, איז אויך נישט פון די שלעכטע עצות. אָבער דיביידע מיטלען לאָזן נאָך זיך איבער שפּורן און ליקו'נדו קיין סימן נישט.

גייענדיק, האָט ביסיבינגי געקוקט אויף דער ערד, ער זאָל זיך אַמאָל נישט אָנשטויסן אויף ביימער-שטאַמען, אויף שטיינער; ער איז געגאַנגען צווישן אַ גרויסער רויטער העלקייט, וואָס דער ווינט האָט אַרויפגעבלאָזן כמעט ביזן הימל.

ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיין גלאָווינע.

און בעת ער איז געגאַנגען פאַרטראַכט — האָט דאָס פייער ביי פויאַמבאַ, אַרומגעכאַפּט די גאַנצע קאַגאַ, פון אַלע זייטן.

די פלאַמען האָבן זיך גערוקט מיט האַסטיקע שלענגלדיקע צונגען, האָבן געקלעטערט אויף פעלזן, אָדער געבערענט אויפן אָרט. דאָ האָבן זיי גאָר אַרומגעכאַפּט אַ בוים, האָבן זיך פאַוואָליע צוגעגראַבלט ביז זיין שפּיץ, און באַשלאָסן ביי זיך אים נישט צו פאַרלאָזן, אַפילו בעת ער פאַלט, באַלייכטנדיק די פינסטערניש אַרום זיך.

ווו און וויאַזוי הרגעט מען באַטואַלאַן?

וואַרטן אויף אַ געלעגנהייט? ס'לוינט נישט. זי אַליין אַרויסרופן? יאָ! אָט דערין שטעקט די גאַנצע שווערקייט.

די לעצטע אָנשטרענגונג; דערגרייכנדיק דעם שפּיץ פון דער קאַגאַ, האָבן זיך אַלע פלאַמען פאַרייניקט אין איין גרויסן פייער, פון וועלכן ס'האט זיך געטראָגן אַ רויט־שוואַרצלעכער רויך.

ער וועט הרגענען באַטואַלאַן, אָדער באַטואַלאַ וועט אים הרגענען.

פאַרשטייט זיך, אַז דער געדאַנק — צו הרגענען יענעם איז אים בעסער געפעלן, ווי אַליין געהרגעט צו ווערן. כּל־זמן מ'איז יונג און די פרויען זענען גרייט זיך אָפּצוגעבן, דעמאָלט האָט דאָס לעבן גאָר אַ באַזונדערן רייץ.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. אומעטום שריפות. די קאַגאַס האָבן געפלאַקערט, גלייך ווי שטורקאַצן אין אַ פינסטערער נאַכט.

מ'מוז באַטואַלאַן הרגענען!

סטאָפּ, סטאָפּ, סטאָפּ!.. און די פאַרשידענע צופאַלן אויף אַ יאַגד! זיי קומען פאַר זייער אָפּט, און ס'לוינט וועגן זיי אַ טראַכט צו טאָן!

פאַרוואָס נישט? מ'צילט די ביקס אין אַ חיה, און מ'הרגעט גאָר אַ מענטשן! נישט יעדער קען זיין געשיקט! דער בעסטער שיסער קען אַמאָל פאַרפעלן דעם ציל! עהע!

און די פייערן פון די סטעפּעס!

וויפל מענטשן ווערן דאָס יעדעס יאָר פאַרברענט! דאָס פייער פאַרצערט אַלץ, נישט וויסנדיק, וואָס ס'טוט און וווהין ס'גייט. מ'דאַרף נאָר עטוואָס לענגער אַ דרימל טאָן, ערגעץ אויף דעם יאַגד־באָדן. דאָס פייער טראָגט זיך, דאָס פייער שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר קיין זאַך, חוץ פאַר אַ וואַסער — און אַפילו דאָ שיפּעט עס פון כּעס — און אַלץ איז געענדיקט...

אַלזאָ, אַ פייער פון די סטעפּעס, אָבער אַן אומגליקלעכער צופאַל אויפן יאַגד!

ער האָט מיט דער נאָז אַ צי געטאָן די לופט.

אוהואו! טפו זאָל עס ווערן! ס'שטינקט! אַ מענטש מוז זיך דאָ ערגעץ געפינען, ווייל ביי קיין שום בעל־חי לאָזט דער

טינוף נישט אַרויס אַזאַ אומדערטרעגלעכן ריח, ווי ביי אַ מענטשן!

דער ריח טשעפּעט זיך איין אין דער נאָז, פאַרפאָלגט, טרעט נישט אָפּ, נאָגט. ס'אַראַ עפּוש!

אוהו! נישט איבערצוטראָגן! ס'מוז דאָ געוויס עמעצער זיין!

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן מיט גרויס פאָרזיכט. אָוונטצייט קען יעדע סטעזשקע-אויסבויג האַלטן אַ שונא אין אַ לויער-פּונקט. אַ חכם איז דער, וועלכער איז פאָרזיכטיק.

אַך! אַ בינשטאָק!

איבער אים, אין דער לענג, געפינט זיך נאָך איינער. ביסיבינגי האָט פאַרקירעוועט אויף רעכטס, ווייל דער שוואָם פונם אויבערשטן בינשטאָק איז אויך געגאַנגען אויף רעכטס.

עטוואָס ווייטער, אויף דער הויך פון זיין אַקסל, האָט ער געפונען אַ צעבראָכענע צווייג, און אויף דער ערד, ביי זיינע פיס, האָט זיך געוואַלגערט אַן אָפּגעשניטענע שטיק האָלץ און נאָכדעם — סטעפּ-גראָז.

די שפּיצן פון די אַלע זאַכן זענען געווען אָנגעצילט אויף לינקס. ער האָט פאַרבויגן אויף לינקס. אַ קליין סטעזשקעלע. ס'איז דאָ.

אויטאָמאַטיש האָט ער זיך געהאַלטן ביי די אַלע אָנווייזונגען, ווייל אומזיסט מיינען די בונדזשוס, אַז דער סטעפּ איז טויט. זיי האָבן אַ גרויסן טעות.

פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, פון ביינאַכט ביז אינדערפרי, רעדט ער, ווי אַן אַלטע פרוי.

דאָס גערויש פון טאַם-טאַמען אויף דאָפּלטע אויסבויגונגען פון די ליינגאַס, דער רוף פון די האָרנס און טראָמייטערס, געוויסע געשרייען, וועלכע מאַכן נאָך די קולות פון געוויסע פייגל, די פייפער-פיגנאַלן, וואָס איינער דערלאַנגט דעם צווייטן פון באַרג צו באַרג, דאָס גראָז אויפן מיטן וועג, צווי בינשטאָקן איינס אויפן אַנדערן לויטן אָנגענומענעם מנהג, בלעטער צונויפגעפלאָנטערט אויף אַ באַזונדערן אופן, אַ שטיקל האָלץ,

דורכגעשטאָכן מיט אַ צוויט שטיקל, — אָט דאָס איז זי, די קלינגענדיקע, ליכטיקע, אומבאַוועגלעכע, לעבעדיקע, אומגעהויער־רייכע שפּראַך פונם סטעפּ!

געלויבט זאָל זיין דער סטעפּ! מ׳מיינט, אַז ער איז טויט? ער לעבט, לעבט און רעדט נאָר צו זיינע קינדער, נאָר צו זיי אַליין! רויכן, קלאַנגען, ריחות, אומבאַלעבטע זאַכן, — אָט דאָס איז די שפּראַך, אויף וועלכער ער רעדט זיך אויף מיט די שטחים, איבער וועלכע ער געוועלטיקט; מיט די שטחים, וווּ ס׳וואַקסט אַ בוים, שפּראָצט גראָז און ס׳פּאַשען זיך ווילדע אָקסן.

געלויבט זאָל זיין דער סטעפּ צווישן קאַנאַס און בלאַטעס, צווישן וועלדער און טאָלן!

ס׳האָט זיך דערהערט אַ בילעריי, אויסגעמישט מיט קללות און דראָונגען. אַ שטורקאַץ פון קאַוטשוק האָט געפּלאַקערט. צוויי שיכּורע קולות. דאָס איז געווען באַטואַלאַ, זיין אַלטע מוטער און דזשומאַ, דאָס קליין געל הינטעלע מיט די שפּיציקע אויערן.

ביסיבינגי איז אָנגעקומען.

נאָר וויאַזוי זאָל ער הרגענען באַטואַלאַן? אַ צופאַל אויפן אַגד, אָדער אַן אומגליק פונם פייער?

און איבעריקנס, איז אפשר גאָר אין דער רגע גלייכער זיך צו פאַרטיידיקן, איידער אָנצופאַלן? ווייל נישט קוקנדיק אויף די אָנגעוויזענע התראות, איז ער, צוליב זיין תמימותדיקייט, אַריינגעפאַלן אין אַ גרויסע נעץ, וואָס מ׳האָט אויף אים אָנגעשטעלט.

IX

ביסיבינגי האָט תיכף פאַרשטאַנען, ווי אומפּאָרזיכטיק ער האָט דאָ געהאַנדלט.

ער האָט געהאַט פאַר זיך אַ שיכורן מענטשן, וואָס האָט אים אַריינגענאַרט אין אַ נעץ, און ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן, ווי אַ קליין קינד.

אַלץ איז, קענטיק, געווען פאָרויסגעזען.

ער האָט זיך איצט געפונען אויף אַ פעלד, ווייט פון דורכגייענדיקע וועגן, וואָס שניידן דורך פּאָמבאָ, אָדער ציען זיך אין איר לענג.

עדות? קיין איינער נישט. אָדער גיכער צוויי: באַטואַלאַס „מאַמאַ" און דזשומאַ, דאָס קליין הינטעלע.

אָבער אינדעראמתן זענען דאָס קיין עדות נישט. אַ מוטער, אויב זי איז נאָר ביים קלאָרן שכל, וועט זי קיינמאָל נישט אַרויסגעבן איר קינד. און דזשומאַ וועט דאָך זיכער נישט קענען דערציילן, ווייל, אויף וויפל ער געדענקט און ווייסט, האָט נאָך קיין הונט נישט גערעדט.

אַלזאָ, ביסיבינגי, מיין פריינט, עפן אויף גוט די אויגן. אויב נישט!...

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט, אַריינגעשטעקט זיין „ליקאָנגאָ" אין דער ערד און אַרויסגעשלעפּט דעם קינזשאַל. דער, וואָס וועט וועלן אָנפאַלן אויף אים, וועט אים נישט אויפעסן, איידער ער וועט זיך נישט אָנטרינקען.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן און פון הירזש-ביר, וואָס מ׳האָט אים פאָרגעלייגט, און האָט געמאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט די אַנטוישונג פון די באַלעבאַטים.

— מאַקודע האָט מיך אָקאָרשט אָנגעשטאָפּט מיט קאַר-טאָפל, מיט געוויכערטע פיש און מיט קענע. כ׳קען מער נישט, באַטואַלאַ. דו מיינסט אפשר, אַז איך זאָג אַ ליגן? גיב אַ טאַפּ מיין זעקל. עס איז איבערפולט מיט עסנוואַרג.

ער האָט געגלעט דזשומאַן, וועלכער איז צוגעקראָכן אים לעקן די הענט. דאָס הינטל האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד פון גרויס פרייד, געפּירקעט מיט דער נאָז, געשאָקלט מיטן עק, געברומט און געביסן, אויף צופּלייסן, די פינגער, וואָס האָבן אים געגלעט.

דזשומאַ איז אָבער, סוף-כּל-סוף, געווען אַ הונט ווי אַלע הינט, ד. ה. ווייניקער פון גאָרנישט. און אַזוי ווי דאָס הינטל האָט עס נישט געוואָלט פאַרשטיין, האָט ער אין אים געוואָרפן אַ שטיין.

און באַטואַלאַ, וואָס ווייטער אַלץ מער שיכּורער, האָט זיך בינו-לבינו אויפגעהייבן און אָנגעהייבן צו טאַנצן אייניקע פיגורן פונם ליבע-טאַנץ.

ס׳האָט זיך אים בלויז אויסגעדאַכט, אַז ער טאַנצט, אָבער אינדערעמתן האָט ער זיך נאָר געשאָקלט; דער קאָפּ און די פיס זענען ביי אים שווער געוואָרן, די אויגן רויט און אָנגע-בלאָזן. נאָכדעם האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ קלאָץ און האָט זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג.

דזשומאַ האָט זיך תּיכּף אָנגעהייבן צו דרייען אַרום אים און פּריילעך צו בילן; ס׳איז אַ גאַנץ פיינע שטיקל, פאַר אַזאַ הונט ווי ער איז.

— פוקט אַזאַ צופאַל איז אַמאָל געשען מיט איליי׳נגו — האָט אַ זאָג געטון באַטואַלאַ, זיך אויפהייבנדיק. ער האָט זיך דערביי פאַנאַנדערגעלאַכט.

— אָגב, איך רעד צו דיר וועגן איליי׳נגו און מיר דאַכט

זיך, אַז דו הייבסט נישט אָן צו וויסן וועגן וואָסער געשיכטע ס׳האַנדלט זיך דאָ.

„טאָ הער זשע!

„אין יענע צייטן, פּונקט ווי אין אַנדערע טעג, איז די ערד געווען אומבאַגרענעצט מיט אירע סטעפּעס, וועלדער, טייכן, מיט מורוס און מ׳באַלאַס.

„די מענטשן זענען שוין געווען אויף דער וועלט. און צוזאַמען מיט זיי איז שוין אויך געווען די קעלט.

„ווען נישט די קעלט וואָלטן די מענטשן געווען גליק־לעך. נאָר אויף דער קעלט האָבן זיי זיך באַקלאָגט. ווייל זי האָט אַוועקגענומען די בייגעוודיקייט ביי זייערע גלידער; זי האָט מקצר געווען זייער שלאָף.

„זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג באַקלאָגט, ביז וואַנען איפּעו, די לבנה, האָט אַרויסגערופן איליינגו, וועלכער הייסט אויך סעלאַפּו, און האָט אים באַפוילן אויסצולערנען די מענטשן, — ווי זיך צו באַנוצן מיט פייער.

„פון איפּעוס וווינונג ביז צו דער ערד איז אַ גרויסער מהלך.

„כדי ער זאָל וואָס שנעלער אָנקומען, האָט אים איפּעו אַראָפּגעלאָזט מיט אַן אומענדלעך־לאַנגן שטריק, צו וועלכן ס׳איז געווען צוגעבונדן אַ לייגנאַ. דעם שטריק האָט מען גע־דאַרפט אַרויפשלעפּן צוריק, נאָכדעם ווי איליינגו וועט אויס־קלאַפּן טאַם־טאַמען אויף דער לייגנאַ.

דורך איליינגו, האָבן זיך די מענטשן דערוווסט, אַז דאָס פייער קען נישט בלויז אַרויסטרייבן די קעלט, נאָר ס׳וואַרעמט אויך די אברים, קאָכט עסן און פאַרטרייבט דעם שאָטן.

„דאָס פייער איז געוואָרן זייער בעסטער פרייַנד. מ׳פלעגט זיך מיט אים מיישב זיין וועגן אַלע סודותפולע ענינים.

„און ביסלעכווייז לפי־ערך ווי ס׳האָבן אָנגעהייבן פאַר־שווונדן צו ווערן די לעבעדיקע נפשות, וואָס האָבן זיי

אַרומגערינגלט, האָט זיך אַ פּחד אַריינגעכאַפּט אינם לעבער פונם מענטשן.

„וווהין איז ער אַוועק, דער גייסט פון דידאָזיקע חיות, וואָס האָבן זיך אַמאָל אַוועקגעלייגט און מער נישט אויפגע־שטאַנען?

„אומזיסט האָט מען צו זיי גערעדט, זיי געחנפעט, זיי געגלעט, — זיי האָבן מער נישט געענטפערט אויף זייער לשון. זיי זענען געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, שווייגנדיקע. פליגן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין זייערע נאָזלעכער און גאָר אינגיכן האָבן זיי זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שמוציקן געווירמל פון ווערים.

„זיי האָבן זיך געווענדעט צו איליינגו; יענער אָבער האָט אויך נישט געוווסט וואָס אָפּצוענטפערן, כּדי זיי צו באַרויקן. ער האָט אָפּגעזוכט זיין הערשערין, איפּעוו׳ן, און צו איר אַזוי געזאָגט:

„די מענטשלעכע אומה געפינט זיך אין גרויס פּחד. זיי האָבן מורא פאַרן טויט און ווילן זיך דערוויסן ביי דיר, דורך מיין פאַרמיטלונג, אויב זיי פאַלן אונטער די זעלבע געזעצן, וואָס די חיות.

„גיי גיכער און באַרויק זיי, מיין גוטינקער איליינגו.

„כ׳האָב זיי געמאַכט לויט מיין געשטאַלט. אויך איך שטאַרב, אָבער כּדי אויפצושטיין תּחית־המתים אין אַכט שלאָפן אַרום נאָך מיין פאַרשווונדן ווערן.

„זאָלן זיי עס נישט פאַרגעסן. און כּדי זיי זאָלן האָבן אמונה אין מיינע ווערטער, וועסטו פון היינט אָן בלייבן צווישן זיי.

„דער שטריק האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט איליינגון, רייטנ־דיק אויף זיין ליינגאַ.

„ער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים שטריק מיטביידע הענט, טראַכטנדיק בשעת מעשה וועגן חמרים אַנדערע זאַכן.

„און אָט, מיינענדיק, אַז ער איז שוין אויפן אָרט, האָט ער אָפּגעלאָזט סיי דעם שטריק, סיי די ליינגאַ, און איז אַראָפּ־געפאַלן אינם תּהום!

„ס׳איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז אַראָפּפאַלנדיק איז ער געשטאָרבן. פון יענער צייט אָן האָבן די מענטשן אויך אָנגעהייבן צו שטאַרבן״.

ביסיביינגי האָט אויסגעהערט באַטואַלאַן. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן זיך אים געטומלט אין קאָפּ. באַטואַלאַ האָט אים אַנטפּלעקט אייניקע סודות, וואָס נאָר זקנים אין יאָרן האָבן זיי געמעגט וויסן. אואואו! פּאָרזיכטיק! זיין טויט איז שוין אַלזאָ באַשטימט! פּאָרזיכטיק! זיין לעבן הענגט שוין אויף אַ האָר! מעגלעך, אפילו אין אַ מינוט אַרום...

— פייער? דו רעדסט וועגן פייער, באַטואַלאַ? דו מיינסט, אַז לויט איפּעוס פאַראָרדענונג איז איל״נגו אַראָפּ, כּדי צו לערנען די מענטשן? גאַנץ מעגלעך. נישט אַזוי אָבער טראַכטן די שבטים, וואָס וווינען אויף די ברעגעס פון ניובאַנגי.

„לויט זייער מיינונג, איז דאָס פייער אַנטדעקט געוואָרן דורך איינעם פון דזשומאַס אור־אבות.

„איינמאָל, האָט דער ערשטער הונט געקראַצט די ערד, סתּם זיך געשפּילט. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגראָבן אַ טיפע גרוב, ווי מיטאַמאָל, האָט ער אָנגעהייבן צו וואָיען פון ווייטיק. ער האָט אונטערגעשפּרונגען דאָ אויף איין לאַפּע, דאָ אויף דער צווייטער לאַפּע, און געקרעכצט.

„דאָס געוויש און די תּנועות פון הונט האָבן אַראָפּגעבראַכט זיין באַלעבאָס, וועלכער איז צוגעקומען צו דער גרוב, אַריינגעשטעקט אַהין זיין פוס, און יאַהאַו! ער האָט זיך אויך אָפּגעבריט, און אויף אַזאַ אופן האָט ער אַנטדעקט דאָס פייער.

„אַזוי האָבן מיר דערציילט די שיפער ביי די יאַקאָמאַס״.

— דיינע יאַקאָמאַס, ביסיביינגי, זענען געשווירן, אָנגעשוואָלן מיט טיבופּות.

„נאָר אַ דאַנק איל״נגו אַליין, זאָג איך דיר, האָבן די מענטשן דערקענט דאָס פייער. דאָס האָט ער אויפגעבויט די ערד, אָנגעוואָרפן די קאַגאַס און אָנגעצייכנט די ליניעס פון די טייכן. איפּעו, אָבער, האָט באַשאַפן דעם ערשטן מאַנסביל און די ערשטע פרוי״...

„איך ווייס נאָך אַ סך זאַכן, ביסיבינגי, אַ סך זאַכן, וואָס דו טאָרסט נאָך נישט וויסן, ווייל לויט דיין עלטער ווייסטו שוין סיי ווי צופיל".

ביסיבינגי האָט נישט אָפּגעענטפערט אויף די לעצטע ווערטער. גערעדט איז נישט געטאָן. ער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט אַכטונג געגעבן אויף באַטואַלאַס מינדסטער באַוועגונג, און זיך נישט גערעכנט מיט די ווערטער פון זיין „מאַמע", וועלכע האָט פון אים חוזק געמאַכט.

„דו ווייסט, אַז איפּעו, די לבנה, איז אַ דם-שונא פון לאָלאָן, די זון! האָט ווידער גערעדט באַטואַלאַ. דו ווייסט מסתם נישט?

„הער זשע אויס. שוין לאַנג, גאָר לאַנג איז עס פּאָרגעקומען. לאָלאָ, וועלכע איז איינצייטיק מאַן און פרוי, האָט געלעבט בשלום מיט איפּעון.

„אין די צייטן, וועגן וועלכע איך דערצייל, האָבן ביידע, איפּעו און לאָלאָ, געהאַט מאַמעס, וועלכע זיי האָבן שטאַרק געליבט.

„איפּעוס מאַמע האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז איר זייער קאַלט, און לאָלאָס מאַמע, אַז ס'איז איר הייס. דעמאָלט האָט לאָלאָ גענומען צו זיך אַקעראַן, איפּעוס מאַמע, בעת איפּעו האָט זיך אונטערגענומען צו האַלטן לעבן זיך לאָלאָס „מאַמאַ".

„דערדאָזיקער אויסטויש איז געווען אַן אומגליקלעכער. צוגעוווינט צו קעלט, איז אַקעראַ, די אַלטע, באַלד געשטאָרבן פון גרויס היץ. לאָלאָס מאַמע, איז געשטאָרבן פון צופיל קעלט.

„פון דעמאָלט אָן האָט זיך אָנגעהייבן אַ פאַרביסענע שנאה צווישן לאָלאָן און איפּעון. און הגם איפּעו איז מעכטיקער פון לאָלאָן, ווייל ווי נאָר ס'קומט אָן דער בין-השמשות, מוז לאָלאָ מאַכן פליטה, אָבער דאָך מוז זיך איפּעו באַהאַלטן, ווען זי צינדט אָן די גרויסע שטחים.

„דו האָסט דערפון נישט געוווסט, ביסיבינגי? און האָסטו געוווסט, אַז די „אַמבערעפּיס", וואָס גלאַנצן, ווי דו זעסט, דאָרטן אינדערהויך, ווי קליינע מטבעלעך און שימערירן, ווי

אָן אַ שיעור אייגעלעך, — האָסטו געוווסט, אַז דידאָזיקע אַמ-בערעפּיס זענען נאָר לעכער, דורך וועלכע ס׳פאַלן טראָפּנס וואַסער, בעת ס׳גייט אַ רעגן?

„די פרויען, וועלכע האָבן פאַרצייטנס געוואָלט ווערן מוטערס — דעמאָלט האָבן אַלע דאָס געוואָלט — האָבן נישט געטאָרט עסן נישט קיין ציגן און נישט קיין שילדקרעטן. מיר האָבן דעמאָלט געוווסט, אַז די וואָס נערן זיך מיט ציגן-פלייש, וועלן בלייבן עקרות, און די וואָס פאַרזוכן שילדקרעט-פלייש, וועלן געבוירן פאַר דער צייט אַלטע קינדער, וועלכע וועלן גיין פּאַוואָליע, ווי שילדקרעטן. מיר האָבן אויך געוווסט, אַז אונדזערע אָבות פלעגן קענען אַרויסרופן דעם רעגן, אויב ס׳האָט זיך זיי פאַרגלוסט. זיי האָבן עס געקענט טאָן שטענדיק, אָבער אויסנוצן פלעגן זיי עס אין נויטיקע פאַלן, בעת ס׳האָט זיך אָנגערוקט די צייט פון זריעה.

„ווען די לבנה פון זריעה האָט אַרומשפּאַצירט אויפן הימל, פלעגן זיי שיטן פולע הויפנס זאַלץ אויף אַ גרויסן פייער. אַ רעגן פלעגט באַלד אָנהייבן צו פאַלן, ווייל פון שטענדיק אָן האָט זאַלץ ליב וואַסער און ציט עס צו צו זיך.

„מ׳האָט אונדז אויך געלערנט, אַז „דאָ׳נדאָרראָ״ איז אַ בייזער גייסט, וואָס קריכט אַריין אין די בייכער פון מענטשן. אַז ס׳טוט דיר וויי דער בויך, איז אַ סימן אַז דאָ׳נדאָררראָ נאָגט דיך, אַז דאָ׳נדאָררראָ מאַכט זיינע קונצן.

„און נ׳גאַקוראַ, נ׳גאַקוראַ אין ווצמענס נאָמען מיר שווערן וויפל מיר קענען נאָר, — פון אָט דעם נ׳גאַקוראַ ווייסטו עפּעס?

„ער האָט זייער אַ ווויל ווייב. און קינדער פאַרמאָגט ער מער ווי גראָזן אין די סטעפּעס. די עלטסטע, נאַדולי און נאַנגאָדזשיאָ העלפן דעם טאַטן אָנצופירן מיט זיינע דערפער.

„נ׳גאַקוראַס משפּחה ווייזט אַרויס איר חסד בלויז פאַר מענטשן. זי דערפילט שטענדיק אַלע בקשות, מיט וועלכע

מ׳וועגדעט זיך צו איר, מיטן באַדינג, אַז ביי יעדער בקשה זאָל מען ברענגען פאַרשידענע מתּנות.

„זייער איינציקער שונא איז קאַליקאָנגבאָ. לײדער, פילן מיר עס שוין צופיל, ווייל פון אייביק אָן צאָלן די אומגליקלעכע איינוווינער פון דער ערד פאַר די טעפּלעך, וואָס ווערן צעבראָכן ביי זייערע מחלוקתן. מיט איין וואָרט: קאַליקאָנגבאָ הרגעט שטענדיק נ׳גאַקוראַס פּריינט, און נ׳גאַקוראַ הרגעט קאַליקאָנגבאָס פּריינט.

„און דאַדראַ, דאַדראַ, דער באַוועגלעכער ברודער פון די אַ׳מבערעפן, וואָס איז אַזוי ענלעך צו זיי! דאַדראַ, וועלכער שוועבט אַרום צווישן הימל און ערד אין געוויסע שיינע און וואַרעמע נעכט! דאַדראַ, וואָס ווערט נעלם, דונערנדיק ווי אַ ביקסן-שיסעריי, — האָסטו אַמאָל געהערט פון דעמדאָזיקן דאַדראַ?

„ניין, ניין, ניין! אפשר שפּעטער, אַז ס׳וועט דיר געלינגען צו דערלעבן ביז ווייסע האָר, וועסטו עס וויסן. נאָר איך גלויב נישט אין דעם, ווייל איך בין פון יענע, וואָס האַלטן, אַז דו וועסט נישט דערלעבן אַלט צו ווערן.

„אַז מען וויל לעבן אַ סך טעג, דאַרף מען נישט צופיל ליב האָבן דעם שכנס ווייבער, און מען טאָר נישט דערלאָזן, אַז דעם שכנס ווייבער זאָלן זיך צופיל לעבן דיר אַרומדרייען.

„איבעריקנס, ווייסטו וואָס? איך וויל בעסער שווייגן. איך פיל, אַז איך רעד מער. וויפל מען דאַרף. אַלץ וואָס איך רעד איז פאַר דיין טובה וועגן. אָבער היינט בין איך שיכּור. דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט האָט נישט קיין שייכות דערצו, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן.

„דאָך, איידער איך וועל צומאַכן מיין מויל, וועל איך דערציילן אַ מעשה וועגן קאַליקאָנגבאָ, אָדער טראָלע, ווי מען רופט אים מיטן אמתן נאָמען.

„קאַליקאָנגבאָ איז אַזוי קליין, אַז מען זעט אים, אַזוי צו זאָגן, קיינמאָל נישט. אַנדערע פאַרזיכערן אפילו, אַז ער עקזיסטירט בלויז אין די רעיונות.

„און דאָך עקזיסטירט ער. ס׳איז נישט קיין אויסגעטראַכטע זאַך. ווען ער זאָל נישט עקזיסטירן, צי וואָלט מען דעמאָלט יעדן קליין מענטשעלע געקענט אָנרופֿן קאָליקאָנגבאָ?

„ווו ווינט קאָליקאָנגבאָ? אויף הויכקייטן, אין היילן, צווישן וועלדער. ער דערנערט זיך מיט האָניק, מיט קאַרטאָפֿל, מיט פּירות פֿון קאַוטשוק-ביימער און מיט די בעסטע פֿליישן פֿון העלפֿאַנדן.

„ווען נישט זיין וווקס, וואָלט ער געווען אַזעלכער ווי איך, אָדער ווי דו. ווייל הענט, פֿיס, און אַזוי ווייטער, האָט ער פּונקט ווי יעדער מענטש. דרך-אגב, איין באַמערקונג: אויף זיין גאַנצן קערפּער, חוץ אויף זיין קאָפּ, וועסטו קיין איין האָר נישט געפֿינען. ווען דו וואָלסט געפֿונען כאָטש איין האָר, וואָלט איך געשטוינט פֿון חידוש!

„אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז אַזוי קליין, האָט ער אויסערגעוויינלעכע כּוחות. ער איז שטאַרקער פֿון אַלע מענטשן און פֿון אַלע חיות אינאיינעם. ער איז אַזוי שטאַרק, אַז אויב דו באַגעגנסט אים, טאָרסטו אים בשום אופֿן די האַנט נישט דערלאַנגען. קוים גיט ער דיר שלום-עליכם, מעגסטו דיך שוין אָפּגעזעגענען מיט דיינע פֿינגער.

„קאָליקאָנגבאָ האָט פּלאַנטאַציעס, אַ סך פּלאַנטאַציעס! און ווי רייך ער איז! ווי שטאַרק ער איז! מען קען זיך עס גאָר נישט פֿאָרשטעלן!

„אָבער נישט געקוקט אויף זיין גרויסע עשירות, נישט געקוקט אויף זיינע קינדער, וועלכע זענען אַזוי גרויס אין צאָל, ווי די מענטשלעכע אומה, קען ער דאָך נישט געפֿינען גענוג אַרבעטער אויף צו באַאַרבעטן זיינע אומגעהויערע פּלאַנטאַציעס.

„אין דער תקופֿה פֿון רעגנס, ווועט ער פֿאַר קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט פֿאַרלאָזן זיינע היילן, ווו ער רוט. אָבער ווי נאָר ס׳קומט אָן די שיינע תקופֿה, גאַרטלט ער אַרום זיינע לענדן מיט אַ געפֿלעכט פֿון בלעטער און גראָזן, וואָס דינט אים אָנשטאָט אַ טיכל, נעמט אַ גרויסע ליקאָנגאָ, וואַרפֿט

אַרויף אויף זיך אַ זאַק — שוין איינמאָל אַ זאַק! — און אַזוי לאָזט זיך קאַליקאָנגבאָ אין וועג אַריין.

„קיין שלעכטע וועגן זענען פאַר אים נישטאָ: אַלע וועגן זענען גוט. אַלע וועגן געהערן אים. ער גייט דורך פעלזיקע פליינען, ווו די זון ברענט. אָט דאָרט טוט ער אָפּ זיינע שרעקלעכע מעשׂים! ער גייט און גייט, שוויצט און סאַפּעט. ער גייט אַהין, גייט צוריק. און אַז ס'פאַרגלוסט זיך אים, לאָזט ער אייך אַרומבלאָנדזשען פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, פירט אַראָפּ פון אייער וועג יעדן לעבעדיקן נפש, אַזוי אַז איר קענט קיין שום דאָרף נישט געפינען...

„אין אַ טרוקענער צייט געפינען זיך זייער קנאַפּ מענטשן אויף די וועגן: אַלע זענען אויף יאַגד, אין אַ טרוקענער צייט! רויט, פאַרבלוטיקט פלייש איז מער ווערט, ווי אַלע פלאַנטאַציעס אין דער וועלט.

„יעהע! וואָס איז? אויף איינעם פון די וועגן, ווו קאַליקאָנגבאָ שפּרייזט, בעת די זון איז אינמיטן הימל און איז הייס, ווי קאָכעדיק וואַסער, האָט זיך באַוויזן אַ מענטש.

„ער איז אַזוי פאַרמאַטערט, דערדאָזיקער מענטש, אַז ער באַמערקט נישט, ווי קאַליקאָנגבאָ גייט אים נאָך טריט ביי טריט, דערנענטערט זיך צו אים, קומט צו צו אים, און באַץ! ער דערלאַנגט אים אַזאַ זעץ אין קאָפּ, אַז אפילו אַן אָקס וואָלט אומגעפאַלן.

„דער קרבן פאַלט. אין די אויגען פינקלען טויזנטער פייערלעך, אין די אויערן זשומעט ווי אין אַ בינשטאָק, זיין טרוקענער האַלדז האָט נישט קיין אָטעם. ער ציט אויס די הענט און, סאַפּענדיק ווי אַ בלאָזזאַק, ווערט ער איינגעשלאָפן.

„דער קרבן שלאָפט. אַ שאָד צייט צו פאַרלירן. שנעל פּאַקט אים קאַליקאָנגבאָ אַריין אין זיין זאַק, אין זיין אומגעהיערן זאַק, מיט וועלכן ער שיידט זיך קיינמאָל נישט און לויפט צו זיינע פלאַנטאַציעס, שנעל, שנעל!

„דאָרט וועקט ער אויף דעם איינגעשלאָפענעם.

— ווילסטו אַרבעטן אויף מיינע פלאַנטאַציעס? עסן וועסטו

ביי מיר קריגן, וויפל וועסט אַליין וועלן. דו וועסט באַקומען ווייבער, משרתים, הינער, ציגן. ס׳וועט דיר זיין גוט, איך פאַרזיכער דיר.

„אָבער אין פאַל, ווען דו וועסט אָננעמען מיין פאָרשלאָג — אַזוי האָף איך — וואָרן איך דיך, אַז דו וועסט מער נישט אָנזען דיין דאָרף און קיין זאַך, וואָס האָט צו דיר געהערט.

„ביסטו מסכּים? ענטפער.

„ווי צוציענד קאָליקאָנגבאָס צוזאָג זאָל נישט זיין, דאָך באַקומט ער געוויינלעך אַן אָפּזאָג. נאָכאַמאָל באַין! ווידער באַקומט דער אומגליקלעכער מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ, וועט ווידער אַריינגעפּאַקט אין זאַק, און מיט שנעלע טריט וועט ער אַוועקגעטראָגן אויפן זעלבן אָרט, ווו מען איז אויף אים פריער אָנגעפאַלן.

„ווען ער קומט צו זיך, טוט אים דער האַלדז שרעקלעך ווי, דער קאָפּ איז אָנגעגאָסן מיט בליי, די פיס זענען אָפּגענומען. זיין גאַנצער קערפער איז צעביילט, און ער וויל זיך דערמאָנען פאַרוואָס? ער טראַכט און ער טראַכט! יאָ, קאָליקאָנגבאָ קען אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט. וועסט אין דיין לעבן נישט דערגיין!

„דאָך, ווען דו וואָלסט נישט געווען אַזוי שטאַרק צעטומלט, וואָלסטו נישט ווייט פון זיך באַמערקט קאָליקאָנגבאָן. די אויערן אָנגעשפּיצט, די אויגן אויסגעגלאָצט, האָרכט ער, קוקט און וואַרט.

„ווי געפעלט דיר דידאָזיקע מעשה, ביסיבינגי?"

— אַ זעלטענע מעשה, באַטואַלאַ. אָבער ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגן? לויט מיין מיינונג, איז דער זונען-שלאָג און די מעשה וועגן קאָליקאָנגבאָן — איינס און דאָסזעלבע.

ביסיבינגי האָט שטיל געלאַכט.

ער אַליין האָט אויך געקענט גענוג מעשיות. ער האָט אים אפילו געוואָלט דערציילן איין מעשה, וואָס זאָל אים געבן אַ באַגריף וועגן דער אַנטשטייונג פון דער שלאָף-קראַנקייט.

אָבער ס׳איז געווען אַ צו לאַנגע מעשה. שוין בעסער זי אָפּלייגן אויף אַן אנדערש מאָל.

שוין עטלעכע רגעס, ווי דזשומאַ האָט דורך זיינע אַרויס-געדרוקטע ציין געוואָרטשעט אויף זיין הינטישן לשון.

ער האָט זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטאָן צו דער סטעזש-קע און דאָרט געבליבן שטיין, ביז וואַנען ס׳האָט זיך דאָרט באַוויזן אַ מתנה מענטשן.

דאָס זענען געווען נ׳גאַפּוס פון יאַקידזשי, וועלכע האָבן זיך פאַרבלאָנקעט ביינאַכט.

ס׳אַראַ גליק! זייער אָנוועזנהייט האָט פולשטענדיק באַ-רויקט ביסיבינגין.

גאַנץ שנעל האָט ער אויפגעקליבן אַ בערגל בלעטער און זיך אויסגעצויגן אויף זיי.

ס׳האָט זיך אים געוואָלט שלאָפן. היינטיקע נאַכט וועט מען אים געוויס נישט הרגענען. צום בעסטן וועט זיין, אַז ער וועט אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך גוט אויסרוען.

שוין האַלטנדיק צוגעמאַכט די אויגן, האָט ער אַ רגע אַ טראַכט געטאָן:

„מאָרגן קומט ווידער אַ טאָג״.

נאָכדעם האָט זיין קאָפּ אָנגעהייבן צו גיין פּאַוואָליע אַהין און צוריק. אַרום אים האָט מען געפלוידערט. ער האָט אָנגעהייבן גלייך און שטאַרק צו אָטעמען.

ער איז געשלאָפן...

X

וועגן פון די סטעפּעס, אַזוי פייכט אינדערפרי און אַזוי פריש; זיסע ריחות, צאַרטע ריחות; די גראָזן ציטערן, אַ האַסטיק ווינטל שושקעט צווישן די בלעטער; זילבערנע נעפּלען, אַ פּאַרע, וואָס הייבט זיך פון בערג און טאָלן צו דער בלאַסער זון; רויכן, לעבעדיקע גערוישן, טאַם־טאַמען, אויסרופן, געשרייען. דערוואַכונג! אַך, דאָרט הויך אויף די ביימער זינגען די פייגל! נאָך העכער דרייען זיך די שפּאַרבערס! און גאַנץ הויך, זייער הויך איז דער הימל, וועמענס בלויקייט האָט קיין שום קאָליר נישט — אַזוי פיל ליכט איז אומעטום צעגאָסן!

אַ פיינער טאָג! „גוסו״, דער סטעפּ, דער גאַנצער סטעפּ וועט זיך באַלד אָנצינדן! יעהע, מ׳באַלאַס, נישט איצט איז די צייט צו ברילן! און איר בע׳נגעס, איר וווּנגבאַס, הערט אויף מיט די פּרעטערישע מאָרדעס זיך צו ראָיען אין אייערע פאַרשטונקענע גאָרעס! אַהער אַנטילאָפּעס! אַהער ציביססיס און טאַ׳נדאָרראָטאָס! דרייט זיך אויף אין אַ קנויל! שטעלט אָן אייערע שטעכעדיקע נאָדלען, טאָ׳נדאָרראָטאָס! דאָס פייער שרעקט זיך נישט פאַר אייך. אַנטלויפט גאָגואָס און ריטשעט! אין צעשאָטענע מתנות, דעם ווײַדל אויסגעגלייכט, שטופּנדיק זיך און בריקענדיק זיך, אַנטלויפט אויף אַלע פיר, שנעלער ווי אַ פייל, שנעלער ווי דער ווינט, פונקט ווי איר וואָלט

הינטער זיך פלוצלונג דערהערט דאָס ברילן פונם הערשער באַמאַראַ!

אויך איר, אוואַלאַס און דאַרראַ׳מבאַס, אַנטלויפט! איבער־געשראָקן פאַרן שאָטן פון אייערע לאַנגע אויערן און פון אַלץ, וואָס אַרום, איר, וועלכע האָט נאָר צוטרוי צו אייער זיגזאַגיקן לויף — אַנטלויפט, אַנטלויפט! שרעקט זיך פאַרן ווילדן שבט פון דזשומאַס אַלע ברידער. באַגראָבט זיך נישט מער אין די אונטערערדישע שפּאַלטן, וועלכע זענען אַזוי ברוין ווי אייערע קערפּער. נידער מיט אייערע כיטרע שפּיצלעך! אפילו אין אייערע נאָרעס זענט איר נישט זיכער. לויפט פאָרויס, ווו די אויגן קוקן, אַהין, ווו ס׳זענען נישטאָ קיין שוואַרצע רויכן, וועלכע ווייזן, אַז דאָס פייער פאַרצערט דעם סטעפּ. לויפט. לויפט, לויפט!...

אַ שיינער טאָג! אַ שיינער טאָג! דער יאַגד בעת אַ שריפה מוז זיין געלונגען! אָבער, אַז מען וועט זיך אַרומקוקן, וועט מען זען, אַז ס׳זענען נישטאָ קיין „קאָלאָס“. דידאָזיקע חיות, וועמענס לאַנגע פיס און נאָך לענגערע העלדזער שטייגן אַריבער די העכסטע גראָזן, לעבן דאָרט, גאַנץ ווייט, צווישן אוּאַם און קאַבאָ, צווישן קאַבאָ און נ׳דעלע, אויף די שטחים, רייך מיט שטעכעדיקע צמחים — זייער שפּייז.

אַך, דידאָזיקע קאָלאָס, מיט זייערע הויכע געפלעקטע קערפּער!

איר וועט אויך נישט געפינען קיין באַססאַראַגבאַס, די פעסטע באַססאַראַגבאַס, וועלכע האָבן אויפן פרעסער צוויי הער־נער פון פאַרשידענער גרויס.

אַך, דער באַססאַראַגבאַ, זיינע קליינע אויגן, רויט פון אכזריות, וואָס זעען אַזוי שלעכט, די העסלעכקייט פון זיין מוסקולדיקן, יאָדערדיקן קערפּער, וואָס רעוועט מוראדיק, יאַבאַאָ!

האָט ער אייך באַמערקט! ררו! ער טראָגט זיך גלייך אויף אייך! קיין זאַך האַלט אים נישט אָפּ. קוסטעס, בלאָטעס, ביימער, ליאַנעס, אַלץ ברעכט ער, שטעכט ער, צערייסט און צעפליקט אויף זיין וועג.

ווײ איז צו דעם, וואָס פאַרפאָלגט אים! ווײ איז צו אים! ווײ איז צו דעם, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די געגנטן, ווו דער באַססאַראַגבאַ פּאַשעט זיך און איז מעלה-גירה! זאָל זיך יענער היטן מיט די ביינער! זאָל ער בעטן הילף ביים אַלמעכטיקן נ׳גאַקוראַ! און אויב ער וועט זיך צופעליק אָנ-שטויסן אויפן ווארעמען טיגוף פון אַ באַססאַראַגבאַ, זאָל ער אַמאָל נישט אַ געשריי טאָן: „אוף! ס׳אַראַ שפּאַר ביסל! דע-מאָלט איז מיט אים זייער שלעכט, ער וועט האָבן אַ מיאוסן סוף!

ער קומט, דער באַססאַראַגבאַ, ער בלאָזט, סאָפּעט, וואָר-טשעט. מיט בייזע קרעכצן, מיט אַן אויסגעצויגענעם בויך, ווו דער דאָגנוואָררא דונערט כסדר, טוט ער אַ שטופּ זיין קרבן, קערט אים איבער, לייגט זיך אויף אים, אַז ער טראַסקעט אַזש, ווי אַ טרוקענער באַמבוס. נאָכדעם הייבט זיך דער באַס-סאַראַגבאַ אויף, טרעט אים, און גייט אַוועק ערשט דעמאָלט, פּאַטאַלאַ-פּאַטאַלאַ, ווען דער טויטער קערפּער ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שטיק צעבלוטיקט פלייש, מיט וואָס די שאַקאַלן וועלן זיך ביינאַכט צעטיילן.

אין אַזאַ פאַל איז אַ סך בעסער זיך פאַרשטאָפּן די נאָז, אויסשפּייען פון עקל און זאָגן: „אוף, ווי ס׳שטינקט!"

דערהערט אַזעלכע גראָבע ווערטער, ווערט דער באַססאַ-ראַגבאַ פאַרשעמט און ציט אָפּ אויף אַלע פיר.

נישטאָ קיין קאָלאָס, נישטאָ קיין באַססאַראַגבאַס, ווען ער טאָן עס! מען פּאַגט דאָס, וואָס מען געפינט. מען גייט אויף יאַגד צוליב יאַגד. ס׳איז אַ שפּיל פון שטאַרקע, אַ קאַמף פון מענטשן מיט דער חיה, אַ קאַמף פון געשיקטקייט קעגן ברו-טאַלישקייט.

וואָס מער סכנות אויפן יאַגד, אַלץ מער איבונג באַקומט דער מענטש צו מלחמה. דער יעגער באַווייזט זיין פלינקייט, זיין דרייסטקייט, זיין כוח, זיין אויסגעהאַלטנקייט. דאָס אויג מוז זיין זיכער, די פיס געשיקט, דער קערפּער בייגעוודיק, אויס-געהאַלטן, אומדערמידלעך. מען דאַרף קענען לאַנג-לאַנג נאָכיאָגן

די פאַרוווּנדעטע חיה, אָן אָפּרו, נישט אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם.

אוּאַלאַס, ציביססיס, דאַרראַ׳מבאַס, טאָ׳נדאָראָטאָס, קען מען מיט דער הילף פון הינט זייער לייכט פאַרניכטן אין באַנדאַ-נעצן. פון די נעצן-פּעטלעס וועלן זיי זיך קיינמאָל נישט אַרויסקריגן.

אָבער אויב מען קען אויף אַזאַ אופן כאַפּן אַ געוויסן מין קלײנע אַנטילאָפּעס, קען מען אָבער דעמזעלבן מיטל פאַר־ווענדן בנוגע אַנטילאָפּעס-באָזאָבאָס, פערד-אַנטילאָפּעס, ווונגבאַס, גאָגואַס און מ׳באַלאַס.

גאָגואַס און ווונגבאַס, אויב זיי פאַלן נאָר נישט אַריין אין גריבער, ספּעציעל צוגעגרייט פאַר זיי, דאַרף מען זיי פאַרמאַטערן, פאַריאָגן, אַריינקוועטשן אין אַ ווינקל.

ערשט דעמאָלט ווערט דער גאָגואַ געפּעוּלעך.

פילנדיק, ווי דער טויט פאַרבײַט ביסלעכווייז זיין בלוט, וואָס פליסט פון זיינע ווונדן, דרייט ער זיך אויס צום אָנפאַ־לער און, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, וואַרפט ער זיך אויף אים...

אַזאַ שמועס האָבן צווישן זיך געפירט ביסיבינגי און באַטואַלאַ, שפּאַצירנדיק רויק, דער ערשטער פון הינטן און דער צווייטער פאָרויס.

הינטער זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט דזשומאַ, די אויערן אַראָפּגעלאָזט.

יעדע רגע זענען צו זיי צוגעקומען נייע מ׳ביסן, נ׳גאַ־פוס און דאַקפּאַס. זיי זענען געווען באַוואָפנט מיט שפּיזן, פיילן, וואַרף־מעסערס.

די עלטסטע האָבן געטראָגן פעדערן אין קאָפּ, דעם קער־פער באַשמירט מיט רויט-האָלץ און מיט ריצנאייל. דער טאָג פון יאַגד איז אַ יום-טוב. זיי זענען געגאַנגען און געזונגען, ס׳רוב פון זיי אין דער באַגלייטונג פון הינטלעך, וועלכע זע־נען געווען פונקט אַזוי געל און אָנגעבלאָזן, ווי דזשומאַ.

אַ שיין וועטער. דער ווינט, אַ ווייך וואַרעם ווינט האָט געבלאָזן פון דער זייט, וווּ די זון גייט אויף, צו דער זייט,

ווו די זון פאַרגייט און האָט אָפּגעפּרישט דעם סטעפּ. לאָלאָ האָט נאָך געהאַט אַ לאַנגן יועג דורכצומאַכן, איידער זי וועט דער־גרייכן דעם מיטן פון הימל. דער טאַם־טאַם פון די לי׳נגאַס האָט אַוועקגעשפּאַצירט איבער דעם אומבאַגרענעצטן שטח, וואָס דערהייבט זיך צו די בלויע דערפער, ווו לאָלאָ וווינט. די הויכקייטן פון קאַגאַ־ביגאַ האָבן אויפן האָריזאָנט אויסגעקוקט, ווי אַ קליין פּינטעלע. אינדערפרי האָבן זיי די יעגערס דורכ־געשפּרייזט.

ס׳אַראַ פּרעכטיקער טאָג!

די קליינע מחנה האָט זיך פאַנאַנדערגעשפּרייט אויפן אָפּ־שניט פון צוויי שטעגן, פון וועלכע איינע האָט געפירט צום דאָרף סומאַנאַ, די צווייטע צו די נ׳גאַפּו־דערפער, פאַרייניקט אונטער דער אָנפירונג פון יאַקידזשי, דער געוועזענער וואַסאַל פון סענסוסו.

יעדערער האָט זיך געיאָגט צו זיין אָרט, כּדי אַליין דער געהעריקער צייט אויספירן דעם חוב, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן. מען האָט געדאַרפט היטן, פאַרטרייבן די חיה, אָדער אונטערצינדן דעם סטעפּ. אמתע יעגער, אַזעלכע, וואָס הרגענען, — אַזעלכע זענען דאָ זייער ווייניק.

אַלזאָ אַ סך זענען אַוועק צום טייך דאַנגוואַ, וואָס גיסט זיך צונויף מיטן טייך גוטיאַ, און פאַלט נאָכדעם אַריין אין קילימבי.

אָט דאָרט האט מען געדאַרפט אונטערצינדן דעם סטעפּ.

עטלעכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער זייט טייך, לעבן דערפל פון אָנפירער דאַקפּאַ־יערא־גאַאָדאַ, און אויפן ברעג פון טייכל מאַססואַ׳נגאַ. אַנדערע זענען אַוועק אויפן באַ־שטימטן פּונקט, וועלכער איז געלעגן לעבן טייך גאָנבאַדזשיאַ און׳ם טייך גאָבאָ. באַטואַלאַ און ביסיביגגי האָבן געהערט צו דער לעצטער גרופּע.

מען האָט פאַנאַנדערגעלייגט די פּראָוויזיע. גאַראַבאָס, פול אָנגעפּאַקט מיט טאַבאַק, זענען אַרומגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און בעת דזשומאַ און די איבעריקע הינט האָבן געשלאָסן

קאַנטשאַפּט אויף אַ מיאוסן הינטישן אופן, האָבן אַלע גוט גע־געסן און געטרונקען. נאָכדעם האָט מען פאַרפירט אַ שמועס וועגן דאָס און יענץ, האַלטנדיק בעת מעשה די קני בײַ דער גאָמבע און די אָפּצאָסן אונטערן הינטן.

„מען זאָגט, — האָט באַטואַלאַ זיך אָנגערופן, — אַז די באַמאַראַס און די מורוס לאָזן זיך אַרויס אויפן יאַגד מחנותווייז.

„ס'איז אמת, אַז דער באַמאַראַ לויערט אויף חיות צוזאַ־מען מיט דער לייביכע. ס'איז אויך אמת, אַז ווען די „זי" ווערט געלעגן און זויגט אירע קינדער, באַזאָרגט ער אַלעמען מיט עסן.

„אָבער אַזאַ מין פאַמיליען־לעבן דויערט נישט לאַנג. ווי נאָר די קליינע לייבעלעך האָבן שוין גענוג כּוחות זיך אַליין אויסצוהאַלטן, גיט דער טאַטע־באַמאַראַ און די מאַמע־באַ־מאַראַ זיי אָנצוהערן, אַז זיי דאַרפן באַפרייען די עלטערן פון זייער אָנוועזנהייט.

„ווייל די יונגע לייבן זענען פונקט אַזוי אומדערטרעגלעך ווי די יונגע לייט. זיי פאַרלאַנגען צופיל. ס'דאַכט זיך, אַז זיי קענען זיך קיינמאָל נישט אָנזעטיקן. אָבער דער, וואָס וויל עסן, מוז אַרבעטן. דוהוט, דוט־דוט! באַמאַראַ דער טאַטע ברילט, דרייט שרעקלעך מיט די אויגן, בלאָזט אָן זיין קורצע גריווע, שטעלט אַרויס זיינע ציין און שפּאַצירט הין און צוריק, קלאַפּנ־דיק זיך די זייטן מיט זיין אויפגערעגטן ווײדל.

„ס'איז דאָ נאָך אַן אַנדער לעגענדע, וועלכע איז מער באַקאַנט פון דער ערשטער.

„טייל מענטשן גלויבן, אַז ווילדע חיות ברילן, בעת זיי לויערן.

„ס'אַראַ נאַרישקייט! דאָס הייסט גערעדט סתם אין דער וועלט אַריין. לאָמיר נאָר אַ טראַכט טאָן. דער יעגער, וואָס גנבעט זיך אויף די שפּורן פון אַן אַנטילאָפּע, צי באַמיט ער זיך דען נישט, וואָס וויניקער טומל אָנצומאַכן? פאַרוואָס זאָל דער באַמאַראַ אַנדערש זיך נוהג זיין? אַז ער וועט ברילן,

וועלן דאָך אַלע חיות, וועלכע ער וויל כאַפּן, דערהערן און מאַכן פּליטה!

„ביין. דער באַמאַראַ ברילט, ווען ער וויל אויסדריקן זיין פרייד, בעת ער האָט שוין צעריסן אָדער אויפגעפרעסן די פאַרצוקטע חיה. דוהוט!.. דוט-דוט!.. אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדענונג. מיין הונגער איז געזעטיקט, אָדער ער וועט תיכּף געזעטיקט ווערן. איך בין צופרידן. ס'ווילט זיך מיר שפּילן. איך וויל נאָכיאָגן מיין שאָטן אויף דער זון. מיין רעווען וועט איבערשרעקן די שכנותדיקע גאָגואַס און אַנטילאָפּעס. דוהוט!... אַך, ס'אַראַ בהמות די חיות זענען! זינט זיי קענען מיין שטים און זענען אַפילו צוגעוווינט צו איר, פאַרשטייען זיי דאָך בשום אופן נישט, אַז בעת איך רעווע, האָבן זיי זיך נישט וואָס צו שרעקן! אַך!.. מיין בויך איז אָנגעשטאָפּט. איך בין שטאַרק און וויל זיך ווייל. לאָמיר אַרויפגיין אויפן שפּיץ פון דערדאָזיקער קאַגאַ. דוהוט!.. אַך! ווי איך לאַך. פונם אָרט, וווּ איך געפין זיך, זעט מען די גאַנצע סביבה. און וואָס אַזוינס זע איך? איך זע, ווי דאָרט, ווייט-ווייט, אין די טאָלן, טראָגן זיך סטאַדעס גאָגואַס. ווייל זיי האָבן מיך געהערט רעווען, אַנטלויפן זיי, די בהמות! ווי זאָל מען נישט לאַכן! דוהוט! דוט-דוט! איצט דאַרף מען אויסזוכן אַ שטיל, קיל אָרט, וווּ איך זאָל קענען פאַרדייען דאָס עסן...”

— און וואָס ווּעסטו זאָגן צו די פאַרשוינען, וואָס האַלטן, אַז די מ'באַלאַס פאַלן קיינמאָל נישט אָן אויף קיין מענטשן, נאָר, אדרבה, זיי אַנטלויפן פון אַ ביקסן-שאָס. צי זענען זיי נישט, לויט דיין מיינונג, אַזעלכע שוטים, ווי קאָסעיענדע? — האָט ביסיבינגי געפרעגט.

„אָט דאָס איז מיין מיינונג, און ס'איז דאָ אַ סיבה.

„מיט עטלעכע רעגן-תקופות צוריק בין איך געווען אין קעמאָ.

„דאָרט האָט געוווינט אַ באַרימטער יעגער פון די ווייסע, וועלכער האָט נאָר געזוכט מ'באַלאַס.

„געהייסן האָט ער קאָקעלען.

„קאָקעלען איז געווען אַ בונדזשו, וועלכע מען באַגעגנט זייער ווייניק. ער איז געווען אַזוי הויך, ווי אַ סאַראַ אָדער אַ ב׳גאַמאַ און זיינע העלע אויגן האָבן געלויכטן, ווי די זון אין הימל. ער האָט געטראָגן לאַנגע האָר, וועלכע זענען אים אַראָפּגעהאַנגען אויפן נאַקן, און כּוחות האָט ער געהאַט אַזעלכע אומגעהויערע, אַז מיט איין קלאַפּ וואָלט ער אַוועקגעהרגעט אַ גאָגוּאַ.

„מיר האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט. ער האָט געלעבט ווי מיר, ווי מיר אָרעמע נעגערס. ער האָט געגעסן דאָס, וואָס מיר עסן. אָנשטאָט אַ בעט, האָט ער געהאַט אַ באָגבאָ, ווי מיר אַלע. אויף דערדאָזיקער מאַטע פלעגט ער זיך אויסציען און אָפּשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

„איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן, האָט מען אים געמאָלדן וועגן אַ סטאַדע מ׳באַלאַס. זיי האָבן חרוב געמאַכט די פלאַנטאַציעס פון די גאָבוס-דערפער, נישט ווייט פון אוּאַדאַ, אויפן ברעג פון אוּאַ׳מבערע, וועלכער איז פאַרפלייצט מיט קאַימאַנען.

„ער האָט מיטגענומען בלויז צוויי ביקסן. איין ביקס האָט ער אַוועקגעגעבן דעם בעסטן פון זיינע שיסער, מיט צוויי פאַטראָנען אָנגעלאָדן זיין ביקס, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

„ער האָט געהאַט הצלחה.

„אינם זעלבן טאָג, עטלעכע רגעס פאַר זון-זעצונג, האָט ער אַנטדעקט פרישע שפּורן, נאָך וועלכע ער איז אַוועק.

„ס׳אַראַ גערויש! ס׳האָט קיין שום ספק נישט געקענט זיין. זיי זענען דאָ! אַ מיש-מאַש, צעבראָכענע צווייגן, צעטראָטענע גראָז. מען האָט געהערט די כּסדרדיקע טראַסקעריי פון זייערע מאָגנס, זיי האָבן זיך געוואַלגערט אין בלאָטע, געפּליושקעט זיך אין וואַסער. ווייל זיי זענען אַנטלאָפן פון דער זון אין וואַלד אַריין, אויפן ברעג פון אַן אָזיערע.

„אין דער באַגלייטונג פון זיין שיסער, איז דער ווייסער אַוועקגעקראָכן צו זיי, לאַנגזאַם, פּאַוואָליע. ענדלעך האָט

ער דערזען איין מ׳באַלאַ, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן אַ בוים און געקוקט אין זיין ריכטונג. ער האָט אים, קענ־טיק, דערשפירט.

„ס׳אַראַ פּאָר פיינע ציין! ער האָט זיך אָנגעצילט און...

„אַך! דער פאַרוואונדעטער מ׳באַלאַ האָט זיך אויף אים אַ וואָרף געטאָן.

„אין אַזעלכע רגעס גייט דאָס לעבן זייער שנעל. אויב די שרעק הרגעט אייך נישט אויפן אָרט, פילט מען זי ערשט דעמאָלט, ווען איר האָט צייט.

„ער האָט אָפּגעשפרונגען אָן אַ זייט, כּדי צו ראַטעווען זיך פון דער גרויסער חיה, אויסגעמיטן זי, זיך געלאָזט לויפן, ווידער אָנגעצילט די ביקס, אַ קוועטש געטאָן דאָס צינגל... טראַך! נישט געטראָפן.

„וואָס הייבט מען אָן צו טאָן? וווּ איז זיין שיסער? געלם געוואָרן צוזאַמען מיט דער ביקס! זאָל ער אַנטלויפן? ס׳איז געווען אוממעגלעך. אַלזאָ, מען דאַרף וואַרטן אויפן טויט. אָט גייט ער, דער טויט. דער טויט איז דאָרט, אין די קליינע לעבעדיקע אויגעלעך, אינם אויפגעדרייטן בייזן שנוק, אין די אויערן פאַנאַנדערגעשפּרייט ווי בלעטער, אינם האַסטיקן שפּרינגען. אָט איז ער...

„וואָס איז נאָכדעם פאָרגעקומען? דערפון ווייסט מען זיך קיינמאָל נישט דערוויסן, ווייל קיינער איז דעמאָלט נישט געווען דערביי.

„אָבער אַלע זענען מסכּים, אַז דער מ׳באַלאַ האָט אַ שליידער געטאָן דעם אָרעמען ווייסן יעגער אינדערלופטן און אַליין אויסגעגאַנגען אויף עטלעכע שפּיזן־וואָרפן פון זיין קרבן, וועלכן ער האָט געלאָזט ליגן אומבאַוועגלעך אויף דער ערד. ער האָט אים אויפגעשניטן דעם בויך מיט זיינע גרויסע ציין.

„ווען קאָקעלען איז געקומען צו זיך, האָט ער זיך אין זיין איינזאַמקייט געפילט שוואַך, זייער שוואַך...

„אויף די הענט און אויף די פיס איז ער צוגעקראָכן ביז צום טייך, וווּ ער האָט אָפּגעוואַשן זיין שרעקלעכע וווּנד.

„די קישקעס זענען אים אַרויסגעקראָכן פֿון בויך. ער האָט זיי אַריינגערוקט צוריק, און ווען די נאַכט האָט זיך אָנגערוקט, האָט ער אָנגעשריבן סימנים אויף אַ פּאַפּיר.

„אַ סך שפּעטער האָבן אונדז די ווייסע דערציילט, אַז די־דאָזיקע סימנים האָבן באַדייט:

— איך וועל שוין קיינמאָל נישט אָנזען קעמאַ.

„ער האָט אַ טעות געהאַט. ער האָט געזען קעמאַ, ווי מען האָט אים שנעל געבראַכט צופֿירן. ער האָט נישט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט שטאַרק געליטן. אָבער זיין פּנים איז געווען זייער בלאַס, זיין קערפּער האָט געברענט. די נאָזלעכער האָבן זיך אויסגעצויגן, די ליפּן זענען פֿאַרטריקנט געוואָרן, פּונקט ווי ס׳וואָלט אין זיי קיין סימן בלוט נישט געווען.

„און דאָך האָט ער נישט געמאַכט קיין איינדרוק, ער זאָל שטאַרק ליידן. ער האָט זיך נישט באַקלאָגט.

„מען האָט אים שנעל אַוועקגעלייגט אויף מאַטראַצן אין אַ שיפֿל און אַוועקגעפֿירט וואַסער־אַראָפּ קיין באַנגי, אויסמיידנדיק ביינאַכט די געפֿערלעכע שטראָמען ביי באַקו׳נדו, ווייל ס׳איז געווען די תקופֿה פֿון די העכסטע וואַסערן.

„די דאָקטאָרראָס פֿון באַנגי האָבן אומזיסט אָנגעווענדעט זייערע אַלע מיטלען, זייער גאַנצן כּישוף, כּדי אים צו ראַטעווען.

„ס׳איז נישט געווען וואָס אויפֿצוטאָן. דאָ׳נדאָררא האָט געמאַכט זיין בויך זאָל אָנהייבן צו פֿוילן.

„ער האָט געשריגן דער ווייסער יעגער. ער האָט געמאַכט געוואַלדן. זיין אָנגעשוואָלענער בויך איז געווען ענלעך צו אַ זאַק, אָנגעפּאַקט מיט עסנוואַרג. גאַנצע נעכט זענען לעבן זיין צוקאָפּנס אָפּגעזעסן די, וואָס מען רופֿט זיי „טאַטע זיסער", און אַרויסגעלייענט קללות קעגן שלעכטן גייסט.

„אַלץ איז געווען אומזיסט. קאָליקאָנגבאָס האַנט האָט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזט.

„ער איז געשטאָרבן אין אַכט טעג אַרום נאָך זיין אָנקומען קיין באַנגי..."

אינמיטן הימל האָט די זון געפלאַמט. זינג-דראָסלען האָבן אומעטום אָנגעזאָגט וועגן דערדאָזיקער געשעעניש. און אָנקומענדיק פון פאַרבלאָזן האָריזאָנט, האָבן דריי ווינטן האַסטיק אַ בלאָז געטאָן. פונקט ווי יעדן טאָג, אין דערזועלבער שעה, האָבן זיי אין אַ וויכער אַוועקגעטראָגן מיסט, טרוקענע בלעטער און שטויב.

דערדאָזיקער ווינט האָט געבלאָזן פון דער זייט, ווו די זון גייט אויף, כדי אויסצוגיין דאָרט, ווו די זון פאַרגייט. און איצט איז ער געקומען פון דאָרט אין דער פאָרם פון אַ לייכט ווינטעלע.

פון רעכטס, פון לינקס, פון בערג, פון טאָלן, פון בלאָטעס, האָבן זיך דענסמאָל געלאָזט הערן די קולות פון טראָמייטערס, אַליפאַנטן און טאַם-טאַמען. און פלוצלונג — אַ ווילדער געשריי:

„יאַהאַ!״

דער סיגנאַל! דער סיגנאַל! דער יאַגד איז אויפגעעפנט! עס הייבט זיך אָן!

פון דער זייט פונם טייך דאַנגואַ האָט זיך געצויגן אַ רויך.

צי איז עס דען טאַקע געווען אַ רויך?

יאָ, יאָ! צווערשט כמעט אומבאַמערקלעך, האָט ער זיך געצויגן ווי אַ שוואַרצער פאָדעם און זיך ברייט אויסגעשפּרייט הויך, אונטערן הימל.

ס'איז שוין געווען די ריכטיקע צייט צו קלאַפּן דאָס אייזן פון די שפּיזן אָן די קלינגלעך פון די וואַרף-מעסער.

„יאַהאַ!״

XI

יאַהאַ! דער סיגנאַל! אַט איז שוין דער סיגנאַל! דאָס פייער שפּרייזט, דאָס גרויסע ווילדע פייער, וואָס בראָט, ברענט, טרייבט די פייגל, יאָגט די שלאַנגען, שרעקט די ווילדע חיות, האַקט אונטער די גאווה פון די ביימער און גראָזן, דאָס פייער, וואָס רייניקט אויס, פאַרבעסערט די פעלדער און מאַכט זיי פעיק צו דער צוקונפטיקער זריעה.

אַך! ווער קען אָפּשאַצן דאָס פייער? ווער קען ווי געהעריק באַזינגען דידאָזיקע קליינע זון מיט ספּעציעלע פּרעכטיקע און היציקע ווערטער, וואָס איז צייטנווייז איינציק און עפּטער פאַרפּילפּאַכט, וואָס שיינט טאָג און נאַכט, סיי אין אַ רעגן און סיי בעת אַ ווינט?

מ׳דאַרף באַזינגען זיין רירעוודיקע ליכטיקייט, זיין פאַרשידנאַרטיקע צורה, זיין וואַקסנדיקע היץ, זיין זיסע, פעסטע, אומדערטרעגלעכע און סודותדיקע היץ.

געלויבט זאָל זיין דאָס פייער!

האָט אייך דער שטויב-זייער די אויגן פאַרמאַכט? דאָס פייער וואַכט לעבן דעם איינגעשלאָפענעם, ברומט געמיטלעך, הילט אים איין אין פעדעם פון זיין היץ, רייסט אים אָפּ פון דער וועלט דורכן גוטן לייכטן טויט פונם שלאָף, און טראָגט אים אַוועק אין יענעם מתיקותדיקן לאַנד פון חלומות, פונוואַנען מ׳קומט צוריק מיט יעדן מאָרגנשטערן.

ס׳וואַרפט אייך אפשר פון קדחת? איר ציטערט פון

קעלט? דאָס פּייער רעגולירט דאָס בלוט, וואָס פליסט אין די בלויע שטריקלעך פון אײַערע הענט.

נאָר אַדאַנק דעם פּייער הייבט איר אָן צו שוויצן! נאָר דאָס פּייער מיט זײַנע ליכטיקע לאַסקעס מונטערט אויף אײַערע פאַרגליווערטע איברים! דאָס איז אַזוי זיס, אַז מ'קען עס צוגלײַכן צו אַ מחיהדיקן בוימל!

ביסלעכווייז ווערן די מוסקולן בייגעוודיק, הייבן זיך אָן פרײַ צו באַוועגן. קדחת און מידיקייט ווערן פאַרשוווּנדן. ס'איז אײַך שוין נישט קאַלט. זאָל אינדרויסן כלײַפּטן אַ רעגן! דאָס פּייער איז שטענדיק נאָענט, דאָס פּייער טרייבט מיט זײַן רויך די זשומענדיקע קאָמאַרן און מיט זײַנע שטראַלן — די פּייכטקייט.

זענט איר איינזאַם און טרויעריק? איר נייטיקט זיך אין געזעלשאַפט? דאַרפט איר ווײַט נישט זוכן. דאָס פּייער איז דער גוטער חבר, דער פרײַנט, דער אונאַדזשיאַ, דער פאַרטרויונגס-מענטש. פּונקט ווי ער דערוואַרעמט די איברים, אַזוי דערוואַרעמט ער אויך דעם לעבער און איז נוטה דעם מענטשן צו פאַרטרויונג.

לעבן אים, אַדאַנק אים, איז מען אָנגעזעטיקט פון היץ. און פּונקט ווי יעדער גוטער מאכל, אַזוי אויך דער מאכל, באַרויקט, דערפרייט און באַצויבערט. אַלץ, וואָס גייט פון אים, שטויסט אײַך צו פאַרגעסנקייט. אַפילו בעת איר הערט זײַן פריילעכע טראַסקערײַ, ווערט אײַך תיכף היימלעכער און ס'גלוסט זיך אײַך ריידן... ריידן...

ווער-זשע קען ווי געהעריק לויבן דאָס פּייער? איבערהויפּט, ווער קען נאָכזינגען זײַן שײַן, זײַן רויט געזאַנג, ווען דערדאָזיקער געזאַנג באַוועגט זיך אין דער פאָרם פון אַ שריפה, און ברייט, האַסטיק, אומגעהויער, פילפאָרמיק וואַרפט עס זיך איבערן סטעפ, איבער קאַנאַס, און שליידערט אין אומאָרדענונג אַ ים מיט צעווילדעוועטע פלאַמען, בעת די פאַלנדיקע ביימער פאַרשטאַרקן נאָך דעם אומבאַשטימטן גערויש?

ווער קען זינגען דאָס ליד פונם פּייער אין די וועלדער?

עס איז דאָ און דאָרטן, און ווידער דאָ, און ווידער דאָרטן, און נאָך ווייטער. עס האַלט זיך נישט אויף איין אָרט. אין איין אויגנבליק שלינגט עס איין די איינזאַמע ערטער. עס רוקט זיך פון גרעזעלע צו גרעזעלע. עס דערנענט זיך. וועד ס׳האָט געדולד, וועט עס באַלד זען. נאָך אַביסל צייט, נישט מער ווי אַ קליין ביסעלע צייט, — און מ׳וועט הערן זיין צאָרנדיקע טראַסקעריי, וועלכע איז דאָ דאָרטן, אומעטום, וווּ מ׳זעט נאָר די רויכן!

אָבער... אָבער ווּהין גייט דאָס פייער? צי פאַרקירעוועט עס נישט צום טייך פאָנגגו און צום דערפל סומאַנאַ?

העי! פופו! מיין פריינט, דער ווינט! פופו, מיין אואַנדזשיאַ, טרייב דאָס פייער אויפן דערפל גאַאָדאַ, איך בעט דיך! זאָל ב׳גאַקוראַ אונדז באַגליקן! אויב נישט...

אַך! אָט קומט עס צוריק. ס׳גייט ווי צום בעסטן! אָט קומט עס, דאָס פייער, און די רויכן ווערן געדיכטער. די לופט איז אָנגעזאָפּט מיט ריחות פון שמעקעדיקע פלאַנצונגען! לאָמיר צום לעצטן מאָל אָנשאַרפן אונדזערע שפּיזן און מעסערס! ס׳איז די העכסטע צייט!

אַ טאַם-טאַם פון לי׳נגאַסן? וואָס באַדייט ער?

ווילדע אָקסן... דערשראָקענע פון פייער... פענדען... צום דאָרף ניבאַני... וואָס נאָך? אין דערפל זענען דאָ... פאַרטרייבער און אָנצינדער... די אָנצינדער וועלן תיכף אָנצינדן... אַ טייל פונם סטעפּ... וואָס געפינט זיך... אין זייער רשות...

יאַהאַ! יאַהאַ! די שפּראַך פון די לי׳נגאַס איז אַ טייערע שפּראַך! יאַהאַ! פונם דאָרף ניבאַני דערהייבן זיך רויכן, שוואַרצע רויכן!

וויפל רויב-פייגל!.. וויפל רויכן!.. מ׳זעט אַזש נישט קיין הימל... די רויכן און די פייגל האָבן אים אינגאַנצן פאַרדעקט. זיי האָבן אויך פאַרשטעלט די זון. בלויז רויכן און פייגל! דער איבערפלוס פון די רויב-פייגל, ווייזט אָן אויף דער שפע פון ווילדע חיות! קוקט! דריי פון זיי וואַרפן זיך האַסטיק

אויף דער ערד! וואָס האָבן זיי געכאַפּט? אַהאַ! זאָל לעבן דער יאַגד!

די אַלע קולות מישן זיך אויס מיטן אַלגעמיינעם גערויש.

די צאָל מענטשן ווערט אַלץ גרעסער. די שטופּעניש און דער ליאַרם פאַרשטאַרקט זיך. כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג פון די מ'בי דערפער האָבן זיך דאָ צונויפגעקליבן. פאָראָ און אואָראָ, באַטואַלאַס געהילפן, האָבן זיך געוויצלט מיט זייער מאָקונדזשי. מ'האָט אויך געקענט זען די דריי ב'גאַפּו-עלטסטע: יאַקידזשי, וועלכן מ'רופט אויך קאַמבאַסערע, ניבאַגין און יע-רעטו'נגון.

וואָס שייך ביסיבינגין, חכמעט ער זיך אויפן חשבון פון משוגענעם, קאָסעיענדע. שלימזלדיקער קאָסעיענדע! וויאַזוי האָט ער זיך געקענט דערשלעפּן ביז צום טייך גאָבאָ?

ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

אומגליקלעכער קאָסעיענדע! קאָבאָאָלאָ, די שלאָף-קראַנ-קייט האָט אים אַזוי אויסגעמאַגערט, אַז ער האָט אַן אויסזען פון אַ לעבעדיקן סקעלעט! אויף זיין אויסגעדאַרטן האַלדז, ווו מ'זעט נאָר די אָנגעבלאָזענע אָדערן, שאָקלט זיך זיין גרויסער ביינערדיקער קאָפּ. די קראַנקייט, וואָס האָט געל געמאַכט זיינע האָר, האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן גלאַנץ זיינע אויגן אין די טיפע לעכער. ער ציטערט מיט אַלע זיינע אברים, וועלכע זענען דורכגעדרונגען מיט דער קעלט פון טויט.

דאָך, אַז דערדאָזיקער קאָסעיענדע פּרוווט טאַנצן, האַלט-דיק די הענט ביי די זייטן, און זיינע פיס האָבן זיך אָנגע-הייבן קלאַפּן אָן אייניאַנדער — איז געוואָרן אַ שטאַרקער גע-לעכטער.

מיטאַמאָל איז ער געבליבן שטיין און האָט אַרויסגעצויגן פון זיין טאָרבע צוויי נאָדלערס, גרויס ווי אַ פויסט.

מען האָט אַרומגערינגלט די טאָ'נדאָראָטאָס.

די קליינע חיהלעך האָבן זיך צונויפגעדרייט. די אָנוועזנ-דיקע מ'ביסן און די ב'גאַפּוס האָבן אָנגעהייבן צו קלאַפּן מיט

זייערע שפּיזן, אייזן אויף אייזן, קלינגל אויף קלינגל, ביז די נאָדלערס האָבן זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ און געשאָקלט צום טאַקט מיט די מאָרדעלעך.

טאָ׳נדאָררעטאָ, טאָ׳נדאָררעטאָ
דדאָ, דדאָ,
טאָ׳נדאָררעטאָ!

— דינג... דינג... קלאַם... קלאַם.. — האָט געקלונגען דאָס אייזן פון די קלינגלעך, — קלאַם... קלאַם... דינג... דינג.

דו נאָדלערל, דו נאָדלערל,
טאַנץ, טאַנץ,
דו נאָדלערל!

געשטויסן און געטריבן דורכן ווינט, האָבן זיך דערוויל די פייערן און די רויכן פון די סטעפּעס דערנענטערט צום טייך גאָבאָ.

דאָס האָט ווייניק געאַרט קאָסעיענדען. ער האָט געלאַכט מיט אַלע כוחות. ער האָט געלאַכט ביז טרערן.

אַך! די בונדזשוס מיינען, אַז זיי ווייסן אַלץ. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז די נאָדלערס זענען אַזוי פּילבאַר אויף מוזיק און, אַז זיי טאַנצן אויף זייער אופן, פּונקט אַזוי נאַטירלעך, ווי ס׳שווימט אַ הונט, וואָס מען וואַרפט אַריין אין וואַסער.

טאָ׳נדאָררעטאָ, טאָ׳נדאָררעטאָ
דדאָ, דדאָ,
טאָ׳נדאָררעטאָ!

קלאַם... קלאַם... דינג... דינג...

ער האָט אַזוי געלאַכט, אַז ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, גלייך זיין הויט פּלאַצט אונטער די זעברעס. ער האָט געלאַכט, געלאַכט און געלאַכט. נאָכן לאַכן האָט ער זיך צעשלוקעכצט. און מיטאַמאָל איז ער אַנידערגעפאַלן אויפן גראָז אַהינטער, די אויגן פאַרגלאָצט און מיט אַ שוים ביים מויל.

טאָ'נדאָרראָטאָ, טאָ'נדאָרראָטא.......

אויף די פּיס, אַלע! אויף די פּיס! דאָס פייער איז גאָר נאָענט, שיפּעט, ווערט הייסער, ברייט! זיינע רויכן שטיקן- אוואוא!

די גריבער פאַר די בופלאַקסן, צי זענען זיי גוט פאַרשטעלט אונטער די צווייגן? יאָ. אַלץ איז גוט צוגעגרייט. אויף די ערטער, גוטע שיסער! מ'דאַרף אַכטונג געבן און וואַרטן, אָנשטרענגען דאָס אויג, אָנכמורען די ברעמען און די האַק צודריקן אין האַנט!

ס'פּינקלט, ס'טראַסקעט, ס'רוישט, ס'קנאַקט, ס'דונערט. און נאָכדעם קופּעס אַש, אָנגעברענטע גראָזן און בלעטער, מחנות בינען, וואָלקנס פון כלערליי אינזעקטן און קליינינקע פייגעלעך. און ווידער אַש, אַש אָן אַ סוף!

דער ווינט פאַרשטאַרקט די שנעלקייט פונם פייער. מ'זעט שוין די פלאַמען. זייערע לאַנגע, ברייטע צונגען לעקן די טרוקענע, אויסגעדאַרטע גראָזן, וועלכע טראַסקען.

אַ געשריי! ס'האָבן זיך באַוויזן סיביס. נאָך געשרייען! אַנטילאָפּן, ווילדע חזירים, אוּאַלאַס! אַ יום-טוב! אַ שמחה! דזשוק! ס'פליען שפּיזן! צוויי, דריי, פינף שפּיזן לעכערן דורך איינע און דיזעלבע חיה! דאָס בלוט פליסט, רויכערט! אַהאַ! דער זעלטענער ריח פון בלוט! ווי ער דערוואַרעמט! ווי ער פאַרשיכּורט!

אַנטילאָפּן! סיביס! ביבריס! לאָמיר הרגענען אָט די חזירים מיט די לאַנגע שפּיציקע האָר, וואָס דרייען זיך אויף פונקט ווי אַ טאָ'נדאָרראָטאָ!

בלוט! אומעטום בלוט! דער יאַגד איז אַ ווילדער, רויטער טאַנץ! באַ! נאָך אַן אוּאַלאַ!...

— אַך! פאָרזיכטיק!... אַ מורו!... ראַטעווע זיך, ווער ס'קען נאָר!... שנעל צום בוים... אין די קוסטעס... שנעל, שנעל!... ווו פאַרבאַהאַלט מען זיך?... אַ מורו... אַ מורו... אַנטלויף, ווער ס'קען נאָר!...

ביסיבינגי האָט נישט געהאַט קיין צייט צו הערן, אָדער

וועגן עפּעס צו טראַכטן. דאָס בילן פון די הינט, די געשרייען פון זייערע באַלעבאַטים, די פלאַמען, זייער שיין, זייער היץ, די שיכּרות, וואָס בלוט רופט אַרויס און די אכזריות פון די באַוועגונגען, וואָס ס'האָט זיך דערוועקט אין אים און אין זיינע חברים, — אָט דער גאַנצער געפילדער פון קלאַנגען, פון תנועות און פון ליכטיקייט האָבן אים פאַרטויבט.

פונקט אין דעם מאָמענט האָט אַ מאַסיווע שפּיז דורכגעזשומעט איבער אים.

ווער האָט זי געוואָרפן?

באַטואַלאַ.

אָקאָרשט, מיט איין אויגנבליק פריער, האָט זיך ביסיבינגי אַ וואָרף געטאָן אין אַ זייט אויפן בוים, כּדי אויסצומיידן די פאַנטערע, וואָס האָט אַ שפּרונג געטאָן אויף אים.

בעת ער האָט זיך אויפגעהייבן אַ ציטערנדיקער, האָט זיך די ווילדע חיה דערווייטערט מיט בייזע געשרייען.

דערפאַר אָבער, דאָ, גאָר נאָענט, האָט באַטואַלאַ, דער מאָקונדזשי, געכאָרכלט צווישן ע מיתה מ'ביסן און נ'גאַפּוס, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט.

אויפגערעגט פון דער שפּיז, וואָס זי האָט געזען פליען,— הגם זי איז נישט געווען באַשטימט פאַר איר, — האָט די פאַנטערע, פאַרביילויפנדיק, צעשניטן באַטואַלאַן דעם בויך מיט איין קלאַפּ פון איר לאַפּע.

XII

באַטואַלאַ האָט שטילערייט געכאָרכלט.

שוין פון פונפצן שלאָפן איז ער געווען אין אַזאַ צושטאַנד. פון אינדערפרי ביז ביינאַכט, און פון ביינאַכט ביז אינדערפרי, ליגנדיק אויסגעצויגן אויף זיין באָגבאָ, האָט ער געשריגן אָדער געזיפצט, כסדר און אָן אויפהער.

אָן אַן אויפהער האָט דער פיבער גענאָגט זיינע ביינער, געקלאַפּט אין זיינע שלייפן, געברענט זיין קערפּער און אים געצווונגען ער זאָל פון צייט צו צייט שרייען:

— טרינקען!... טרינקען!...

אויסגעטרונקען עפּעס, האָט ער עס באַלד אויסגעבראָכן און סאַפּענדיק שווער פון ווייטיק, איז ער צוריק אַנידערגעפאַלן אויף זיין באָגבאָ.

אָבער אין דעם טאָג האָט ער נישט געבראָכן און דער פיבער האָט אים אָפּגעלאָזט. ער האָט מער נישט געשריגן. אַ קאַלטער שווייס האָט זיך פון אים געגאָסן. ער האָט זיך קוים געקענט רירן. אָנשטאָט צו זיפצן און זיך צו באַקלאָגן, האָט ער גערעדט, גערעדט אָן אויפהער, און נאָר דעמאָלט אויפגעהערט, ווען כאָרכלען האָבן זיך אים געשטעלט אין האַלדז.

נאָך אַ פּאָר מינוט, אַ נאַכט אפשר, העכסטנס אַ נאַכט און אַ טאָג, און באַטואַלאַ, דער גרויסער מאָקונדזשי, וועט זיך אוועקפּעקלען אין וועג אַריין...

די אויגן אויף אייביק פאַרמאַכט, וועט ער אַוועקפאָרן

אין ווייטן שוואַרצן ישוב, פונוואַנען מ'קען שוין נישט קומען צוריק. דאָרטן וועט ער זיך טרעפן מיט זיין „באַבאַ" און מיט אַלע אבות, וועלכע זענען פאַר אים אַהין אַוועק.

פון דאָרטן זעט מען נישט פאָמבאָ און נישט באַמבאַ. מ'זעט נישט מער די היימישע בערג און די היימישע טאָלן. מ'הערט אויף פיינט צו האָבן די ווייסע. מ'דאַרף זיי מער נישט פאָלגן. דאָרט קריגט מען זיך מער נישט מיט דעם אָדער מיט יענעם וועגן פרויען. געזאַנגען און טענץ דויערן נישט אייביק. נאָך אַ טרוקענער קומט דער רעגן. דער מענטש לעבט נאָר איין ווײַלע. דער בעסטער ממשותדיקער באַווייז איז ער אַליין. ער, באַטואַלאַ, איז דער בעסטער באַווייז פון דעמדאָזיקן אמת, ווייל באַלד שטאַרבט ער. ווייל דאָס שטילע רעדן פון וועג איצט, ביים סוף פונם טאָג, נאָך אַ לאַנגער פיבערישער באַוועגונג, איז אויך אַ סימן פון גסיסה, פון „לעאַ־לעאַ".

אָרעמער באַטואַלאַ!

און דאָך האָט מען אים גוט געפלעגט! אך! אָבער נישט באַלד נאָכן צופאַל.

ס'איז טאַקע אמת, אַז מיט אַ פאַרוווּנדעטן באַגייט מען זיך תמיד גוט, בפרט, אַז ער הייסט באַטואַלאַ!

מסכים!

אָבער צי דאַרף מען דען צוליב אַ פאַרווונדעטן אַ מאַך טאָן מיט דער האַנט אויף אַ סטאַדע גאָגואַס, וואָס מעקען אַ טריט פון דיר?

דאָס נישט!

דערפאַר טאַקע האָט מען באַטואַלאַן אייננעוויקלט אין אַ דעק און איבערגעלאָזט אים אין שאָטן פון אַ בוים, אונטער דער שמירה פון דזשומאַן, און אַליין איז מען אַוועקגעלאָפן נאָך די ווילדע אָקסן.

ערשט שפעטער האָט מען זיך מיט אים אויפדאָסניי פאַרנומען.

ב'גאַקוראַ! ווי ביטער ס'איז זיך אומצוקערן קיין באַמבאַ

אָנשטאָט צו פאַרבלייבן דאָ און לעבן אַ טאָג מיט דער גאַנצער חברה!

מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ טראָג-בעטל. פיר פּאַרשוין, מיט שטורקאַצן אין די הענט, זענען געגאַנגען פאָרויס. די דאָזיקע שטורקאַצן האָבן דורכגעלעכערט די פינסטערניש מיט אַ פאַרנעפּלטער העלקייט. הינטער זיי זענען געגאַנגען די, וואָס האָבן געטראָגן דאָס בעטל: פיר מ׳ביסן, און נאָך זיי, ווידער פיר מענטשן מיט שטורקאַצן אין די הענט.

ביסיביגי און דזשומאַ האָבן געשלאָסן דעם צו.

ס׳איז אַ לאַנגזאַמער גאַנג! ווי שווער מ׳שלעפּט זיך! ס׳איז אַ לאַנגזאַמער, שווערער און אומעטיקער גאַנג!

נאַכט-ריחות, גלי-ווערעמלעך, געוויישן פון פליגל, ראָסעטראָפּנס. פייערן, וואָס טליען לאַנג ביז זיי ווערן אויסגעלאָשן, — אויף רעכטס און אויף לינקס — דאָס אַלץ האָבן זיי געזען, געהערט און לעבן דעם פאַרבייגעגאַנגען.

און שטיל, שטיל!

פון צייט צו צייט האָבן פיר פון די שטורקאַץ-טרעגערס זיך געביטן מיט די טרעגער פונם בעטל.

אַלע האָבן אין דערזעלבער מאָס געשוויגן. מ׳האָט נישט געטאָרט גיין נישט צו לאַנגזאַם און נישט צו שנעל. מ׳האָט נישט געטאָרט זיך טרייסלען און נישט מאַכן קיין צו האַסטיקע באַוועגונגען. דער קלענסטער טרייסל און באַטואַלאַ האָט שוין געוועוועט, ווי אַ חזיר ביים קוילן. אויב נ׳גאַקוראַ האָט גאָרנישט געהערט איז אַ סימן, אַז דאָס איז אים געווען נישט אָנגענעם, אָדער ער איז געווען שרעקלעך טויב.

זיי זענען געגאַנגען לענגאויס גודאָבושיאַ, אַריבערגעשפּרייזט די באַרג-קייט, וואָס הענגט איבער באַידו, און אַריבערגעקלעטערט דעם מאַסיון באַרג ביגאַ, אין וועמענס בויך ס׳געפינען זיך אַ סך וויאָלעטע און דורכזיכטיקע שטיינדעלעך, וועלכע זענען ביי די ווייסע אַ יקר-המציאות. זיי זענען צוגעקומען צו די דערפלעך פון דעבאַלע, וווּ ס׳פליסן די פרישע וואַסערן פונם קאַוואַלאַ.

דאָרטן זענען זיי שטיין געבליבן. אָפּגעגעסן, אָפּגעטרונ־קען און ווידער אין וועג אַריין. אַ טייך: באַופּאַטאַ. עטוואָס ווייטער, אין דער ריכטונג צו גרימאַרי, פון דער רעכטער האַנט, אַן אַנדערער טייך: יאַקאָ׳מבאַ. דערנאָך, איינס נאָכן אַנדערן, יאַקאָ און זיין טייכל טאַלע׳מבע. די לעצטע בלאָטע: פּאַטאַקאַלאַ.

ווייטער ציען זיך פעלדער, ווו ס׳איז פאַרזייט הירזש, בעבלעך, קאַרטאָפל, גאָ׳מבאָס...

האַלט! מ׳געפינט זיך פאַר דער כאַטע פון מאָקונדזשי.

— דו ביסט שוין פאַר דיין כאַטע, באַטואַלאַ...

די ווייסע האָבן זייערע דאָקטאָראָס, די שוואַרצע — זיי־ערע כשוף־מאַכערס. איר מעגט זיין זיכער, אַז זיי זענען ענ־לעך צו איינאַנדער און איינע זענען ווערט די צווייטע.

ס׳זענען פאַראַן גוטע דאָקטאָראָס און שלעכטע כשוף־מאַ־כערס. ס׳זענען אויך פאַראַן גוטע כשוף־מאַכערס און שלעכטע דאָקטאָראָס.

נאָר, וואָס ס׳זאָל נישט געשען, מוז מען קודם כל דער־פילן די באַפעלן פון די כשוף־מאַכערס.

דעריבער האָט מען פאַר באַטואַלאַס כאַטע, לויט די אָנ־ווייזונגען פון די כשוף־מאַכערס, אויף אַ מין קליינער נעץ אַוועקגעלייגט ווירקזאַמע „גרי־גרי״, שמעקעדיקע זעקלעך, קמיעות קעגן אַן עין־הרע, גלעקעלעך, גרעגערס, וואָס טרייבן אָן אַ פחד אויף די בייזע גייסטער און פאַריאָגן זיי.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָבן זיך די ביי־זע גייסטער נישט געיאָגט אַוועקצוגיין. דעמאָלט זענען אָנגעקו־מען קלאָג־באָבעס, „גאָ׳נגאָ־שפילער״ און זיך געשטעלט לעבן באַטואַלאַן.

ליידער! די שרעקלעכע טאַם־טאַמען און די שאַרפע גע־וואַלדן, פון וועלכע די כאַטע האָט אויפגעציטערט, האָבן נישט געהאָלפן: די קראַנקייט איז פאַרבליבן די באַלעבאָסטע. אַ ביי־זער רוח האָט געפייניקט זיין אויסגעמאָגערטן קערפּער. ס׳האָט

נישט געלוינט אויפציען אים פעסט דעם בויך מיט אַ שטריק! האָט דען נישט דאָ׳נדאָראָ איבערגעשפּרייזט די גרענעצן, וואָס מ׳האָט אים מיטן שטריק אָנגעצייכנט?

פון טאָג צו טאָג האָט דער בויך אַלץ מער און מער געשווילט. פאַדלע־פליגן, גרויסע בלויע, גרינע און שוואַרצע ווימעס האָבן זיך געדרייט אויף זיין אָנגעשוואָלענעם רינענדיקן ווונד.

קיין זאַך האָט נישט געקענט אָפּשוואַכן דאָ׳נדאָראָס כישוף: נישט דאָס וואַשן מיט הייסן אָדער קאַלטן, נישט קיין פאַרשפּרעכונגען, נישט קיין היילונגס־קרייטעכצער, אָנגענעצטע אין שפּייעכץ, נישט קיין פּליאַסטערס פון בהמהשן טינוף, און נישט דאָס ברענען מיט אָנגעגליט אייזן.

אַפילו דזשומאַ אַליין האָט מער נישט געלעקט זיין באַלעבאָס ווונד, צוליב דער עקלדיקער שטינקעכץ, וואָס האָט זיך פון דאָרט געטראָגן.

דזשומאַ האָט דערפילט אַלע זיינע הינטישע התחייבותן.

וואָס האָט ער נאָך צו טאָן, אַז מ׳קען שוין מיט גאָרנישט העלפן?

שטאַרק פאַריאושט, איז מען געגאַנגען פרעגן דעם קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט האָט אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע העפלעכקייט. אויף די עצות, וואָס מען האָט אים אָנגעפרעגט, האָט ער געענטפערט מיט אַ וויציקן טאָן, אַז באַטואַלאַ מעג פגרן צוזאַמען מיט אַלע מ׳ביסן.

דעמאָלט האָט מען געלאָזט צורו אַלע קמיעות, פאַרשפּרעכונגען און תפילות. מ׳האָט אַוועקגעוואָרפן אַלע שמעקעדיקע קרייטעכצער, אַלע תרופות פונם כישוף־מאַכער, מען האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די „גרי־גרי“. די גאָנגאָ־שפּילער זענען נעלם געוואָרן! די קלאָג־באָבעס זענען שטיל געוואָרן! באַטואַלאַ קען שוין שטאַרבן! מ׳האָט שוין אָנגעהייבן צו ראַבעווען זיין פאַרמעגן.

זיי גליקלעך, באַטואַלאַ! דיין גסיסה איז נישט אומנוצלעך! זי דערוועקט דעם זכרון ביי אַ סך מענטשן, וועמען דו

ביסט געווען שולדיק גאָר אַ סך זאַכן, וועגן וועלכע דו האָסט פאַרגעסן.

מ׳האָט פון דיינע שפּייכלערס דיין הירזש אַרויסגעטראָגן, דיינע סטאַדעס צעראַבעוועט, דיין געווער צעגנבעט. ס׳איז נאָך גוט, וואָס מ׳האָט דערוייל דיינע פרויען נישט צוגענומען! אָבער באַרויִק זיך! זייער גורל איז שוין אָנגעצייכנט. זיי זענען שוין פון לאַנג איינגעטיילט...

באַטואַלאַ האָט שטיל געכאָרכלט.

וועגן וואָס האָט ער געטראַכט? צי האָט ער בכלל געטראַכט? האָט ער געוווּסט, אַז אין דעם אָוונט איז כמעט קיינער נישט געווען לעבן אים אין זיין כאַטע?

אָבער אַזויווי ער האָט גערעדט פון וועג, אַזויווי ער האָט געכאָרכלט, האָט ער נישט געקענט וויסן, אַז אויסער דזשומאַן, יאַסיגינדזשאַן און ביסיבינגין האָבן אים שוין אַלע פאַרלאָזן. אפילו זיינע געהילפן, זיינע קרובים, זיינע פרויען און די קינדער, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיי, האָבן אים אַוועקגעוואָרפן.

ער האָט נישט געוווּסט, אַז ביסיבינגי און יאַסיגינדזשאַ זענען געווען דאָרטן, אין זיין כאַטע, אָפּגעטיילט איינער פונם צווייטן דורכן פייער, וואָס וואַרעמט אים שוין מער נישט, אים, באַטואַלאַן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז דזשומאַ, דאָס קליינע גענלע הינטעלע, האָט געכראַפּעט, דעם קאָפּ צווישן די פיס, אויף די קאַוטשוק-קערבלעך. ער האָט אויך נישט דערהערט, אַז ביסיבינגי האָט ברוטאַליש צוגעצויגן צו זיך יאַסיגינדזשאַן. ער האָט נישט געהערט, ווי די ציגן מעקען, ווי די קאַטשקעס מאַכן פשאַפשאַפשאַ, פשאַפשאַפשאַ, אויסציִענדיק נייגעריק די העלדזער אין דער ריכטונג פונם טומל, וואָס איז פאַר זיי געווען אַזוי פרעמד.

ער האָט גערעדט פון וועג.

אין זיינע לעצטע מינוטן האָט ער איבערגעחזרט נאָכאַמאָל זיינע אַלע פאָרוואורפן בנוגע די ווייסע. ער האָט גערעדט

וועגן זייערע שקרים, זייער אַכזריות, זייער אומזין און וועגן זייער צביעות.

ס'זענען נישטאָ קיין באַנדאַס, קיין מאַנדזשיאַס, קיין ווייסע, קיין שוואַרצע. ס'זענען נאָר דאָ מענטשן און אַלע מענטשן זענען ברידער.

מ'דאַרף נישט גנבענען און נישט שלאָגן דעם שכן. מלחמה און ווילדקייט איז איינס און דאָסזעלבע. צווינגט מען דען נישט די נעגערס צו נעמען אָנטייל אין די מעשים־תעתועים פון די ווייסע? צווינגט מען זיי דען נישט צו גיין געהרגעט ווערן פאַר די ווייטע הריגות? און די וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן ווערן געבונדן מיט שטריק, געשמיסן און אַריינגעשליידערט אין תפיסות!...

גיי, עיפּושדיקער נעגער! גיי און ווער געהרגעט!...
אַ דויערהאַפטע שטילשווייגעניש.

דזשומאַ איז צוגעקומען און באַשמעקט זיין באַלעבאָס.

האָט עפּעס דזשומאַ דערפילט? ווער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז דער סוף דערנענטערט זיך שוין? ער האָט אפשר געוואָלט הערן פון דער נאָענט דאָס קול פון דעם, וואָס ער באַדויערט אפשר אין זיין פינסטערער נשמה? האָט זיך אפשר אין אים דערוועקט דער אַלטער אינסטינקט, וואָס באַפעלט די חיות, ווען איינע פון זיי האַלט ביי שטאַרבן, צו מאַכן אַ סוף מיט אַלע מחלוקתן און שטיל, מיט אַ אָנגעשראָקענער מאָרדע, אָוועקשאַרן די גראָזן אין דער ריכטונג, פונוואַנען ס'דאַרף קומען, לויט זייער מיינונג, דאָס אומבאַגרייפלעכע? מ'קען נישט וויסן. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דזשומאַ צוריק אָוועקגעלייגט, די מאָרדע אויסגעצויגן אויף די פאָדערשטע פיס און דעם רוקן אויסגעדרייט צום פייער.

יאַסיגינדזשאַ און ביסיבינגי האָבן באַטראַכט באַטואַלאַן און געשאָקלט מיט די קעפּ.

— קוזו? — האָט זי אַ פרעג געטאָן. איז ער טויט?

— ניין. נאָך נישט – האָט ער געענטפערט.

און זיי האָבן ביידע געשמייכלט.

זיי האָבן זיך פאַרשטאַנען. איצט זענען זיי אַליין אויף דער וועלט, זיי אַליין באַלעבאַטים פון זייער גורל, קיין זאַך און קיינער קען זיי נישט שטערן צו געהערן איינער דעם צווייטן.

באַטואַלאַ האָט געכאָרכלט מיט איינגעצויגענע נאָזלעכער.

מתיקות פונם לעבן, די טייערסטע רגע אין דער וועלט. ביסיבינגי איז צוגעגאַנגען צו יאַסיגינדזשאַן, זי אַרומגענומען, און, בויגנדיק זי מיט דער גרעסטער תאווה אין זיינע אָרעמס, האָט ער באַהערשט איר טיפע לייב...

באַטואַלאַ, אומזיסט ביסטו איינגעקשנט און ווילסט נישט שטאַרבן. קוק — בלויז זיי אַליין עקזיסטירן! זיי ביידע! זיי האָבן דיך פאַרטיליקט! פאַר זיי ביסטו שוין גאָרנישט!

פאַרוואָס האָסטו מיטאַמאָל אויפגעהערט צו שלוקעכצן?

אַך! דיינע אויגן עפענען זיך אויף, אָט זענען זיי שוין ברייט אָפן, און דו, דו וואַרפסט אַראָפּ פון זיך די דעקעס און שטייסט אויף, אַ שרעקלעכער, אַ דאַרער!

דו גייסט און שאָקלסט זיך, די הענט אויסגעצויגן פאָרויס, פונקט ווי אַ קליין קינד, וואָס לערנט זיך גיין.

וווהין גייסטו? צו ביסיבינגין און יאַסיגינדזשאַן? צי דען זשע ביסטו אייפערזיכטיק ביז צום לעצטן הויך? קענסט זיי לאָזן צורו, באַטואַלאַ, דו ביסט דאָך שוין אַ געשטאָרבענער!

זיי ווייסן שוין אַפילו נישט, ווו זיי זענען! זיי זעען דיך נישט, אָדער גיכער: זיי האָבן דיך נאָך נישט דערזען. זיי...

אַך! אָט דאָס איז דיין אַרבעט! ביסט גליקלעך איצט, נישט אמת? דו ביסט גליקלעך, ווייל צוריק צעטיילט און צוגעדריקט צו דער וואַנט, ציטערן זיי מיט אַלע אברים און ס׳קלאַפּט ביי זיי אַ צאָן אָן אַ צאָן פון שרעק!

און דו? אַך, נ׳גאַקוראַ! דיך האָט דערשלאָגן די אָנשטרענגונג, וואָס דו האָסט איצט געמאַכט. האָסט זיך אַליין געהרגעט, אין איין אויגנבליק און דו ביסט אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד, פונקט ווי ס׳פאַלט אַ גרויסער בוים.

ביי דעמדאָזיקן געררויש, האָבן די קאַטשקעס אָנגעהויבן צו שרייען, די הינער צו צו קוואָקען און די ציגן צו פּענדען אין אַלע זייטן. אויס רגילות האָט דזשומאַ געוואָרטשעט, נישט עפענענדיק אַפילו די אויגן. און די טערמיטן האָבן לאַנג-לאַנג געקראָכן אַהין און צוריק אין זייערע גריבלעך אין דער ברוינער ערד, האַלטנדיק אין איין זשומען. אָבער יאַסיגינדזשאַ און ביסיבינגי זענען שוין אַנטלאָפן און נעלם געוואָרן אין דער פינסטערער נאַכט.

ביסלעכווייז ווערן איינגעשטילט אַלע גערוישן. דער שלאָף באַהערשט אַלע חיות. און איבער דיר, באַטואַלאַ, וואַכט די שטילקייט און די איינזאַמקייט.

די גרויסע נאַכט איז איבער דיר. שלאָף!

שלאָף...

סוף

ביבליאָטעק מאַרק ראַקאָווסקי

ס'איז דערשינען דער בעסטער היסטאָ-
רישער ראָמאַן פון דעם גרויסן פראַנ-
צויזישן שריפטשטעלער

גוסטאַוו פלאָבער

סאַלאַמבאָ איז אַ יום-טוב פאַר דער ליטעראַטור, אויף וועלכער מען זעצט עס איבער.

סאַלאַמבאָ דאָס געניאַלע ווערק, האָט אין זיך דעם כוח, וואָס אַז מ'לייענט עס דורך, ווערט מען אָפּגעקילט צו אַ שוואַך בוך, מ'ווערט אַ מבין אויף דער שיינער ליטעראַטור.

סאַלאַמבאָ דאַרף ליגן אויפן טיש פון יעדן איינציקן יידישן לעזער. זאָל ער עס לעזן נישט איינמאָל, נאָר פינף מאָל, צען מאָל און תמיד וועט ער דאָרט געפינען נייעס וואָס ער האָט פריער נישט פאַרשטאַנען.

סאַלאַמבאָ נויטיקט זיך נישט אין מבינות און אין רעצענזיעס, ווייל טויזנטער שרייבער האָבן דערפון געשריבן און פון סאַלאַמבאָ געצויגן זייער יניקה. ס'איז אַ כבוד פאַרן גרעסטן שרייבער, אויב מען פאַרגלייכט זיין סטיל צו פלאָבערס.

סאַלאַמבאָ איז דאָס העכסטע וואָרט פון קונסט און סטיל.

סאַלאַמבאָ איז נישט בלויז אַ געניאַל ווערק, נאָר אויך אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט, ווי פלאָבער האָט באַוויזן, אַז אַ שרייבער פון היסטאָרישע ראָמאַנען דאַרף זיין באַהאַוונט אין אַלע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, אַז מען דאַרף זיין אַ לינג-וויסט, אַ מאָלער, אַן אַרכיטעקטאָר, אַ געאָגראַף, אַ טעאָלאָג...

פון פראַנצויזיש
מאַרק ראַקאָווסקי

456 זייטן .... פרייז 10.—

צו באַקומען אין אַלע בוכהאַנדלונגען